STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07147

IBER AMERIKE

Peretz Hirschbein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ הירשביין

איבער אמעריקא

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו־יארק 1918

געדרוקט-געבונדען
ביי „כהן"
קליװלאנד

א "גרינער"

מיט פינף יאָהר צוריק, אין א קאַלטען, רעגענדיגען אָסיען־טאָג, בין איך צום ערשטען מאָל אָנגעקומען קיין אמעריקא — די מדינה, וואוהין דאָס אידיש הארץ האָט אָנגעהויבען איהרע האָפ־נונגען איבערצוטראָגען.

יענע שיף, וואָס האָט מיך אהער געבראַכט, רוהט שוין לאַנג אין דער טיעפעניש פון ים. ס'איז געווען די שעהנע, פלינקע "לוסי־טאַניא", וואָס האָט זיך ביים לעבען געפלייסט אין פינף טעג איהרע פאַסאַזשירען אריבערצוברענגען פון אייראפא קיין אמעריקא און וואָס האָט מיט איהר אונטערגאַנג אזוי פיעל עגמת נפש אמעריקא פערשאַפט.

די גאַנצע פינף טעג פון מיין רייזע בין איך געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אָן פאַרענטש און געקוקט צום שוימיגען וועג, וואָס בלייבט הינטער אונזער שיף; געקוקט צו דער פערנעבעלטער ווייטקייט פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען, און געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל דערזעהן די מדינה, וואו ליעבע און האַס טרינקען מענשען אינ־איינעם מיט זייער וואַסער. כ'האָב יעמאָלט אליין ניט געוואוסט פאַרוואָס איך פערלאָז רוסלאַנד, וואו איך בין געבוירען געוואָרען און וואו איך האָב צום ערשטען מאָל דערשפּירט, ווי שווער עס איז צו ליעבען דאָס לעבען און פיינד האָבען די שכנים, וואָס רינגלען מיך ארום. צייטענווייז האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אויף אויביג, אויף אויביג פערלאָז איך רוסלאַנד און א גאַנץ נייעם לעבען וועל איך אָנהויבען אין דעם אונבעקאַנטען לאַנד, וואָס הייסט אמעריקא.

וואָרים זיצענדיג אין רוסלאַנד, אין די קליינע, אדער אפילו אין די גרעסערע שטעט און טראַכטענדיג פון אונזערע נייע היימען, טראַכטענדיג פון נייע לענדער בלייבט קיין שום לאַנד ניט אזוי אונבעקאַנט פאַר אונזער געדאַנק, ווי אמעריקא. מיט סודות איז פאַר אונז ארומגעוויקעלט דאָס לאַנד, וואו שוין א פיערטחלק פון

אונזער פאלק בוים פאר זיך א היים. אלץ, וואס עס ווערט דער־צעהלט ביי אונז דארטען פון אמעריקא, קלינגט ווי פון א מעשה ביכעל ארויסגענומען. און קומט אמאל אימיצער צו פאהרען צו־ריק פון אמעריקא קיין רוסלאנד, זעהט ער אויס אנדערש ווי די ארומיגע; רעדט עפעס קליגער, ווי איינער וואס האט א סך, א סך געזעהען און א סך געהערט דערצעהלען — די מעשיות וואס ער דערצעהלט פון דער גאלדענער מדינה, גלויבען מיר און גלויבען ניט.

צי קאן מען זיך דען פארשטעלען, אין רוסלאנד זיצענדיג, אז אין א שטאט ערגעץ דארט וואוינען אפשר אנדערהאלבען מיליאן אידען און קיינער טשעפעט זיי ניט... ווי אזוי און ווען איז דאס געשעהן?

ווארים, אז אויב אייך איז אמאל אויסגעקומען צו זעהן אויף א רוסישען וואקזאל: א צוג קלייבט זיך אוועקגעהן, פאסאזשירען שטויסען זיך און שטופען זיך מיט זייערע פעקלעך. און ערגעץ אן א זייט שטעהט א מאמע מיט איינגעפאלענע באקען, אין דרייען געבויגענע און שלאגט זיך קאפ אן וואנט, ווי פון א בייזען חלום רייסען זיך איהרע אויגען צום וואגאן, וואו אויף דער פלאטפארמע שטעהט אן אויסגעקלאגטע, אויסגעיאמערטע טאכטער און שעפ־טשעט:

— מאמע, הער אויף, ווארים כ'וועל עס ניט אריבערטראגען.

נו, וואס? אייער הארץ האט אין דער שטיל מיטגעוויינט און אייך איז גארניט איינגעפאלען צו קלערען אין יענער רגע, אז פון אט די איינציגע, מיט טרערען געוואשענע, וועלען זיך שטעט אויפ־בויען ערגעץ דארט אויף יענער זייט ים: אז אט יענע פערטרי־קענטע לעבענס וועלען נאך נייע כחות בעקומען א לעבען אויף ס'ניי אנצוהויבען.

און קוקענדיג אויף דעם שוימיגען וועג, וואס האט זיך גע־בלייבט אהינטער אונזער שיף, האט זיך געוואלט פארשטעלען, ווי אזוי עס זעהט אויס א מדינה, וואס הייסט אמעריקא, אבער וואס

מעהר אונזער שיף האט זיך דערווייטערט פון אייראפא אלץ פער-נעבעלטער איז געווארען אין מיין געדאנק דאס בילד פונ'ם לאנד וואהין כ'בין געווארען געטראגען.

ביים ברעג האט מיך קיינער ניט בעגעגענט, קיינער ניט אבגעווארט; אויסער אפשר דער צאלבעאמטער, וואס האט מיר גער-הייסען אויפעפענען מיין פעקעל און, דאס, וואס ס'האט ביי מיר גענומען פינף שעה איינצופאקען, האט ער אין איין רגע איבער-געקעהרט פון אונטען ארויף, קייענדיג דערביי גומע. קוקענדיג אויף איהם און אויף מיין צורודערטען פעקעל, איז מיר עפעס אזוי מאדנע געווארען אויפ'ן הארצען:

— צו אלדע גוטע יאהר! נאך וואס פיהרען מיט זיך אט די אלטע שמאטעס מיט דעם שטויב פון דער אלטער וועלט און איצ-טער קוקען, ווי דער אונבעקאנטער מיט אזא ערנסט פנים, רודערט זיך אין מיינע פעקלעך.... נאקעט האט מען בעדארפט אנקומען, נאקעט ווי די מאמע האט געבוירען, און אזוי פון זיך ארויסוואר-פען דאס בילד פון דער אלטער וועלט!

איך בין ארויס אין די גאסען. אידען, אידען, אידען...

— וואו איז די מאמע, וואס האט זיך דארט, אויפ'ן וואקזאל קאפ אן וואנט געשלאגען? וואו איז דער זוהן, דער בלאסער, וואס האט זיך נאך אין דער לעצטער מינוט, א צוואוועהטאגטער, בעצווי-גען פון וואגאן צו דער מוטער? וואו איז די טאכטער מיט די פער-גליווערטע טרערען אויף די באקען און מיט די הענט אויסגע-שטרעקט צו דער מאמען, צום לעצטען מאל זיך נאך ארומנעהמען און די טרוקענע באקען איהרע קושען, קושען?...

כ'האב זיי אין די גאסען ניט בעגעגענט.

כ'האב זיך דערשלאגען צו איסט בראדוויי און די ארומיגע גאסען, וואס פלעגטען זיך פון איהר ארויס, און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז אין חלום זעה איך דאס אלץ. א חלום וואס ציהט זיך שוין לאנגע, לאנגע יאהרען.

ביים שוועל פון גליקליכען לאנד האבען אונזערע נעפלאגטע

לייט די פעקלעך אראבגעווארפען; דערשראקען זיך פאר דער אונ-ענדליכער, פרייער ברייטקייט, וואס עפענט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס — און ביים שוועל זיינען זיי אלע געבליבען; אין א ווינקעלע זיך בעהאלטען. געשראקענע, גע'רודפ'טע דורות לאנג, האבען זיי אין דעם פרייעסטען לאנד דעם קלענסטען ווינקעלע פערנומען:

אין לודלאוו סטריט פערקויפען אידען עפעל; אין עסטער סטריט פערקויפט מען הערינג. און אזוי ענג, זייט ביי זייט, האבען זיי זיך צונויפגעפרעסט את די אלע, וואס זיינען אין פערשיעדענע צייטען פון פערשיעדענע שטעט און שטעטלעך געקומען, יעדערער מיט זיין דלות.

און די שטאט ניו יארק —

א בעשעפעניש פון שטאל און שטיין, און מיט אייזערנע גע-דערים און שטאלענע נערווען, וואס רוישען אזוי טרוקען און קלאפען אזוי גרילציג — אזוי האט מיר די מערקווירדיגסטע פון אלע שטעט אויסגעזעהען אין יענע ערשטע שטונדען, ווען כ'בין אליין אומגעגאנגען מיט אנגעשטרענגטע נערווען און צו אלץ זיך צוגע-קוקט, צו אלץ זיך צוגעהערט.

אז כ'האב א אידישע צייטונג גענומען אין האנט, אנגעהויבען לייענען, איז מיר אויסגעקומען, אז מיט ברעקלעך אייזען און שטאל האט מען אונזער אידישע שפראך דורכגעמישט; אזוי פער-שפיצט די ווערטער, אזוי פערשפיצט דעם אויסדרוק, אזוי, אז די שפראך האט מיר געקלונגען טרוקען, ווי דער גערויש פון די אייזענבאהנען, וואס טראגען זיך דא איבער די קעפ פון די לעבעדיגע בשעפענישען.

דאס זיינען געוועזען בלויז געפיהלען פון א ג ר י נ ע ם, וואס האט מיטגעבראכט פון דער אלטער היים זיינע אלטע בגדים און א היימיש ווייך קישעלע צום שלאפען. — —

איך בין שוין אבער פינף יאהר דא אין לאנד און קאן זיך אלץ ניט אויסגרינען. דורכגעשניטען די לאנד'ס לענג און ברייט,

— אין דער היגער פרייהייט בענקט די הארץ נאך פרייהייט.

איהר אבער פרעגט א קינד, וואס איז דא געבוירען געווארען, וואס איז נאקעט פון דער מוטער׳ס לייב ארויסגעקומען און היגע קליידער צום ערשטען מאל דערשפירט אויף זיין לייב — איהם פרעגט, זאל ער אייך זאגען וואס אמעריקא איז. אבער איך און אפשר דער גרעסטער טייל פון מיין דור האט נאך דעם אלטען פע-קעל אויף זיין פלייצע און אין פעקעל — אלטע, וויטע חלומות.

די שטאט

אז איך הויב אן צו טראכטען, וואס אזוינס איז אמעריקא, ניט בלויז פאר אונזערע אימיגראנטען, נאר פשוט פאר אונזער צייט — פערכאפט מיר אזש דער אטעם. ניט איין מאל האבען זיך מיינע געפיהלען דערהויבען, און טרערען האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען, טראכטענדיג פון דער וואונדערליכסטער פון אלע לענ-דער, וואס איז פאר אונזערע אויגען געבוירען געווארען. און אויב פערזאגטע, גע׳רודפ׳טע פון דער אלטער וועלט, פערשטויסענע קינדער געפינען דא קיין גליק ניט, איז עס בלויז דערפאר, וואס מיט זיך האבען זיי מיטגעבראכט די צייכענס אויף זייער לייב פון דער בייטש, וואס האט זיי געפאסעוועט. פון שיף אראב, אין שטאט אריינגעקומען; און די גרויסע שטאט האט זיי אנטקעגען ארויסגעשיקט איהר בייזען לץ. וואס צעהלט ביי יעדען אויפ׳ן פלייצע די צייכענס און פון יעדען איינציגען טרייבט ער אן אנדער מין לצנות. און אויב איינער האט געבראכט אן אויסגעבויגענע פלייצע טוט מען איהם דא א יאך אן, דעם אייגענעם יאך וואס ער האט אין דער היים געטראגען. דער איינגעבויגענער, אויסגע-ביינערטער רוקען איז דא א שפילכעל פאר דעם בייזען ווילען. דא, אין דעם פרייען, פון גאט געבענשטען לאנד, איז דער גורל

פון די פרעמדע, אריבערגעקומענע, איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון די, וואָס האָבען געהאַט דעם גליק מיט א טאָג פריהער צו קומען. טראַדיציעס זיינען דאָ ניטאָ. מעהר ווי אומעטום שמי־דען זיך דאָ די געסט אליין זייער גליק: שמידען פאַר זיך זייער מזל, בויען פאַר זיך זייער לעבען. ניטאָ קיין טראַדיציעס. און אויב דאָס לאַנד האָט מעשיות צו דערצעהלען, לעגענדעס איבערצוגעבען, איז דאָך עס פון מענשען, וואָס ניט זייער לעבען וויל מען נעהמען פאַר א ביישפיעל; איז דאָך עס — פון צייטען, פון וואָסערע דער נייער דור וויל גאָר ניט לערנען.

איך געה ארום אין דער ניו־יאָרקער א י ס ט ס י י ד און זעה ווי אונזערע ווייבער פערקויפען געקאָכטע באָב אָדער געבראָ־טענע קאַרטאָפעל, און דער מאַן — זויערע אוגערקעס; אָדער ווען איך טרעף אין אן אנדער שטאָט־וואו, דעם סלאוו, וואָס האָט דאַר־טען אין דער היים זיין שטיקעל פעלד געהאַט, כמעט אין שכנות מיט׳ן אידען, אז איך זעה איהם דאָ אין אן אייזען־פאַבריק, וואו ביי די שטראָמען צושמאָלצענעם מעטאל ברענט ער זיין לייב און פערגיפטעט זיינע לונגען מיט די שאַרפע גאַזען, וואָס שלאָגען פון קאָכעריגען גיהנום ארויס — ס׳האַרץ ווערט דאָך צוריסען, טרערען ווערגען דאָך אין האַלז קוקענדיג פון ווייטען:

— צי דען האָט די רייכע, ליכטיגע און יונגע אמעריקאַ שוין גאָר קיין טראָפעלע גליק ניט פאַר די, וואָס זיינען פון דער אַלטער, בייזער היים געלאָפען אין דער רגע פון יאוש?!

אז מען פאָהרט דורך דאָס לאַנד לענג און ברייט, דאַכט זיך, אז אין ערגעץ אויף דער וועלט שיינט ניט די זון אזוי פריי, אין קיין שום לאַנד גיט ניט די ערד אזא שפע ארויס, אז אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט זיינען די מענשען ניט אזוי מסוגל צו וואַקסען גרויס און שטאַרק ווי דאָ אין אמעריקאַ. מיליאָנען ווינ־קעלעך זיינען דאָ אין לאַנד פאַר יעדען איינציגען, וואו ער קען זיך אויסבעהאַלטען און זיין לעבען פריי אויסלעבען... טויזענדער בע־העלטעגישען ווארטען פאַר יעדען איינציגען, וואָס וויל פריי אָב־

אטעמען. און איבּ אונזערע לייט טוליען זיך צום הארטען שטיין, קיהלען זיך אין שאָטען פון דעם פּיערציג שטאָקיגען מויער — טא ווּעמען זאָל מען שילטען דערפאר? נאָט אליין אדער דעם טייוועל, אָבער — ניט דאָס לאַנד.

יעדעס הויז האָט א שוועל; יעדעס לאַנד האָט זיך זיין שוועל ביים טיר, ביים אריינקומען. די שוועל איז געמאכט די טיר בעסער צו פערהאַקען; די שוועל איז פאר א ניט-פּאַרזיכטיגען א פּלאַץ גע-שטרויכעלט צו ווערען; און געפעהרליך איז פאר דעם פרעמדען די שוועל פון אמעריקא, וואו דער פרעמדער בעדארף אריבערגעהן, דעם ערשטען טריט דאָ אין לאַנד מאכען. און צום שלימסטען איז דאָס, וואָס פרעמדע האָבען פאר פרעמדע די שוועל געמאכט און פרעמ-דע גראָבען פאר'ן שוועל די גרויסע גרוב אין געשטאַלט פון דער צייטווייליגער שטאָט, וואו דער ערשטער דור לעבט זיין צייטוויי-ליגען לעבען אָב.

איך דערמאָן מיר א זומער פארנאכט צופוסענס פון די קעצ-קיל-בערג. כ'האָב פערבראכט ביי א אָרטיגען פארמער, פארנאכט, נאָך דער ארבייט זיינען מיר אלע געזעסען אויף א בערגעל הינטערן שטוב און גערעדט פון דעם הייסען טאָג, וואָס האָט שוין געהאַל-טען ביים פערגעהען. די זון האָט זיך גליהענדיג אראָבגעלאָזען צו די שפּיצען פון די בערג. ווייב און קינדער, אלע האָבען זיך אויף א ווײַלע ארויסגעכאפּט אָבצורוהען. אנטקעגען אונז, אויפ'ן גראָז, זיי-נען אומגעגאַנגען זעקס יונגע, האַלב-יאָהריגע קעלבלאך. איינס האָט פערריסען דעם קאָפּ צו דער זון און מיט אמאָל אזוי זיך צובריי-קעוועט, אזש שיעור אויפ'ן קאָפּ איז עס ארויפגעשפּרונגען. דער פארמער האָט זיך צולאכט און שפּעטער, בעטראכטענדיג מיך א ביסעל, האָט ער מיר פּלוצלונג א פרעג געטהאָן:

— יא, דו ביזט דאָך פון דער גרויסער שטאָט, קענסטו אפשר עפּעס דערצעהלען פון דער גרויסער שטאָט?

איך האָב געשוויגען. געמאכט א פּנים, אז איך פערשטעה איהם שלעכט. ער איז ערנסט געוואָרען און ווידער געפרעגט:

— וואָס איז דאָרט אַזעלכעס אין דער גרויסער שטאָט. וואָס עס ציהט אהין אזוי אונזער יוגענד? אַט זעהסטו, זיצען זיי, מיינע טעכטער, און טראַכטען געווים פון דער גרויסער שטאָט. די על־טערע פאַהרט אהין לערנען די לעצטע פאַר יאָהר און כ׳זעה ווי זי ווערט פרעמד ניט נאָר פאַר מיר אליין, נאָר עפּעס ווי צו דער גאַנצער געגענד, וואו זי איז געבוירען געוואָרען און אויסגעוואַקסען — ווערט זי פרעמד.

— אמת, מען קען דאביי ניט העלפען.

— פאַרוואָס? איהר אַלע אַנגעקומענע זענט אין דעם שולדיג. וואָס ווילען זיי די פרעמדע מיט זייערע שטעט? זיי קומען אהער גרויסע שטעט ב ו י ע ן און אָב־רייסען קינדער פון זייערע טאַטעס. מען רעדט מיר איין, אז כ׳זאָל אויף ביינאכט פערשליסען מיין שטאל, ווארום עס דרעהען זיך דאָ ארום פרעמדע פון דער שטאָט און קענען עפּעס פון שטאל ארויסנעהמען. ס׳איז דאָך נאַרישקייטען. ווער בעדאַרף דען ביי וועמען עפּעס נעהמען? וואָס ברענגען זיי אהער דעם אונצוטרוי — ווער בעדאַרף עס? גלויבסט דאָך אודאי אין גאָט, טאָ זאָג מיר פאַרוואָס בויען זיי אַלע אזעלכע גרויסע שטעט, אויב זיי גלויבען אין גאָט? די פאַבריקען, די מאַשינען.... וואו גלויבען זיי דיר אין גאָט. איך קוק ווי די קעלבלאך זיינען פאַר׳ן זומער אויסגעוואַקסען און איך טראַכט: אויף דער שעהנער וועלט איז א גרויסער, גוטער גאָט פאַראַנען.

וואָס אייגענטליך האָב איך דאָ דערצעהלט? גאָר א קלייניג־קייט. ס׳אי דאָך אָבער ניט קיין ווערטער פון א פּשוט׳ען פאַרמער, וואָס איז געזעסען ארומגערינגעלט מיט זיינע קינדער, און דער־שפּירענדיג אין מיר די שטאָט האָט איהם זיין האַרץ זיך צורעדט. פאַר מיר איז עס די שטימע פון דער יונגער זאַטער אמעריקאַ, וואָס איז ניט צופרידען מיט איהרע קינדער. די אמעריקאַנער יונגע ערד, וואָס, ווי א געזונטע יונגע מוטער, מוז נאָך צו איהר אייגען קינד א פרעמד קינד בעטען די מילך פון איהרע פולע ברוסטען אַבצוזוי־

גען און דאָס פרעמדע קינד דרעהט דעם קאָפּ אָן א זייט פון איהר אוועק.

און פאר קיין פאל קען איך ניט צונויפבינדען ביי מיר אין געדאנק אינאיינעם אָט דעם סלאוו, מיין שכן, וואָס האָט ביי זיך אין דער היים געטראָגען אין א זאק אויפ'ן פּלייצע קליינע חזירים'־לעך אין מארק אריין פערקויפען, אוועקגעטראָגען די היהנער פער־קויפען; גראָשען צו גראָשען געקליבען און איז אין זיין סוויטענע געקומען ווי א געבונדענע שאָף אהער אין לאנד אריין — איך קען עס אין מיין געדאנק ניט צונויפזעצען מיט דעם פארמער, וואָס קלאָגט זיך, אז אין שטאָט איז ניטאָ קיין גאָט...

מיר דאכט זיך, אז ניט קיין מענשען זיינען ס'רוב פון די, וואָס זיינען אהער אריבערגעקומען — נאָר שוואמען, וואָס ווי נאָר מען רייסט זיי פון דער ערד אב, קלייבען זיך ווערעם אין זיי אריין. און זייער לעבען, וואָס זיי הויבען דאָ אָן צו בויען, איז אויך א ווערעמדיגער; קענען דעם אייגענעם פּנים און געשטאלט אפילו קיין דור ניט אויפהאלטען.

צו די וואָס ווערען דאָרט אין דער אלטער היים פון דער ערד אָבגעריסען; צו זיי ווערען פון א קליינער שטעטעל ארויסגעריסען;; ווער עס ווערט אין די פינסטערע מינען פערשיקט אדער ווערט פער'משפּט אין די שטיינערנע גאסען זיין לעבען אָבצולעבען — ביים שוועל פון לאנד איז עס געשעהען. — דאָרט וואו פרעמדע שמידען פאר פרעמדע — זייער מזל. די ענגע, פינסטערע גאסען אין ניו־יאָרק אדער אין שיקאגא, וואו אונזערע לייט זיצען און וואו אונזער שפּראך קען מען נאך הערען פון אלטע מאמעס און גרוי־געבויגענע טאטעס — פאר מיר איז דאָרט א יאָמער־טאָל; און קוקענדיג אמאל בעת שיפען קומען אָן פון דער אלטער וועלט, ווי פון זייער טיפעניש קומען ארויס מענשען מיט שווערע שטיוועל און מיעדע, טעמפּע בליקען און, ווי דאָ ביים ברעג צעהלט מען זיי ווי שעפּסען, מען רעדט מיט זיי זייער אייגענע שפּראך, מען טוט זיי נומערען אָן, צוגעשפיליעט צו די לאצען און אין ערגעץ ווערען

זיי אוועקגעשיקט — — — — — — — — — — — — —
און דאן שפּעטער טרעפסטו איינעם פון זיי אין א מינען-געגענד, אין א שטאָל־שמעלץ געגענד, טרעפסט איהם פערמורזעט אין דער וואָכענס און שיכור אין א יום טוב אדער זונטאָג.

— זאָל מען אמעריקא שילטען אין יענער רגע?!

אויף א הויכען בארג דארף מען זיך פערקלייבען און לידער זינגען פון אמעריקא; זינגען פון איהר שעהנקייט, זינגען פון איהר גרויסקייט, זינגען פון איהרע פעלדער און וועלדער, פון איהרע טייכען און שטראמען.

בין איך אָבער אויך דער פרעמדער, און דער גורל פון מ י י נ ע איינענע איז מיין גורל.

איך בין געזעסען ביים פאסיפיק אדער אין דער ווילדער יוטא, האָב איך געבענקט צום ברעג פון אטלאנטיק, וואו ביים שוועל טוליען זיך אונזערע צום קאלטען, הארטען שטיין.

ניו יאָרק

די שטאָט, וואָס דער גרעסטער טייל פון אונזערע אימיגראנטען דערזעהט ביים אָנקומען קיין אמעריקא; וואו דער גרעסטער טייל הויבט אָן צו בעשאפען ביי זיך אין הארצען א מיינונג איבער אמעריקא; — די שטאָט, וואו האָפנונגען פון לאנגע יאָהרען ווערען אין איין רגע פערלאָרען און, וואו נאָך א לאנגער שורה פון שווערע טעג און נעכט הויבט אָן די האָפנונג ווידער אויפצולעבען, זיך בעווייזען ווי אונטער א גרויען שלייער — אָט די שטאָט הייסט נ י ו - י א ר ק.

פיעל גרויסע שטעט אין דער ברייטער וועלט זיינען מיר בעקאנט, אָבער צו קיינער פון זיי קען איך ניו יאָרק ניט גלייכען.

פאריז, אז איהר בלאָנדזשעט אום אין איהרע גאסען, דאכט זיך אייך, אז אָט די אלטע גרויסע שטאָט איז פון איין האנט געבויט געוואָרען; איין האנט האָט איהר פּלאן געצייכענט נאָך גאָר

אמאָל, און די האַנט לעבט נאָך, פּאַסט אויף, אַז דער אַלטער פּנים זאָל ניט פערדאַרבען ווערען אין גאַנצען: וואו ניט וואו צוגעפּוצט, אָבגעפּרישט, צוגעפאַרבט, פערצירעוועט און פערלאַטעט. מען היט אָב סטיל און כאַראַקטער — זאָל דער נייער דור דעם אַלטענס גרויען קאָפּ ניט פערשוועכען; זאָל איין יאָהרהונדערט אַזוי ניט טרעטען דעם אַנדערען יאָהרהונדערט אויפ׳ן קאָפּ.

אָבער ניו יאָרק —

צוויי הענט, וואָס לעבען צווישען זיך מיט רוגזה — זיי בויען די שטאָט: איין האַנט בויעט, די אַנדערע צושטערט. איינע מויערט פון ציגעל, די אַנדערע וואַרפט אַראָב דעם בנין און שלעפּט צונויף שטאָל און שטיין פאַר אַ צעהן־שטאָקיגען מיוחס. עס געשעהט כמעט אונבעמערקט. איהר געהט דורך אַ גאַס טאָג נאָך טאָג און איהר האָט גאָרניט בעמערקט ווי נידריגע הייזער זיינען אַראָבגעטראָגען געוואָרען און אויף זייער פּלאַץ זיינען העכערע אויסגעוואַקסען. ניו יאָרק בויט זיך און בויט זיך איבער אויף שטיין און פעלזען. טאָג איין טאָג אויס רייסט מען דעם גרונט מיט דינאַמיט. אמאָל הינטער אייער פענסטער, און אמאָל ממש אונטער אייער שטוב ברעכט זיך דער פעלזען גרונט, אַזש פון בעט שליידערט עס אייך אַרויס. אָבער איהר הערט עס ניט. עס קימערט אייך ניט, גלייך ווי אין שטיין זענט איהר אַליין פערוואַנדעלט געוואָרען. און מיט אַזאַ שנעלקייט, אין אַזאַ ווילדען גאַלאָפּ קומט דאָ פאַר די איבערקעהרע־ניש, אַז אָפט אין איילעניש טרעפט — פון אַ הילצערען הייזעל איז געוואָרען אַ צוויי שטאָקיגער מויער; פון מויער — אַ קלויסטער; פון קלויסטער — אַ טעאַטער; פון טעאַטער — אַ אידישע שוהל; פון דער אידישער שוהל אַ שטאַל פאַר פערד און אויטאָמאָבילען; פון שטאַל — אַ נעבעכעל־וואָלקענקראַצער, וואָס קוקט מיט הכנעה צו די שפּיצען פון די יוסטע וואָלקענקראַצער...

און דער גאַנצער שניט פון שטאָט, אַזוי ניט אויסגערעכענט, לאַנג און שמאָל, צווישען די צוויי טייכען — האָדסאָן און איסט ריווער צונויפגעפּרעסט.

דער שניט איז א צייטווייליגער, פערסטריגעוועטער אבי ניט ווי, מיט ווייסע פּאָדעם אַ שוואַרץ געוועב. פון אלע ווינקעלעך קוקט זי, די צייטווייליגקייט, ארוים. מענשען ענערגישע, וואָס קענען קיין ווײלע ניט רוהען, זיינען אהער אַנגעקומען פון דער פרעמד; אויף א ווײלע זיך אָבגעשטעלט און אין דער קליינער ווײלע גאנצע בערג שטיין מיט שטאָל צונויפגעשלעפּט. איין הויז אויפגעשטעלט, ס'הויז קליין געוואָרען — אראָבגעוואָרפען, אויף גיך א גרעסערע געבויט. אויף גיך די באהנען אוועקגעלאָזען איבער אלעמענס קעפּ: פיער זײלען, לענג און ברייט שטאָבעס אייזען, איבער דעם רעלסען, און דער באהן לויפט שוין און פערטויבט די וועלט. פערטעמפּט די געפיהלען, צורייסט די נערווען. איהר ווייסט ניט ווען ס'איז געשעהן, ניט געהאט קיין צייט זיך ארומצוקוקען. כמעט אין איין נאכט איז דער וואונדער פערלאָפען. און כאָטש דער באהן אויבען איז צוגעטראכט געוואָרען פאר דער בעקוועמליכקייט פון די מיליאָנען מענשען־קינדער, און דאָך קומט אוים אזוי, אז די אלע מיליאָנען געפינען זיך מייסטענס גאָר אונטען, אויף דר'ערד, און דער באהן, ווען ער טראָגט זיך איבער זייער קאָפּ, יעמאָלט איז בלויז איינס פערבליבען — אראָבצורוקען דאָס היטעל איבער די אויערען און טראכטען אין דער שטיל:

— ווי העלפט מיר שוין גאָט פון דאנען צו אנטלויפען.

ניו יארק איז ניט קיין מוסטער פון **בויען** — נאָר א מוסטער פון **צושטערונג**.

ניו יאָרק איז ניט קיין שטאָט, נאָר — אן ערשיינונג וואָס בייט יעדער שעה איהר פּנים. ניט נאָר די ווינטען בייטען זיך דאָ זיבען מאָל אין טאָג, ניט נאָר די הייזער אויף דר'ערד בייטען זיך אלע ווײלע, נאָר אויך אונטער דר'ערד, וואו די אייזערנע געדערים פון דער שטאָט געפינען זיך, אויך דאָרט ווערט זיבען מאָל אין טאָג אנדערע אָפּעראציעס געמאכט. וואו איהר געהט, וואו איהר שטעהט איז א שטיק גאַס אויפגעריסען, און אז איהר קוקט זיך איין אין דער טיעף לויפט אזש א פרעסטעל דורך אייערע ביינער. די רינעס

און די רעהרען און די טרויבען, ברייטע און שמאָלע, וואָס געהען איינס איבער דעם אנדערען, איינס אונטער'ן אנדערען, דורכגעצויגען און דורכגעפלאָכטען. טאָג טעגליך ווערען זיי געביטען — שמאָלע אויף ברייטערע; קורצע — אויף לענגערע. די קינדער פון דער אלטער וועלט, וואָס זיינען אהער אריבערגעקומען, האָבען זיך אויסגעאיידעלט, זיך אויסגעלערענט נאָכאמאָל אין טאָג הענט און פנים צו וואשען, און דער צופלוס פון וואסער איז קליין געוואָרען, דער אָבגאנג פון די וואסער איז צו שמאָל געוואָרען. טעלעגראַף און טעלעפאָן, רעהרען דורך וועלכע בריעף לויפען פון עק ביז עק שטאָט... אלץ אונטער דר'ערד.

דאָרט אונטער דער ערד אין דעם שטאָלענעם בויך פון דער מעטאל און שטיינערנער שטאָט; די שטאָלענע געדערים, וואָס אין דער פינסטער קנוילען זיי זיך דאָרט אין דער טיעף. דער בויך וואקסט אויפ'ן חשבון פון קאָפ דאָרט אויבען.

און די ברייטסטע רעהר, פון דעם גיגאנטישען בויך — דאָרט איז די סאָבוויי, דער אונטערערדישער באהן וואָס לויפט די לענג פון שטאָט, אויף און אָב.

און אין פריהמאָרגען און אין אווענט, ווען מענש ווערט אין מאשין פערוואנדעלט און מאשין ווערט צוריק אין מענש פערביטען, יעמאָלט מיט אן אבגעלאָזענער טעמפּקייט לאָזען זיך די מענשען אהין, צו יענעם אונטערערדישען וועג. דער שטאָלענער צוג קומט אָן, טירען רוקען זיך פאנאנדער און די מענשען, מיט אראבגעלאָזענע הענד, מענער, פרויען, יונג און אלט געהען אויטאָמאטיש אהין אריין. און ווען ס'ווערט ענג, איז א מענש פאראן ביים טיר, וואָס שפארט אייך מיט דער קניה אריין און פערריגעלט די טיר אונטער אייך. און אינוועניג — זיבען פאָרשטעהער פון זיבען נאציאָנען אָטעמען אייך אין פנים אריין, אונטער'ן קאָלנער ארונטער דעם אָטעם זייערען; די שמוץ פון איין בגד מישט זיך מיט'ן שטויב פון דעם אנדערענס קליידער. גלייכגילטיג און מיט א טעמפּקייט בעטראכט איהר אייערע אונבעקאנטע נאָהענטע ארום אייך.

אַז איך וויל צונויפנעהמען די מחשבות, וואָס האָבען געצויגען דורך מיין קאָפּ פאַר די עטליכע יאָהר, ווען מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אין יענע שטונדען דורכצומאַכען מיין וועג דורכ'ן בויך פון דער שטאָט ניו־יאָרק, — זיינען זיי אַזעלכע נישטיגע טויטע און טעמ־פּע... אין יענע שטונדען ווערסטו ניט אין כעס אויף דער וועלט, ס'לעבען ווערט דיר ניט מיאוס. פילסט זיך, ווי דער מיט פּאַראַלי־זירטע געהירען, וואָס ליגט אין זיין אייגענער שמוץ און דאָס פּנים איז גלייכגילטיג. אַז כ'מאַך צו די אויגען און וויל מיר פאָרשטעלען זיך אַליין אין געראַנק, וויל זיך פאָרשטעלען מיין לעבען דאָרט, מאָלען א בילד פון זיך אַליין פאַר זיך — קעהרט זיך אום צו מיר יעמאָלט א געוויסע טעמפּקייט און איך הער דורך איהר דעם עזות־דיגען, אונטערערדישען שטאָלענעם געררויש אין דעם אונטערגרונד באַהן, וואָס נעהמט אייערע געהירען און קוועטשט זיי צונויף ווי מיט אייזערנע הענטשקעס...

כ'האָב געוואוינט א געוויסע צייט ביים ים, ניט ווייט פון ניו־יאָרק. און יעדער מאָל, אָנקומענדיג מיט'ן וואַסער אין שטאָט אריין, האָט זיך פריהער פון ווייטען בעוויזען די משפחה וואָלקענ־קראַצער און שפּעטער, פון שיף אַראָבגעהענדיג האָב איך יענע גאַ־סען געמוזט דורכגעהן. און יעדער מאָל האָב איך אַליין ביי זיך גע־פרעגט:

— וואָס פאַר א רוח טרייבט די מענשען אָנצושלעפּען אויף איין פּלאַץ אַזוי פיעל שטאָל און שטיין און בעמיהען זיך דאָס אַלץ אויפצוהורבען מיט א סדר? ווער צווינגט זיי אויפשטעלען הייזער פאַר גאַנצע צעהן טויזענד, אַז גאַנצע צעהן טויזענד מענשען זאָ־לען אינאיינעם זיין, אין דער צייט וואָס דאָס לעבען אין דער שטאָ־לענער שטאָט מאַכט אַזוי, אַז איינער דעם אַנדערען זאָל אפילו ניט וועלען קענען?!

דער וואונדער איבער אַלע וואונדער, דער וואָלוואָרט־וואָלקענ־קראַצער, וואָס איז כמעט אין איין נאַכט בעשאַפען געוואָרען מיט זיינע פופציג אָדער מעהר שטאָק, אין זיין האַלב גאָטיש און האַלב

מאָדערנעם סטיל — ער שניידט זיך ארויס אין דער בלויער לופט און, ווען וואָלקען ציהען איבער זיין שפּיץ, קען מען מיינען, אז ער וויגט זיך אין לופטען ווי א מעכטיגע סאָסנע, און אזוי לייכט זעהט ער אויס, אזוי דורכזיכטיג דאכט זיך — אויף דער האנד צו נעהמען און אוועקטראָגען מיט זיך... קוקסטו לאנג צו איהם און טראכסט זיך:

— ניט דאָ איז דער אָרט פאר דעם וואונדערליכען בנין. ער־נעץ אין סטעפּ, ערגעץ אין דער וויסטע שטעלט איהם אוועק, זאָל די זון איהם בעלויכטען, זאָל ער פון דער נאכט ארויסקוקען און זאָלען זיך מענשען פון ארום און ארום ציהען צו בעוואונדערען איהם, צו טראכטען פון דעם שטאָלצענעם ווילען פון דעם מענשען און צונויפנעהמען עס ביי זיך אין געדאנק מיט די אלע שעהנע, עהרליכע זאכען, וואָס די וועלט פערמאָגט; מיט אלע דערהויבענע שעהנקייטען וואָס די נאטור אליין האָט בעשאפען. דאָ אָבער אין ניו־יארק, ארומגעשטעלט און פערשטעלט מיט דער גאנצער מחנה אנדערע, קלענערע אומגעלומפּערטע וואָלקענקראַצער, וואָס שטשירען גלייך אין דער וועלט אריין — דאָ זעהט ער אויס נאקעט, נאריש, קוקט מיט א פּאפּירענע גאוה, קוקט מיט בעגרעניצקייט פון גייסט, מיט טיעפער עקשנות און פערשוועכונג פון ליניען און פאָרם...

— איז ניו־יאָרק אן אבשפּיגלונג פון אמעריקא?

— ניין! שטעלט זיך פאַר ניו־יאָרק אָהן אמעריקא; וואָס אזעל־כעס וועט בלייבען? משוגעת, וואו די רעכטע פוס טרעט די לינקע אָב. א בילד פון צושטערונג.

אמעריקא אָהן ניו-יאָרק — א ליכטיגע, גרויסע און פרייע וועלט, וואו רוהיג און זיכער קענען זיך פערפלאָנצען אָבגעריסענע לעבענס; וואו ניט מיט געאיילטע טריט וואָלט דער מענש געקענט אוועקגעהען, און וואו זיכער וואקסט דער עפּעל־בוים, פּונקט ווי זיכער טראָגט די מיסיסיפּי איהרע וואסערען צו די דרום ברעגעס פון אטלאנטישען אָקעאן.

ביים טויער פון סדום

אז מען דערנעהענטערט זיך צו פּיטסבורג קאָן מען מיינען, אז דאָ ברענט נאָך די ערד פון אלטע ציימען, רויכערט און טשאַדעט פון אלטע דורות אָן, און די מענשען וואָס בעוויזען זיך פון צייט צו צייט אין די רויך קנוילען ביים אָבשיין פון די געלע פלאַמען, זיי פערנעהמען זיך עס דאָ מיט׳ן לעשען דעם פייער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צוליעב א קללה פון גאָט.

אין אמת׳ן אָבער האָבען מענשען דאָ דעם פייער אָנגעצונדען און וואכען איבער איהם טאָג און נאכט, ער זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. און דער שטאָלענער קלאנג, וואָס הילכט ארוים פון דער צופלאמטער פינסטערקייט —ס׳איז דער ריעזיגער האמער-קלאנג; דאָרט שמידט מען גליק פאר׳ן לאנד. גאנצע וועלדער קוימענס הויבע רויכערען אין דער וועלט אריין און פון צווישען די קוימענס רייסט זיך אלע ווייַלע ארויס א גאָלדיג־געלער פלאם, וואָס טרייבט פון זיך דעם קנוילענדיגען רויך אוועק, אָבער באלד ווערט ער, דער פלאם, אין דעם געדיכטען שווארצען רויך ווידער דערשטיקט.

פּיטסבורג איז די מאמע, וואָס שפּייזט א שטיק וועלט מיט שטאָל און אייזען, דעם רויען מאטעריאל קאָכט זי איבער, ברענט איבער, און איהר מאָגען מאכט איהם אזוי, אז די וועלט זאָל קאָנען פערדייהען...

איך האָב ניט געלייענט, וואָס עס ווערט געשריבען פון פּיטסבורג אין די ביכער, וואו מען מאָלט די ליכטיגע זייט פון אמעריקא וואו מען בעשרייבט די עשירות און די שפע פון אמעריקא. איך גלויב, אז אין יענע ביכער, וואָס זיינען נאָך אפשר פון דער רעגיערונג אליין ארויסגעגעבען, ציהען זיך די שורות, שורות ציפערען וואָס דערצעהלען, אז אין דעם און דעם יאָהר האָט מען אזויפיעל און אזויפיעל טאָן שטאָל ארויסגעגעבען; אזויפיעל הונדערטער הונדערטער מייל רעלסען פארטיג געמאכט; אזויפיעל און אזויפיעל

וואַלקען-קראַצער־סקעלעטען אויסגעגאָסען; און דער עיקר — אזוי-
פיעל און אזויפיעל ארבייטער זיינען געווען פערנומען ביי שמעל-
צען די בלאָטיגע רודע און שמידענדיג דעם צוגליהטען שטאָל. שמי־
דענדיג גליק פאַר'ן לאַנד, פּראָפיטען פאַר דער וועלט. — יא, גע־
ווים זיינען אזוינע ביכער פאַראַן, וואו צווישען די ציפערען האָט
מען האָפנונג איינגעפּאַסט; בעפוילען די ציפערען זיי זאָלען פון
גליק זינגען.

איך האָב יענע ביכער ניט געלייענט. איך בין געווען אין
פּיטסבורג. פינף טעג דאָ פערבראַכט. פינף טעג ניט געזעהען די
ליכטיגע זון. צייטענווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אז א פינסטערער
קאָשמאַר האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער גאַנצער געגענד. די
מענשען ארום — ניט אויף דער וואַהר זעה איך זיי, נאָר אין דער
אבשפּיגלונג פון מיין געדריקטען געמיטה, פון מיין צוהיצטען מח.

און די מענשען — געשטאַלטען וואָס דרעהען זיך ארום צווי־
שען רויך און פייער, פערמורזעטע מיט איינגעצויגענע באַקען, מיט
דאַרע, אויסגעצויגענע, ביינערדיגע, פערברענטע הענט, אָט די אלע
געשפּענסטער, וואָס דרעהען זיך ארום ביי די גרויסע גיהנום־אוי-
ווענס, וואו דער פייער, אזא העסליך־געלער, ווירבעלט זיך און
קנוילט זיך און רוישט, גלייך ווי דעם ווינט וואָלט ער אין זיין מויל
אַריינגעכאַפּט און וויל איהם פערברענען; אָט דאָ ביי די פייערען,
וואָס בעדאַרפען עס שטאָל-רודע צושמעלצען און פון וואַנען עס
רייסען זיך ארויס אלע ווײלע מיט גערויש און געפייף הייסע, גיפ-
טיגע, געלע סם־גאַזען; אָט דאָ, בעלויכטען פון דעם געלען גיפטיגען
שיין, בעוויזען זיך פאַר מיר געשטאַלטען אזוי בעקאַנטע. טרעף
איך בליקען אזוי היימיש און הער א שפּראַך וואָס איז מיר אזוי
היימיש און קלינגט אזוי טרויעריג:

איך זעה דאָ מענשען, וואָס זיינען אויף יענער זייט ים נאָכ־
געגאַנגען באָרוועס, טריט ביי טריט נאָך דעם אקעראייזען, וואָס
איז געשלעפּט געוואָרען פון א פּאָר מאָגערע איינגעצויגענע אָקסען,
אָדער פון א דאַר פערדעל מיט טרוקענע ריפּען. געשטאַלטען בע

קאנטע פון די זאמדיגע פעלדער אין דער ליטא, אדער פון די פלאַכע אומעטיגע פעלדער אין פוילען. איך זעה איהם דעם פויער זומער אין האלבען טאָג רוהענדיג אונטער א בוים, און נעבען איהם זיין ווייב, וואָס האלט־אונטער דעם שווארצען ליימענעם טעפּעל אויף איהר שויס, פון וואנען ער שעפּט מיט א הילצערנער לעפעל דעם ארימען, מיט נ י ש ט געקאָכטען זופּ. איך זעה זיין שטוב מיט שטרוי גערעקט און ביים זייט אן איינגעבויגענע שטאהל, ארום וועלכער חזירים ראַיען זיך, היהנער גראבלען די ערד, זוכענדיג קערנדלעך, און די עלטסטע טאָכטער, וואָס וואשט גרעט פאר'ן שטוב, מיט בלויזע ארעמס און נאקעטע פיס ביז די קניע. איך זעה איהם אין אָסיען שטעהן אין זיין שטאל און דרעשען אויף דעם ליימענעם טאָק די ארימע סנאָפּעס, און ווי ער הערט זיך צו צו די קערנער, וואָס שפּריצען ארויס פון די זאנגען, ווען ער דערלאנגט מיט זיין דרעשער איבער די שפּיצען פון די גארבען. איך זעה זיין ווייב, ווי זי צעהלט די היהנערשע אייער, זי לעגט זיי איבער מיט שעטשקע אין קוישעל, כדי אין מארק אריין צו טראָגען און פאר'ן אָבגעלייזטען געלד א טיכעל א געקוויטעלטע פאר דער טאָכטער ברענגען.

איך זעה זיי אין ווינטער, ווען ארום ליגט טיעף דער שניי און הינטערען שטוב ערגעץ שטייערט זיך דער פראָסט מיט דער נאכט און די געפרוירענע צווייגען הינטער'ן פענסטער ברעכען זיך און קנאקען; איך זעה זיי זיצענדיג ביים אויווען, אין דער ליכט פון א קליין לעמפּעל. שכנים האָבען זיך צונויפגעקליבען און די איננסטע מיידעל אין שטוב לייענט א בריעף פון אן אייגענעם, וואָס איז ערגעץ ווייט אין א פרעמד און זעהר רייך לאנד. מען בעטראכט א פאָטאָגראפיע פון אן אייגענעם מאן מיט א גלאט אויסגעקאָכט פנים און מיט א קייטעלע ביים זשילעט...

— און אזוי אויף די פליגלען פון די בייזע ווינטען זיינען זיי פערטראָגען געוואָרען אזש קיין אמעריקא, אזש קיין פּיטסבורג און דער ריח פון דעם היימישען ארימען און טרייען פעלד איז פערבי־

מען געוואָרען אויף פייערדיגע, גיפטיגע גאזען, וואו זייערע לונגען ווערען דורכגעברענט, וואו דאָס בלוט אין די אדערען ווערט ווי וואַסער שיטער, ווי וואסער ביליג...

וואָרים אָט די אלע שרעקליכע, געפעהרליכע ארבייטען, סיי אויף דער ערד און סיי אונטער דער ערד, ווערען געטאָן אָט פון די פויערים, וואָס האָבען זייער ברויט, מיט קלייען געמישט, בעגעסען אין פוילען, רוסלאנד אָדער גאליציע. זיי גראָבען די ברודיגע אייזען-רודע אונטער דער ערד און זיי שמעלצען עס, לייטערען עס, מאַכען שטאָלענע סקעלעטען פאר די הייזער אין דער גרויסער שטאָט.

און געהט מען אום אין זייערע גאסען, וואו ווייב און קינד האַלטען זיך אויף — בעדאַרף מען ניט בעדויערען די הייזער. וואָרים זיי זיינען בעסער פאר די, וואָס זיינען ביי זיי אויף זייער פעלד געשטאנען, אָבער א קעלט איבער'ן לייב לויפט דורך, ווען מען בעטראַכט ווייב און קינד.

דער טאטע ברענט זיין לעבען שמעלצענדיג שטאָל פאר א טאָלער א טאג, אָדער פאר א טאָלער מיט זעכציג סענט, און אפשר נאָך צעהן סענט א טאָג; קומט א היים, וויל פון לעבען געניסען, א ליעבע שפיעלען, דעם לעבענס-בעכער צו די פערברענטע ליפען טראָגען און — דער נייער דור וואָס ווערט געבאָרען... אויף איהם רוהט די קללה פון דער ציוויליזאציע: פון מוטערלייב קומען ארויס קינדער דראָבנע, פנימ'ער גרין-געלע און מיט מוסקולען שיטערע. דאָס לאנד, וואָס קאָן ריעזען ארויסגעבען פון זיך; ברייט-ביינינגע פעסטע, גלייכע און פלינקע ווי הירשען; דאָס לאנד, וואו אפילו אידישע טאטע-מאמע, קליין-געוואקסענע, טאטע-מאמע אריבערגעקומענע פון שטאָט און שטעטעל ערגעץ אין דער ליטא, האָבען דאָ קינדער, אין צווייען שטארקער און אין צווייען גרעסער פון זיך ארויסגעגעבען. — — — און אָט די מאָגערע אָבער פעסטע מענער, פון פעלד געקומענע, פרויען פון ווינט און דעם ריח פון גראָז געבאָוועטע, וואָס האָבען זיך צום קעניג פון שטאָל און אייזען איבערגעגעבען, ברענגען פון זייערע לענדען ארויס קינדער אָהן

בלוט, ווי בלויז איין קורצען לעבען צו לעבען, איין קורצען דור אי-בערציהען, און דערנאך זאל זייער זכרון פערשניטען ווערען...

איך וויים נים וואס עם ווערט דערצעהלט אין די ביכער, וואו די מזל און ברכה פון דער שטאט פיטסבורג ווערט בעשריבען; וואו עס ווערען געמאסטען די הונדערטער מיילען רעלסען דא אויסגעגאסענע. איינס אבער בין איך זיכער איז דארט געוויס נים פערשריבען אין יענע ביכער און אין יענע בעריכטען:

אז עס וואלט גוט און ניצליך געווען פאר די מענשען וואס געפינען זיך שוין דא אין לאנד, אז ביים ברעג ים, וואו די שיפען קומען אן פון דער אלטער וועלט, זאל די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאטען א שטארקע און שטרענגע וואך אנידער-שטעלען און יעדען איינציגען וואס קומט אהער אין לאנד — בע-טראכטען זיינע הענט, בעטראכטען זיין וואוקס און קעהר, אויס-פרעגען, וואס ער האט ביי זיך אין דער היים געטאן און צו וואס זיינע הענט זיינען געבוירען געווארען. און אט די אלע, וואס האבען ביי זיך אין דער היים, אויף יענער זיים ים, געצויגען ברוים פונ׳ם זאמדיגען גרונט, זיי זאל מען אוועקפיהרען ווייט פון דער שטאל און שטיינערנער שטאט, איבערגעבען זיי אין די ארעמס פון דער רייכער, זאטער מוטער ערד דא אין לאנד. זאלען זיי אליין עסען צו זאט און ברוים לרוב פאר די הונגעריגע דא בעזארגען. — — — און נים, נאכדעם ווי מען צעהלט איבער זייערע גרא-שענס, נאך איידער זיי האבען א פוס אין פרייען לאנד אנידער-געשטעלט, זאל מען זיי קוויטלעך מיט נומערען צושפיליען צו די לאצען ווי שעפסען זיי טרייבען אין א סטאדע צו די ענגע וואגאנעס, און ערגעץ זיי אוועקפיהרען, און צום שטאל-און-אייזען-קעניג פאר א קרבן ווארפען.

ווינט און רויך

דער ערשטער איינדרוק, וואָס שיקאגא האָט אויף מיר גע־מאכט, איז געווען גאָר ניט אזוי אנגענעהם. מיר האָט זיך אויס־געוויזען, אז שיקאגא איז ניט געבויעט געוואָרען אויף דעם אייגע־נעם אופן ווי אלע אנדערע גרויסע שטעט אין דער וועלט. מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז עפּעס א ריעז האָט די שטאָט פון א זאק אויסגעשאָטען, די הייזער מיט די מיסט אינאיינעם, און שפּעטער איז דער איינענער ריעז נעגאנגען און מיט א פוס פאנאנדערגע־שארט גאסען און הינטער־געסלעך.

איך דערמאָן מיר, אז מיין ערשטער אָנקומען איז געווען אין א שרעקליך קאלטער, ווינטיגער, נאסער און פערשלומפּערטער ווינ־טער־נאכט. א נאסער גערדיכטער שניי איז געפאלען און געלעגט זיך שווער אויף מענשען, וועגענער, פערד און גאס. פאַרביי מיר איז דורכגעפאָהרען א טיעפער גרויסער וואָגען, געשפּאנט מיט א פּאָר גרויסע משא-פערד! דער וואָגען איז געווען מיט זאלץ אָנגעפילט און א נעגער איז געשטאנען אויפ'ן וואָגען און מיט א לאָפּעטע גע־שיט די זאלץ אויפ'ן וועג, וואו דער טראמוויי געהט, כדי דער שניי זאָל צושמאָלצען ווערען צווישען די רעלסען. די גאנצע מעשה האָט אזוי אומגעלומפּערט אויסגעזעהען, אז כ'האָב אליין ביי זיך אין הארצען געטראכט און געלאכט:

— נו, א געזינדעל האָט גאָט אויף דער שעהנער ערד בעזעצט!

אָבער וואָס אָפּטער כ'האָב אָנגעהויבען צו בעזוכען שיקאגא, לענגער דאָרט אָנגעהויבען צו פערווײלען, האָב איך מיין מיינונג פון דער שטאָט געמוזט בייטען. פון דעם רויך ארויס, וואָס שפּרייט זיך און ציהט זיך איבער שיקאגא, האָב איך צו ביסלעך די שטאָט אָנגעהויבען ארויסצוזעהען. און ווען ס'טרעפט אזא מין וואונדער, אז אין איין נאכט וואָלט מען דעם רויך צוגענומען, די סאזשע פון די הייזער ארומגעווישט און מאכען אזוי, אז די זון זאָל העל אי־

בער שיקאגאָ איהרע שטראַהלען שיקען — מענשען וואָלטען אויפ-געשטאַנען און די אויגען געריבען און זיך געוואונדערט:

— אַך, וואָס פאַר א שעהנע שטאָט!

— אַ, אפשר די שעהנסטע שטאָט אין לאַנד!

אז מען פערבערענגט אביסעל לענגער דאָ, הויבט מען אָן צו ענטדעקען דעם שעהנעם פּלאַן פון דער ריעזיגער שטאָט, איהרע ברייטע בולוואַרען, פוןביידע זייטען מיט בוימער פערפלאַנצטע, וואָס צושניידען די שטאָט לענג און ברייט: מען בעמערקט די גרויסע צאָהל שפּאַציר-גערטנער, בלומען-בייטען —

— אַ, ווען ניט דער רויך, כ׳וואָלט שוין אפילו די אָפּטע בייזע ווינטען דאָ אויך פאַר גוט אָנגענומען.

כאָטש ניו יאָרק פערמאגט אריבער פינף מיליאָן מענשען און שיקאגא נאָך קיין גאנצע דריי ניט — דער איינדרוק אָבער איז, אז שיקאגא איז די גרעסטע שטאָט אין אמעריקא און — ניט ניו יאָרק.

ווייל ניו יאָרק איז שמאָל און אין צוואַנציג — דרייסיג מינוט קענט איהר דורכשפּרייזען, פון איסט-ריווער צום האַדסאָן, און איהר פערגעסט נאָר אז איהר געפינט זיך אין א שטאָט וואָס פערמאָגט אריבער פינף מיליאָן איינוואוינער. שיקאגא אָבער איז ברייט, אפשר ברייטער פון פּאַריז, אָבער צוליעב׳ן רויך קענט איהר מיי-נען, אז איהר זייט אין לאָנדאָן.

— אַ, ווען ניט דער רויך.

און פאַר׳ן רויך דאָ האָט מען צו פערדאַנקען דעם גאַנצען לאַנד. ניט שיקאגאר קויהלען און אויוועגס רויכערען און רויכערען אויפצוהאַלטען דעם פינסטערען וואָלקען, וואָס מאכט אייך מיט א שעה פריהער צו דערקענען, אָנקומענדיג מיט׳ן באַהן, אז דאָרטען און דאָרטען, וואו די הימלען זיינען פעררויכערט — איז שיקאַגאַ; ניט פון דעם אָרטיגען קויהלען-שטויב ווערט אייער פּנים, ווי ביי א קוימענקעהרער און, וואָס קיינמאָל קענט איהר דעם ריכטיגען קאָליר פון אייער הויט ניט ארויסזעהען. —

שיקאגא איז דער אמת'ער צענטער פון לאנד און די הונדער־ טער, הונדערטער באהנען וואס ציהען זיך פון מזרח און מערב, צפון און דרום — קומען אן קיין שיקאגא און אויף א ווײלע בלויז שטעלען זיי זיך אפ דא רוהען, און אט אין דער ווײלע פעררויכערען זיי די וועלט. שיקאגא איז דער גרעסטער אייזענבאהן צענטער אין לאנד און פאר א זייטיגען מענשען, וואס פיהרט ניט קיין סחורות מיט יענע באהנען, זעהט עס אויס, אז בלויז דא א רויך אנצומאכען קומען זיי אהער די באהנען פון אלע עקען לאנד.

און דער מאגען פון שיקאגא, וואו בירגער פון פרעמדע לענ־ דער, קינדער פון אנדערע נאציאנען, בעדארפען עס ווערען איבער־ געקאכט אויף דעם אמעריקאנער אופן, בעקומען אן אמעריקאנער פנים, אט דער מאגען איז ניט קלענער ווי דער ניו־ יארקער. און פונקט ווי דער נ י ו - י א ר ק ע ר פער־ דייעט ער שלעכט דעם נאציאנען און פעלקער־געמיש. ער שלינגט זיי גאנצערהייט, רויערהייט און ווארפט זיי פון זיך ארויס ניט גענוג איבערגעקאכט. דא איז א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך מיט אלערהאנד שפראכען און אלערהאנד צייטונגען. יעדע וועלטעל אין איהר גהעטא... און פונקט ווי די קראהען אין די וועלדער קענען זיך ניט איינטיילען מיט זייערע נעסטען אזוי זיינען די נאציאנען מיט זייערע גהעטאס: קומט דער איד צוציהען אין א גאס, אנטלוי־ פען אלע יענקים, אירלענדער און דייטשען; קומט דער איטאליענער און שטופט ארויס דעם אידען; קומט דער סלאוו און שטופט ארויס דעם איטאליענער; קומט דער נעגער און שטופט ארויס דעם סלאוו און מיט דער פערענדערונג ווערט די גאס אלץ מיסטיגער און בלא־ טיגער, און אין די הייזער — אלץ חושכ'דיגער און ארימער.

איהר געהט פון איין גהעטא אין דער אנדערער און הערט ה י י מ י ש ע שפראכען און הערט ווי דער באציל גריזשעט אט די היימישע שפראכען און פערדארבט זיי.

די היימישע שפראך פוילט און ווערט מיט דעם אמעריקאנער ענגליש צוגעווירצט. און פון דעם איין און איינציגען ענגלישען

ווערטעל אין א גאנצען היימישען זאץ, איז — ניט חלילה ענגליש לויידם דערפון, נאר די היימישע שפראך ווערט אנגעשטעקט:

— יא מיאלעם דזשיסאי טאקי ט ר א ב ע ל, זאגט דער פאליאק.

— כ'האב היינט געהאט אזוי פיעל ט ר א ב ע ל — דער איד.

— יש לי היום כל כך ט ר א ב ע ל — דער העברעער.

— יא אימיעל סעוואדניא סטאלקא ט ר א ב ע ל — דער רוס.

א, ווער וועמען מאכט מעהר טראבעל און?! — — —

אז איהר רעדט מיט א שיקאגאר מענשען, רעדט ער פון זיין שטאט מיט דער גרעסטער ליעבע און וויל אייך איבערצייגען, אז אין דער צוקונפט וועט שיקאגא שפיעלען די גרעסטע ראלע אין לאנד.

— דער צענטער, דאס הארץ פון לאנד וועט ווערען שיקאגא, ווארט נאר ווארט, זאל מען נאר דורכפיהרען דעם געזעץ, אז די באהנען זאלען ניט טארען אריינקומען אין שטאט מיט זייער רויך, און ווי ביי אייך אין ניו יארק וועלען זיי מוזען א תחום שבת פאר דער שטאט צושפאנען א עלעקטרישען לאקאמאטיוו —

הלואי! אפשר צו יענער צייט וועט מען אין שיקאגא אפראמען די מיסט אין די הינטערגעסלעך. שיקאגא האט גאסען און הינטערגעסלעך; ס'הייסט הינטער די הייזער ציהט זיך א שמאל, שמאל געסלע, ניט געברוקירט און ניט אויפגעפאסט ווי די פארענט גאס.

דורך יענע בלאטיג־ענגע געסלעך ציהט דער פעדלער מיט זיין מאגער פערדעל; שפיעלען זיך הינט אין ליעבע; דראפען זיך קעץ די אויגען אויס און עס פראוועןן זייערע חתונות מחנות, מחנות שטשורעס און מייז. א וואונדער? אין שיקאגא, די שטאט וואס האפט צו ווערען דאס הארץ פון לאנד, קענט איהר גאנץ אפט, אין א בעניגען און אמאל טאקע אין מיטען העלען טאג, זעהן א מיי־

זישע פּראָצעסיע, ציהענדיג פון א הינטער-געסעל, שניידט דורך די הויפּט-גאס און קלייבט זיך דורך, ניט איילענדיג צום צווייטען הינ־טער-געסעל. קוקען אויף דער שטאָט מיט דעם אייגענעם שטאָלץ וואָס אנדערע איינוואוינער.

שיקאגא האָט אויך א נאָמען: "די שטאָט פון די ווינטען", צוליעב די אָפטע שארפע צפון ווינטען וואָס בלאָזען פון די גרויסע אָזיערעס.

איך וויל אָבער אונטערצייכענען אן אנדער זאך וואָס ווארפט זיך דאָ אין די אויגען:

די שיקאגא'ר ליים האָבען צו ערנסטע, ניט קיין פריינדליכע פּנים'ער. אזוי זעהט אוים דער דורכשניטס מענש אין גאס. זעלטען ווען א ליעבער שמייכעל, זעלטען ווען א לייכטזיניגע שטיפעריש בעוועגונג.

דער אמעריקאנער, וואָס אין דער וועסט, האָט אין אלגעמיין א צו ערנסט פּנים. קענסט מיינען לויטער פילאָזאָפען, אָהן א שמייכעל. אז מען קוקט זיך אָבער צו נאָהנטער בעסער, זעהט מען, אז די סבה פון דער ערנסטקייט אין פּנים און די פערשלאָסענע ליפּען — איז דער קיי־טאבעקא. ביי יעדען איינציגען פון אָט די פילאָזאָפען ליגט אין א ווינקעלע צווישען באק און צונג, ביי די באק־צייהנער: דאָרט אין ווינקעלע ליגט א קניילכעלע שווארצער טאבאק און ער נאָגט פון איהם דעם זאפט מיט אזא ערנסטקייט.

עס ווארפט זיך אין די אויגען, אז דער פעלקער און ראסען מישמאש דאָ, איז ניט קיין געקליבענער.

די מענשען וואָס דו בעגעגענסט זיינען אָדער איבערגעוואק־סען-גרוים אָדער ניט דערוואקסען־קליין. פרויען, ניט גראציעז און ניט שעהן — דער דורכשניט וואָס דו בעגעגענסט אין גאס. א סך מיט ברילען אדער פענסנע אויף די נעז. הענט גרויסע. ניט מיט געשמאק געקליידט.

אין שיקאגא, אין א פּאָסט אָדער אזוי אין אנשטאלט, בעהאנ־דעלט מען אייך רוי, ניט העפליך — גלייך אייער געלט וואָס איהר

דערלאנגט איז פון גזילה.

שיקאגא האט די גרעסטע שלאכט-הייזער אין דער וועלט — אזוי זאגט מען — וואו טויזענדער בהמות, שאף און חזירים ווערען טאג־טעגליך גע'ממית'ם און פון זייער פעל, פלייש און שמאלץ מאכט מען אלץ וואס עס ווערט נאר געמאכט פון פעל, פלייש און שמאלץ. די וועלט לויפט אהין אויף בייז וואונדער. גרויסע ביכער זיינען שוין פון יענע שלאכט־הייזער אנגעשריבען געווארען.

— זאל מיר גאט ניט שטראפען פאר די רייד, איך האב שוין אמאל געהאט גע'פועל'ט ביי זיך, אז כ'זאל אנטאן א פאנצער אויף מיינע נערוועו און געהן זעהן דאס וואס א וועלט מיט מענשען האט געזעהן און בעוואונדערט. איז אבער דער אונבעשרייבליכער גע־שטאנק, וואס טראגט זיך פון יענע הייזער אויף א מייל ארום, ער האט מיר אזא שלאג געטאן צום נאז און הארצען, אזש אין קאפ האט מיר אנגעהויבען צו שווינדלען, און כ'האב מיט אלע כחות פערקירעוועט צוריק. ווען כ'וואלט געוועזען בכח זיך אליין גובר זיין און די שלאכט־הייזער יא בעזוכען, אפשר וואלט איך עס בע־וואונדערט... פארלויפיג אבער, אפילו אהן דעם איינדרוק פון די שלאכט־הייזער ווילט זיך מיר זאגען, אז: —

שיקאגא איז דאך די גרעסטע שטאט אין לאנד, כאטש מענ־שען ווינציגער ווי אין ניו יארק.

שיקאגא — די אינטערעסאנטסטע שטאט אין לאנד — ווען ניט דער רויך, און מענשען וואלטען פערמאגען א ליעבען שמיי־כעל אויף די ליפען.

און איך אליין, ווען איך טראכט פון די גרויסע שטעט דא אין לאנד טראכט איך מעהר פון שיקאגא ווי פון ניו יארק.

אפילו אונזערע אידען געפעלען מיר אין שיקאגא בעסער ווי אין ניו יארק.

אונטאלעראנץ

אמאָל אין פעטערבורג, ביים בעטראכטען א צימער פאר זיך אין א ניט־אידישער הויז און זעהענדיג די פריינדליכקייט, וואָס די אלטע רוסישע בעל־הבית'טע ווייזט מיר ארוים — איז מיר איינגעפאלען אפשר ווייסט זי ניט, אז איך בין א איד, אפשר גאָר, אז זי וועט זיך עס דערוויסען קען געמאָלט זיין, זי זאָל מיר ניט וועלען ארייןלאָזען צו זיך אין שטוב אריין, אז כ'האָב שוין געהאלטען ביים ארויסגעהן, צוזאָגענדיג אז נאָך היינט וועל איך קומען מיט מיינע פעקלעך, זאָג איך צו איהר:

— ווייסטו אָבער, אז איך בין א איד? אפשר איז עס דיר ניט בעקוועם?

— גאָט איז מיט דיר, גאָט איז מיט דיר "טייבעלע מיינס", וואָס דו רעדסט... ביי גאָט זיינען אלע גלייך. — און זי האָט זיך איבערגע'צלם'ט.

ס'אייגענע האָט מיט מיר געטראפען מיט עטליכע יאָהר שפעטער, שוין דאָ אין לאנד, דאָ אין דער נייער וועלט:

ס'אי געווען אָנהויב זומער. איך בין געפאָהרען זוכען פאר זיך אן ארט צו וואוינען ערגעץ צווישען פארמער, אין דער געגענד פון שעהנעם האָדסאָן. כ'האָב מיך דערשלאָגען צו א שעהנער, ניט אידישער פארמער־הויז און האָב אָנגעקלאפט. צו מיר איז ארויסגעקומען די ווירטהין. כאָטש א פארמערס א ווייב און דאָך מיט א גאנץ איידעלען אויסזעהען, מיט אריסטאָקראטישע שטריכען אין פנים און מיט א ליעבען שמייכעל ביי די ליפען. כ'האָב דערצעהלט וואָס איך פערלאנג.

— יא, ביי מיר זיינען פאראן גענוג צימערען. קום ארויף קלייב זיך אויס א צימער. — איז געווען איהר פריינדליכער ענטפער.

זי האָט מיך דורכגעפיהרט ארום און ארום. אלץ מיר בעוויזען, געזאָגט, אז ניט נאָר מיין צימער האָב איך א רעכט צו

בענוצען, נאָר איך קען זיצען וואו איך וויל, וואו מיר געפעלט. כ'האָב בעשטימט דאָרט צו וואוינען דעם זומער. בלויז ברענגען די פעקלעך. און שוין אין טיר זייענדיג ווענד איך מיך צו איהר:

— כ'וויל, זאָלסט וויסען, אז איך בין א איד. א רוסישער איד, און אפשר וועט עס זיין פאר דיר אונבעקוועם.

זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט א פּאָר פערוואונדערטע אויגען ניט פערשטעהענדיג וואָס איך מיין. כ'האָב ס'אייגענע איבערגע'חזר'ט און געגעבען איהר צו פערשטעהן אז...

דאָ איז זי אביסעל רויט געוואָרען און מיט א לייכטען שמייכעל צוגעגעבען:

— ביי אונז אין לאנד איז ניטא קיין חילוק פון איד ביז ניט איד.

און, ווי צו וועלען מיר איבערצייגען, אז דאָס איז דער ריינער אמת, האָט זי אָנגעהויבען צו רופען:

— עלען! מיין טייערע וואו ביזטו?

דאָס איז געווען איהר אינגערע טאָכטער. א מיידעל פון א יאָהר זיבעצען. זי איז אריינגעקומען פון א זייטיגער טיר און געפרעגט, וואָס די מאמע בעדאַרף.

— אָט זעהסטו מיין טייערע, דער דזשענטעלמאן וועט דאָ וואוינען ביי אונז. דאָס איז מיין טאָכטער, זעהסט, מיין טייערע, דער מענש איז ניט לאַנג געקומען פון רוסלאנד. א רוסישער איד...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב די צוויי זאכען דערצעהלט, ווייל מיר דוכט זיך אויס, אז ערגעץ אין דער טיעף פון יעדען פאָלק ליגט דאָס מענשליכע בעגראבען און ווי א גרינער גראז שפּראָצט עס ארויס דאָ און דאָרט ביים זייט פון שטויביגען מענשען־וועג. און כאָטש פאַר מיר פערזענליך זיינען די אויבענדערמאָנטע צוויי פאקטען כמעט אן אויסנאהם, דאָך ווילט זיך מיר עס געדענקען דוקא אין די צייטען ווען מיר דאכט זיך אויס, אז פערדאָרבען איז דער מענש מיט זיין שנאה צו יענעם וואָס איז ניט אין איהם געראָטען, פערדאָר־

בען ביז'ן ביין.

און אז מען בעטראכט דאס לעבען דא אין אמעריקא ביי היינטיגען טאג; בעטראכטענדיג דעם שווערען וואגען פון פראג-רעס, וואס איז אויסגעפאלען אויף פארשטעהער פון כמעט אלע נאציאנען פון דער וועלט צו שלעפען; בעטראכט מען אט דעם דאזיגען געשפאן — זעהט איהר קלאר מיט וואס פאר אן אונטא-לעראנץ ס'קוקט איינער צום אנדערען שלעפענדיג דעם אלגעמיי-נעם געשפאן.

אבער דא איז פון די טאטעס פון לאנד אין די אלטע צייטען א קערענדעל פערזעעט געווארען אין דער היגער, יונגער, זאפטי-גער ערד; און די ווארצלען פון יענעם קערענדעל האבען זיך גוט צוגענומען. קאלט איז אויבען, שלאגען זיך די ווארצלען אין דער טיעף:

"אלע מענשען זיינען גלייך ביי גאט און אלע גלייך בעדארפען געניסען פון גליק, פרייהייט און ליכטיגקייט אויף דער ערד".

אין דער רגע, ווען ס'כאפט ארום ס'הארץ טרויער און פער-דרוס, קוקענדיג צו דער אומפריינדליכקייט וואס הערשט דא צווי-שען די פארשטעהער פון אלע ראסען און נאציאנען וואס וועלען דאך מיט דער צייט אונטערגעהען, שיינען אויף יענע ליכטיגע ווערטער וואס זיינען פון דעם ליכטיגסטען ווינקעל פון מענשענס הארץ ארויסגעקוואלען... גלויבסט אין גוטע צייטען אין די קו-מענדיגע צייטען.

און דערוויילי?

דערווייל גלייבען זיך די פעלקער דא אויס נאר אין האנדעל. ביי ביזנעס בעהאנדעלט איין פאלק דעם אנדערען איידעל, פריינד-ליך. דער יענקי נעהמט אויף שעהן דעם אידען, דער איטאליענער דעם איירישען, דער פאליאק — דעם דייטש און דער דייטש — דעם פראנצויז. אויסערהאלב די ביזנעס אבער, אין "לעבען" — כמעט ווי איינער דעם אנדערען דערקענט נים. איינער זעהט אין דעם אנדערען זיין קאנקורענט.

ווארים אין דער אלטער וועלט, אז איהר זענט געפאהרען איבער'ן גרעניץ, געקומען אין א פרעמד לאנד, האט מען אייך דארט בעטראכט ווי א גאסט. און אזוי האט איהר זיך אליין בעטראכט. אז א רום איז געקומען קיין דייטשלאנד, האט מען איהם געפרעגט ווען ער פאהרט צוריק. אפילו אין דער גאסטפריינדליכער פראנק־רייך האט מען אייך געפרעגט — ווי לאנג קלייבט איהר זיך דא צו פערבלייבען?

אנדערש איז אבער אין אמעריקא. אהער קומט מען ניט צו גאסט. אהער פאהרט מען ארויס לאזענדיג די היים הינטער זיך. פערקויפענדיג די שטוב, מעבעל, אלץ מיט אנאנדער. מען געזעגענט זיך אויף לאנג. און דא אין לאנד פרעגט מען אייך ניט — ווען איהר פאהרט צוריק. דא פרעגט מען אייך:

— האט איהר שוין אייערע ערשטע בירגער־פאפירען ארויס־גענומען?

אהער פאהרט יעדערער ווי צו זיך א היים. און אז מען קומט אהער, ס'הייסט, צו זיך אין שטוב, און מען געפינט דא אן ענגשאפט, מענשען זיינען פריהער געקומען, פערכאפט די וועלט, קוקט קרום איין פאלק אויפ'ן אנדערען. כמעט גרייט צו שפייען איין פאלק דעם אנדערען אין פנים אריין.

פאר די לעצטע פינף און דרייסיג יאהר איז דא צוגעקומען אריבער פערציג מיליאן מענשען. פון אלע עקען וועלט זיינען זיי אנגעקומען. פון אלע פעלקער און ראסען. און וואס איז פינף און דרייסיג יאהר? דער עולם האט זיך נאך ניט איבערגעקאכט אין דעם היגען מאגען, נאך ניט צושמאלצען געווארען. יעדער איינער פון דער אלטער וועלט וואלט וועלען, אז דא זאל בלויז זיין וועלט אליין זיין. יעדערער זוכט פאר זיך א בעזונדערען ווינקעל. איינער וויל דעם אנדערען אין שכנות ניט האבען. זעלטען ווען איינער וועט דעם אנדערען צו זיך צו גאסט פערבעטען. דער יענקי פער־טראגט ניט דעם דייטש, דער דייטש — דעם אירלענדער. דער איר־לענדער דעם סלאוו; און אלע אינאיינעם גענומען — פערטראגען

ניט דעם אידען.

כ'האב מיר אמאל גענומען די מיה נאכצוזוכען אין די אנ־געזעהענע ניו יארקער צייטונגען, אין דער אבטיילונג וואו ס'ווערט איבערגעגעבען ס א ס י י ע ט י נייעס, דאס לעבען פון דעם רייכען, אריסטאקראטישען ניט-אידישען עולם; כ'האב געזוכט אין די נייעס וואו ס'ווערט איבערגעגעבען ביי וועמען פון די מיליא־נערען איז עפעס א שמחה; ווער ס'האט פער'קנס'ט א קינד, ווער ס'מאכט חתונה א קינד, וועמעס טאכטער ס'אי שוין מיט מזל דערוואקסען אריינצוקומען אין דער געזעלשאפט און אויסקוקען פאר זיך א חתן. כ'האב גאנץ פארזיכטיג איבערגעקוקט די נעמען פון די געסט אויף דער שמחה, וועלענדיג אידישע נעמען בעגע־גענען.

כ'האב געוואלט פשוט וויסען ווי אזוי ס'לעבען צווישען זיך די אידישע און ניט אידישע מיליאנערען, אדער ווי מען רופט זיי דא — די פיער הונדערטער? — זיי פיהרען דאך געשעפטען אינאיינעם. קומט צו עפעס שיטען דאך אידען מיט מיליאנען. ווער נאך ווייזט זיך אזוי ארויס מיט זיינע גרויסע נדבות פאר עפעס אן אלגעמיינעם וואוילטעטיגען ענין ווי אונזערע אידישע עשירים? כ'האב דעריבער געוואלט אויסגעפינען צי ווערען זיי איינגעלאדען צו זייערע נ י ט־א י ד י ש ע ב ר י ד ע ר א י ן ה א נ ד ע ל אויף א שמחה אויף א תנאים אדער אויף א חתונה פון א קינד.

— זעלטען, זעהר זעלטען, ווען כ'האב צווישען דעם גרויסען צעטעל פון ניט־אידישע געסט א אידישען נאמען געפונען.

איז עס נאר צום אידען אזוי?

ניט אינגאנצען. צום אידען איז דער עקעל א דאפעל־טער, א דריי-פאכיגער. צום אידען איז דער אונפריינדליכער געפיהל א שטארקערער. אפשר מיט מעהר עקעל פערמאכט מען די טיר פאר איהם. אפשר בלויז מיט דעם אידען ווילען זיך די קריסטליכע סטודענטען ניט בעגעגענען אין איין קלוב, אין איין פעראיין.

אפשר וואָלט מען נאָך דעם כינעזער אדער יאפאנעזער אויך גע־קענט צורעכענען ווען יענע זאָלען זיך אליין ניט האלטען פון ווייטען. וויכטיג איז, וואָס פון די ד׳ אמות פון דער אייגענער שטוב ווארפט איין פאָלק צום אנדערען, כמעט אָהן אונטערשייד, פעראכטונגס־בליקען ארויס.

אין וואָגען זיינען זיי אלע געשפּאנט:

דער איטאליענער ברוקירט די גאסען, גראָבט גאָלד און זילבער.

דער סלאוו ליגט אין די מינען און שלעפּט משאות אין פּאָרט.

דער איד נייהט הויזען און בעקליידט די וועלט.

דער אירלענדער בויט הייזער.

דער דייטש האלט ביער־סאלונען.

אין די נידעריגע קלאסען כאָטש מען זידעלט זיך פונדעסט־וועגען שניידט מען ברויט פון איין לאָבען און וואסער צאפּט מען פון איין קראַן. מען זידעלט זיך: ״שיני״, ״דעיגאָ״, ״מייק״ און „קייק“ — אָבער דאָך שניידט מען דעם ברויט פון איין לאָבען. אין די אריסטאָקראטישע קרייזען רופט מען זיך ניט איבער; אין די אויגען בעליידיגט מען זיך ניט — נאָר מען האלט בלויז די טיר פערשלאָסען פאר דעם, וואָס איז ניט פון מיין בלוט.

אזוי איז צווישען די עלטערען.

די קינדער אָבער צווישען זיך, אין גאס אדער אין דער שולע — ווייסען נאָך ניט פון דער ביזנעס־העפליכקייט, פון דעם שמועס איבער׳ן וועטער, וואָס פּעשעהנט דאָ אזוי די ביזנעס־שפּראך, זיי די קליינע קינדערלעך, אונשולדיגע און איינפאכע, טראָגען מיט זיך ארויס פון טאטע־מאמעס שטוב איינאיינעם מיט׳ן פּעקעלע עסען — די שלעכטע געפיהלען צום פרעמדען — די שעהנע תורה איבער דעם פרעמדען פון פרעמד בלוט, וואָס זיי האָבען אין שטוב פון טאטע מאמע געהערט: קינד מיט קינד קריעגט זיך. ס׳האָבען פיינט איינס דעם אנדערען קינדערלאך פון טאטע מאמע מיט פּאָ־

ט ע ר ל א נ ד ס; אלע אינאיינעם האבען פיינט ס'קליינע גלות-קינד. קינד מיט קינד קריעגט זיך און דריקען אויס די געפיהלען פון זייערע טאטע מאמע אין דער היים. רופט איין קינד דעם אנדערען ש י נ י ענטפערט יענער ג י נ י; זאגט דער ד ע י ג א, ענטפערט יענער א י י ב י.

אין דעם שטאט וואו מען האט א אידען געלינטשט, אין דזשארדזשיא, איז דא פאר אידען נאך א נאמען:

— פרענק!

אזוי האט געהייסען דער אידישער מארטירער.

טרעפט אמאל אידישע קינדער, געבוירענע אינ'ם לאנד, וואס ווילען עס ניט ליידען, גיבען קלעפ.

כ'ווייס א אידיש קינד וואס האט פאר דעם איין ווערטעלע "שיני" געפיהרט מלחמה מיט א גאנצער גאס ניט-אידישע קינדער, האט זיי אלעמען גע'מזיק'ט, און, אז איהם האט דערעסען די גאנצע מלחמה האט ער געבעטען טאטע-מאמע זיי זאלען ארויסציהען אין א אידישער גאס.

דאס זיינען אינגלאך, מענער: פיט! אז מען שלאגט דא איי־נעם אונטער די אויגען, גרויס און קליין אזוי, האט ער דרך־ארץ.

מיידלאך אבער, דער שעהנערער און שוואכערער מין, זוכען זיך אויס אנדערע וועגען ווי אייגע דער אנדערערס בלוט צו בע־ליידיגען:

— נעהמט די ניט־אידישע מיידעלע מיט א שטיקעל קרייד און שרייבט אן א צ ל ם און דערנאך טונקט זי איין איהר פינ־גער אין מויל און מיט שפייעכץ מאכט זי א מ ג ן־ד ו ד...

נעהמט די אידישע מיידעלע און שרייבט אן מיט ק ר י י ד א מגן-דוד און מיט ש פ י י ע כ ץ — א צלם...

פון דער אלטער וועלט, אינאיינעם מיט געבעט-געוואנט האט יעדער פאלק מיטגעבראכט מיט זיך א האס צום צווייטען פאלק. מיסט פון דער אלטער וועלט האט מען מיטגעשלעפט מיט זיך און מען פערשיט דעם גרונט-שטיין פאר א שעהנעם און ליעבען

לעבען וואָס איז דאָ געלעגט געוואָרען פון די טאַטעס פון דעם לאַנד. א געשטאַנק פון ראַסען־האַס איז אהער אריבערגעבראַכט געוואָרען פון דער אלטער וועלט.

און די ים־לופט, וואָס מאַכט אויסוועבען גוטע פערפיומען, מאַכט מענשען אויסברעכען אלץ וואָס זיי האָבען געגעסען ביי זיך אין דער היים, אין דער אלטער וועלט — אָט די ים־לופט איז ניט אימשטאַנד אויסצוראָטען די אומפריינדליכקייט פון דורות וואָס פאָלק צו פאָלק טראַגט אין הארצען און וואָס — אלע אינאיינעם טראַגען צום אידען...

פאַר דעם מענשען וואָס גלויבט אין מענשען און בעגרייפט דעם וואונדער פון אמעריקא׳ס אויפקומען, פון אמעריקא׳ס גרויס־קייט — פאַר איהם איז געבליבען בלויז צו האָפען:

— אז ווי לאַנג די פעלדער וועלען דאָ גרינען און די פעלזען־בערג פון מערב-זייט וועלען דעם שניי אויף זיך טראַגען; ווי לאַנג די מיסיסיפי וועט איהרע וואַסערען טראַגען צום אוקינוס און די כוואַליעס פון די ים׳ען וועלען קומען וואַשען דעם זאַמד פון די היגע ברעגעס... אזוי לאַנג נאָך וועלען דאָ און דאָרט קלינגען די ליכטיגע ווערטער פון די פאָטערס פון לאַנד:

״אלע מענשען זיינען גלייך פאַר גאָט; אלע גלייך בעדאַרפען געניסען פון גליק, פרייהייט און ליכטיגקייט אויף דער ערד״.

דאָס איז דער גרונט-שטיין פון דעם לעבען דאָ אין לאַנד. דער פונדאַמענט. אמעריקאַ בעדאַרף נאָך אמאָל אויפסניי געבוירען ווערען. ס׳בעדאַרף נאָך קומען די צייט פון איהר ווידער-געבורט.

די קומענדיגע דורות וועלען פון דעם פונדאַמענט די מיסט אראָבקערען.

אהן געזאנג

נישטא קיין געזאנג אין די פעלדער פון נארד אמעריקא; און דעריבער איז אומעטיג אין די פעלדער פון נארד אמעריקא.

עס שלעפען די פערד דעם שווערען אקער-אייזען, שטום און שטיל געהט נאך דער מענש טראכטענדיג זיינע מחשבות און אזוי שטיל לעגען זיך די גליבעס ערד ביים זייט פון אקער־אייזען. ס'ווערען ניט בעזונגען די קארען אדער ווייץ־קערענדלאך, בע־האלטענדיג זיי אין דער פריש צואקערטער און ווארימער ערד. ס'הערט ניט קיין געזאנג דער גרינער גראז ווען ער שלייכט זיך ארויס פון דער ערד. אהן געזאנג ווערען געשניטען די תבואות און געפיהרט אין שייער אריין; אדער צו זיי ווערען אין פעלד געדראשען — אלץ איינס, קאלטע שטומע דרעהען זיך ארום די מענשען האביי. די היי ווערט געקאשעט פון די לאנקעס, געטרי־קענט, אין סטאגעס צונויפגעשארט און קיין ליעד איז דאביי ניט געזונגען געווארען. און דער עפעל, בארנע, אדער אפילו די גאלדע־נע אפעלסינען הענגען שטום אראב צווישען די גרינע בלעטער און, אז די צייט קומט, פליקט מען זיי פון די ביימער, מען טרייסעלט די צווייגען און שטום פאלען זיי אויף דער ערד; אין קאס־טענס פערפאקט מען זיי און ערגעץ ווייט, ווייט אין די גרויסע שטעט ווערען זיי אוועקגעשיקט און — ניט געזונגען האט דער מענש דאביי. אפשר בלויז פון מטבעות געטראכט.

אומעטיג איז אין פעלד פון נארד אמעריקא ווייל ס'איז ניט צו זעהן די פרוי אין די פעלדער פון נארד אמעריקא.

די פרוי האט דא איהר ארט אין קיך אדער אין פאבריק אבער ניט אין גאטס געבענשטען פעלד. די ארבייט אין פעלד ווערט דא אין לאנד געטאן פון מאן, וואס זיין מויל איז פער־לייגט מיט קיי-טאבאק. די פרוי ווייסט ניט פון אומגעהן מיט'ן סערפ אויפ'ן אקסעל און קוקען צווישען די תבואות אפשר וועט

זיך צו איהר פון דעם גאָלדענעם זאַנגען-ים איהר ליעבע בעווייזען. זי קומט ניט ארוים בעגינען אין פעלד צו פרעגען דעם וואונדער בלימעלע אויב איהר געליבטענס הארץ איז נאָך מיט איהר. זי טראָגט קיין מאָל ניט דעם שווערען בונט היי אויף איהר קאָפּ, געהענדיג געבוינגען צום סטאַג, וואו אויבען ווארט א יונג אויף איהר, פיהלענדיג די בליקען פון די יונגען ביים זייט וואָס פאַלען אויף איהרע באָרוועסע טרים. ניט אין די קאָרנפעלדער שפּיעלט זיך די ליעבע אוים און ניט צווישען די ווייצענפעלדער קומט זי אויסזיינגען איהר בעטריבט הארץ. פון שוועל ביז צום ראנד פון פעלד איז די ממשלה פון מאַן. די גרינסטע פּאַר'ן שטוב פערזעעט ער און, אז זיי ווערען צייטיג, רייסט ער זיי און טראָגט זיי אין שטוב אריין, צום ווייב, וואָס שטעהט ביים אויוועו און היט די טעפּלאך. דער מאַן מעלקט די קוה און טראגט דעם שעפעל מילך אין שטוב אריין. אין ז י י ן ממשלה ליגט דאָ די מוטער ערד און דאריבער איז אין פעלד אזוי אומעטיג פאר אונזערען א מענשען.

אָט דער פאַס ערד, וואָס ציהט זיך אוועק צו דרום זייט פון לאנד, וואו קנעכטשאַפט האָט געהערשט און איז נאָך אינגאַנצען ניט פערשוואונדען, אין די וואַטע-פעלדער, וואו דורך נעגער, אייביגע קנעכט, איז די ארבייט געטאָן געוואָרען, דאָרטען איז נאָר די ליעדער אינגאַנצען ניט פערשטומט געוואָרען. מאַן און פרוי אבי נאָר שוואַרץ, זיינען פון דער בייטש געשמיסען געוואָרען, טאָג און נאכט ווי פערד דעם יאָך איינאיינעם געשלעפּט — דאָרט איז די פאָלקס ליעד ווי א שעהנע בלום אין פעלד ארויסגעוואקסען. און ווילט איהר די אונשולדיג-ליכטיגע פאָלקס-ליעדער הערען, זוכט זיי צווישען יענע ליעדער, וואָס שטאַמען פון יענעם דרום-פאַס לאנד. געזונגען האָבען זיי אין פ ע ל ד שווארצע קנעכט און דער ווייסער, פרייער מענש, אין ש ט אָ ט פּרובט זיי אַמאָל איבערזינגען, און נאַריש און פרעמד קלינגט אין שטאָט די שטילע ליעד, וואָס איז אויסגעזונגען געוואָרען אין די שטילע אָוועגטען ביי

די ברעגעס פון דער מיסיסיפי. ווארום וואס פאר טעם האט אין שטאט די ליעד, וואס איז געבוירען געווארען פון מענשען, וואס ווי קינדער קליינע זיינען זיי קינדיש, און זינגענדיג זיינען די טענער אויף די סטרונעס פון דער באנטשא שטענדיג בעגלייט געווארען? די ליעדער האט מען צינויפגענומען און אבגעדרוקט, ארויסגעגעבען פאר דער שטאט ווי א צייכען פון אלטע צייטען. מען פרובט זיי זינגען. אויף א שלעכטער פיאנא קלאפט נאך אימיצער צו צום טאקט. אבער אין פעלד וואו דער ווייסער מענש איז דער האר, דארט וועט איהר די ליעד פון פלאנצען און זעען זעלטען, זעלטען וועט דערהערען.

כ'האב צו וויניג געלעבט אין ענגלאנד כ'זאל זייערע מנהגים און כאראקטער קענען משפט'ן, אבער מען זאגט, אז זיי זיינען ניט קיין פאלק פון געזאנג און מוזיק. און אפשר דערפאר וואס זיי זיינען געווען כמעט די ערשטע פון דער אלטער וועלט, וואס האבען אנגעהויבען ארייניצולאזען ווארצלען טיעפע דא אין דער ערד פון דער נייער וועלט און האבען די ערד בעהערשט, דאריבער איז אין פעלד דא אזוי שטיל. און זיי זיינען אפשר שולדיג פאר וואס די פרוי איז פון פעלד דערווייטערט; פאר וואס די ליעבע וואוינט ניט אין פעלד.

ווארום אנגעקומען זיינען צום ערשטען בראווע מענער, וואס האבען איבער פרעמדע ים'ען זיך געלאזען זוכען גליק, זוכען א ניי לעבען און נייע וועלטען. זיי האבען זיך די ערשטע מיט דער ערד בעקענט און שפעטער זי בעהערשט. ס'האט דאס נייע לאנד און יונגע ערד זייער הארץ געפאנגען און אבגעווענדט די מחשבות פון דער פרוי און דעם פערבאטענעם וועג וואס פיהרט צו איהרע פענסטער. ערשט שפעטער, שפעטער האט מען ווייבער פאר זיך אויסגעשריבען פון דער אלטער וועלט פונקט ווי מען האט פאר זיך אויסגעשריבען זריעה פאר די פעלדער און וואפען פון דעם אינדיאנער זיך צו בעשיצען.

דער ערשטער טראנספארט ווייבער, נײַנציג אין צאהל, איז

צו די ברעגעס פון ווירדזשיניא אַנגעקומען פון ענגלאַנד אין יאָהר טויזענט זעקס הונדערט ניינצען. א לאַנגע צייט שוין פאַרביי.

כ'האָב אין ערגעץ געזעהען אויף אן אַלטער גראַוויר-צייכנונג ווי יענע ווייבער זיצען ביים ברעג ים אויף זייערע קאַסטענס און פעקלאַך, דער פּנים צום ווייטען ים געווענדעט און וויינען אין דער שטיל. ביים זייט שטעהען געזונטע מענער, אויסגעפּוצטע אין די שעהנסטע קליידער און בעטראַכטען די סחורה. שמייכלען און קוקען איינס צום אנדערען. פון זיי האָט יעדערער זיך בעדאַרפט אויסקלייבען א ווייב, כלומרשט, איהר פריהער געפעלען ווערען, פאַנגען איהר האַרץ. און אז זי האָט בעוויליגט צו ווערען זיין ווייב, האָט ער פאַר איהר בעצאָהלט מיט טאבאק. דער יעמאָלדי־גער פערמעגען פון די קאָלאָניסטען, די פרוכט פון זייער פעלד און וואָס איז געגאַנגען אנשטאָט גאָלד. אזוי האָט ער זיך מיט איהר בעגעגענט. ער האָט זי אָוועקגעפיהרט צו זיך אין שטוב אריין. פון יעמאָלט אָן קאָכט זי די טעפּלאַך און וואַרט דער מאַן זאָל פאַר איהר מילך אָנמעלקען פון דער קוה, און אין שטוב אריינברענגען.

ערגעץ וואו אין פעלד טראָגט זיך נאָך אפשר אום דער וויע־דער־קול פון דעם אינדיאַנער'ס מעלאַנכאָלישע ליעד; ער האָט אומעטיג פאַר זיך געזונגען, געהענדיג מיט פייל און בויגען נאָך די טריט פון די הירשען און ביזאָנעס. דעם אינדיאַנערס ליעד, איהרע קלאַנגען האָבען זיך אין דער שטאָטישער, פרעכער גאַסען־ליעד אריינגעקליבען און דאָרט איז זי פערשוועכט געוואָרען. אין פעלד אָבער, אין די געגענדען וואו זייערע שפורען זיינען נאָך פריש — זייער ליעד איז שטום.

כ'האָב אמאָל אין ניו יאָרק אויסגעהערט א געזאַנגס-קאָנצערט פון א אינדיאַנער פּרינצעסין. וויפיעל טרויער איז אין איהר געזאַנג געווען. וויפיעל האַרצענס-וועה! ס'האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אז מיט טרויער ווערט דער רייכער זאָל אָנגעפיהלט. און די ווערטער אזוי קינדיש און דאָך אזוי טרויעריג. זי האָט געזונגען פון ברייטען פעלד, פון ווייטען סטעפּ און פון דער זון

וואָס געהט אויף. זי האָט געזונגען פון מאָרגענשטערען פון דעם טוי אויף די גראָזען און פון דעם אאיר וואָס וואַקסט ביים ברעג טייך. זי האָט נאָכגעמאכט דעם זילבערנעם גערויש פון וואסער ביי די זייטען פון דער פלינקער קאנו. זי האָט געזונגען פון ליע־בע און הירשען-געיעג; פון דער זון וואָס פערגעהט און דעם שטערן פון אווענט.

און ווי האָבען זיך עס גאָר געקענט אזוי לאנגווייליגען מיינע שכנים? ווי אזוי האָבען עס די שטאָטישע לייט זיך גאָר געקענט וויצלען ביים ארויסגעהן פונ׳ם רייכען זאאל, וואָס איז פאר מיר מיט אזא שווערען טרויער פול געוואָרען? ס׳איז דאָך אמעריקא׳ס ליעד! ס׳איז דאָך אמעריקא׳ס נשמה... ס׳איז דאָך די ליעד פון דער פרייערי און גרויסע אָזיערעס. ס׳איז דאָך די ליעד וואָס האָט איהר נעסט געהאט ביי די ברעגעס פון אלע טייכען דאָ אין לאנד...

„די זון פערגעהט אין מערב זייט —
אזוי פערגעהט אונזער רום..."

די ליעד פון אינדיאנער — די ליעד פון פעלד — שטארבט דאָ פונקט ווי עס שטארבען אויס די לעצטע פון די אינדיאנער שבטים, וואָס האָבען איבערגעגעבען די מוטער ערד צו דער ווייסער ראסע.

* *

*

אומעטיג איז אין שטאָט פאר אונזערען א מענשען דאָ. ניטא קיין געזאנג אין דער שטאָט פון נאָרד אמעריקא.

אין דער גרויסער שטאָט רויכערען פאבריקען און רוישען מא־שינען; לויפען באהנען איבער׳ן קאָפּ און דער לעבענס־טאקט איז ניט מיט געזאנג בעגלייט. צו האסטיג איז דאָ דאָס לעבען. האס־טיג פערגעהט דער טאָג; שנעל פערשווינדט דאָס לעבען, דער אָטעם פערשלאָגען אין דעם שטענדיגען געיעג נאָכ׳ן קלאנג פון קאלטען מעטאל. און, אז מען כאפט אָב דעם אָטעם ווערט דער געדאנק פערנומען מיט דעם פרעמדען מאָרגען אָבער ניט מיט דער שעה

פון זיסער רוה. קינדער פון דער אלטער וועלט, וואס ווי זינג־פויגעל האט שטענדיג זייער ליעד געקלונגען ביי זיך אין דער היים יערערער אין זיין לאנד — דא, דעם ים אריבערקומענדיג, ווערט דאס ליעד אנטשוויגען.

דער איטאליענער, וואס פון שלאף, דאכט זיך צומאל, זינגט ער ביי זיך אין דער היים, קומט ער אריבער אהער צו ברוקירען די גאסען פון די גרויסע שטעט אין נארד אמעריקא, אדער צו גראבען די וועגען פאר די אונטערגרונד־באהנען, אדער ווען ער ווערט אין די מינען פערפיהרט — זיין ליעד ווערט פערגעסען. דא אין אמעריקא קענט איהר בלויז הערען זיין גרילצי־גען שרייען; דא קנאקט די שפראך טרוקען אונטער'ן צונג פון די־קע איטאליענערינס. איהר הערט דא דעם איטאליענערס שרייענ־דיגען געשפרעך און איהר מיינט, ער געהערט צו א פאלק, וואס געזאנג איז איהם פרעמד. אויפ'ן שיף, פערלאזענדיג זיין פאטער־לאנד, דארט זינגט ער אלע זיינע ליעדער צום לעצטען מאל אויס. אויף די כוואליעס פון בייזען, כמורנעם אטלאנטיק ווערט זייער ליעדער פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט ניט פערשטומט. זינגען מיט פערמאכטע אויגען און זינגענדיג לאזט מען זיך אין א הפקר־טאנץ ארויס. ביז צום שוועל פון נייעם לאנד שאלט נאך די ליעד און דערנאך — ווערט זי שטום, די פרייע ליעד.

און אזוי זיינען די לעבענס־לוסטיגע שפאניער. נעהמען מיט זיך אין וועג אריין זויערען ווייך און זיסע, הארציגע ליעדער, צימב־לען אויפ'ן פייקעל, קנאקען מיט די פינגער, זינגען און טאנצען, טאנצען און זינגען ביז צום ברעג פון נייעם לאנד, ביז צו דער גרוי־סער, שטאלענער ריעזען־שטאט. דער וויין איז אויסגעטרונקען און די לעצטע ליעדער אויסגעזונגען.

און דער יונג און מיידעל פון די גרינע דניעפער ברעגעס וואו אין פריהלינג צערטעלט זיך דער איידעלער לאנדיש־בלימעל, אדער ביי די זאמדיגע ברעגעס פון דער בלאסליך פער'חלום'טער ווייכ־סעל, וואו ס'וויגט זיך א ווערבע איבער איהר אייגענעם שאטען:

קינדער פון יענע ברעגעס, וואס פון פריהמארגען ביז אין דער נאכט אריין טראגען זיך זייערע ליעדער איבער די פעלדער, וואס זינגענדיג ווערען זיי ווי יענער סאלאוויי, וואס מיט פערמאכטע אויגען אין דעם דעמבען־קוסט פערגעסט ער זיך און צוגיסט זיינע מריל'ען אזש די קוסטעס ציטערען. — —

אט די יונגע יוגענדס־ליעדער מיט בענקשאפט פול, וואס פיהלען אן די הערצער ביי די קינדער פון רוסלאנד, פוילען און או־קרייאינע — וואס ווערט פון זיי דא אין דעם נייעם לאנד, אין דער נייער היים?.... האט נאר דער ווינט זייער וועג מיט שטויב פערטראגען, האט נאר דער מזל זיי פון זייער היים ארויסגעריסען, ווי נאר זייער היימיש פעלד איז פון זייער בליק פערשוואונדען געווארען — מיט די שטומע טרערען פון די אויגען איז די ליעד פערשטומט געווארען.

און אונזער אידיש ליעד, וואס ווערט זעלטען אין כאר גע־זונגען; די ליעד פון דעם עלענדען הארץ און פערליעבטער, פער־בענקטער נשמה, וואס ציהט זיך אין די זומער טעג דורך די אפענע פענסטער מיט ווייסע פארהאנגלאך פערהאנגען און ביינאכט פון די פריזבעס, וואס זענען אין דער זומערנאכט בעהאלטען... דער נגון אהן ווערטער וואס קלייבט זיך פון בית מדרש-געסעל ארויס אין די גרויע בעגינענס, אין די ווינטערדיגע פראסטיגע טעג און דורך זומערדיגע נעכט — שטום ווערט די ליעד און שטארבט, ווי עס שטארבען פערלאנגען און יוגענד-חלומות ביים פערלאזען די היימישע שטעטעל.

אט די אלע יונגע קוואלען פון די יונגע הערצער פון וואנען ס'האט די היימישע ליעד געקוואלען ווערען דא מיט זאמד פער־טראגען. די ליעד איז געשטארבען. די ליעד איז פערדארבען.

עס טרעפט נאך אמאל ערגעץ וואו אין א ענגען פערווארפע־נעם שאפ וואו ס'האט נאך זיין היימישען אויסזעהען דער בעל הבית ניט פערלארען — דארט זיצען יונגע הערצער און וועלקען און וועלקענדיג רייסט זיך נאך צומאל אן אבגעריסענער קלאנג

ארוים אוןווערט פערטויבט פון דער מאשין׳ס זשומען...

„ס׳געהט די זון ארום וואלד ארום
און קען אין וואלד ניט אריין״...

קלינגט ווי פון ווייטע צייטען די ליעד פון ווייטען, ווייס־רוסלאנד, וואס איז דארט אין פעלד געוואקסען אינאיינעם מיט די קערענדלאך פערזעעטע אין דער ארימער, זאמדיגער ערד.

„אהיים ציהט מיך ווי מיט צוואנגען,
אוי, אהיים איז מיין געפיהל״...

זינגט ווי פאר זיך א אידישע טאכטער ווען איהרע פינגער בעגלייטען דעם ווייסען לייווענט צו דער נאדעל פון שטעפ־מאשין..

עס טרעפט, איהר זיצט אמאל אין אייער איינזאמען צימער אין א גרויסען האטעל, אין א גרויסער שטאט, וואו מיט פרעמד־קייט קוקט פון אלע ווינקעלעך ארויס, קענט איהר אמאל הערען אויף יענער זייט טיר אונבעקאנטע טריט, אבער די טריט זיינען בעגלייט פון אבגעריסענע קלאנגען פון א ווייטער און דאך נאהענ־טער ליעד:

„ס׳מעלקט די קוה די שעהנע מיידעל
און איהר אינגעל שטעהט דאביי..״

דאס זיינען שלאנקע טעכטער פון פוילען, וואס זיינען קיין אמעריקא פערפיהרט געווארען נאך איידער זייער שטאלץ אין הארצען האט אויפגעבליהט און זיי ראמען דא די צימערען פון אונבעקאנטע געסט און זיי פערנעהמען עס די שמייכלען פון די פרעמדע און ניט איידעלע געסט.

— וואס זינגסטו אזעלכעס? — פרעגט איהר א גאסט אויף ענגליש.

— א, דאס זינג איך א ליעד פון דער היים, — ענטפערט זי מיט א קאקעטישער רויטקייט אין פנים, אין אן ענגליש, וואס איז פון פויליש צובראכען.

— בענקסט זיך דיר אהיים?

— ניט אזוי שטארק; אין אמעריקא איז גוט...

מאכט זיך א גאסט, וואס קען איהר לאנד, א קינד פון איהר לאנד, וואס פערשטעהט איהר שפראך און פרעגט אין איהר אייגענער שפראך:

— ווי לאנג פון דער היים, קינדרעשו?

— פינף יאהר מיין פאן.

— און האסטו נאך די לידער פון דער היים ניט פערגעסען?

— ווי קען מען גאר די היימישע לידער פערגעסען? —

ענטפערט זי טרויעריג אין פ ו י ל י ש פון ע נ גל י ש צובראכען; און טרויעריג, פערטרערט קלינגט א י ה ר קול... און אויסדרוק פון צער אויפ'ן פנים..

גרוי איז דאס לעבען אהן געזאנג. וויסט איז דאס הארץ אהן דעם היימישען ליעד.

אומעטיג, אומעטיג אין די פעלדער פון נארד אמעריקא.

און ניט נאר מיר אליין איז דארט אומעטיג. דאכט מיר, אז די פעלדער, גלייך ווי איך, בענקען נאך לידער און געזאנג...

דער סוד פון לעבען

איך בין דא ניט געווען אויף די בית-עולם'ס פון אנדערע נאציאנען, וואס זיינען אהער אנגעקומען פון דער אלטער וועלט. כ'ווייס ניט ווי זייערע אייביגע ערטער זענען איינגעטיילט און צומאסטען.

א פאר מאל אבער בין איך געווען אויף אונזער אייגענעם בית-עולם דא און דארטען און, אומגעהענדיג צווישען די קברים־שורות, האט זיך פאר מיר אבגעדעקט דער פארהאנג צו דער נשמה פון אונזערע אהער אריבערגעקומענע פון דער אלטער היים. און אין ניו־יארק, אויף דער אנדערער זייט פון מזרח-טייך, דארטען ציהען זיי זיך אוועק אויף מיילען און מיילען אט די פערשיידענע

בית־עולם׳ס, אלטע און נייע, און דארט ערשט פיהלט איהר ווי גרויס איז די שטאט ניו יארק, וואו אונזערע לעבעדיגע האלטען זיך אויף. דארטען ערשט זעהט מען וואס פאר א בענקשאפט עס רוהט אין דער טיף פון אונזער לעבען דא; דארטען ערשט זעהט מען ווי אזוי דער אלטער דור, האט אויף א רגע ניט אויפגעהערט צו טראכ־טען פון דער אלטער היים. אונזערע פלאנצער און דערציהער וואל־טען דארטען אפשר געלערענט, אז סוף־כל־סוף איז א מענש ניט קיין קארטאפעל, וואס וואו מען פערזעצט איהם דארט וואקסט ער. די געגענד אויף יענער זייט איסט־ריווער, וואו עס ציהען זיך די מיילען־לאנגע אידישע בית־עולם׳ס, איז פערוואנדעלט געווארען אין א נייעם רוסלאנד. שטעט און שטעטלעך און אפילו דערפער רוסי־שע, זייערע נעמען וועט איהר בעגעגענען.

די געגענד איז צושניטען און צוטיילט אויף קליינע און גרע־סערע חלקים גאסען און געסלעך, לענג און ברייט. ביי יעדער טייל — אין דר׳ערד א סלופיק און מיט אן אויפשריפט. גראדנע, יע־קאטערינאסלאוו, שניפעשאק און באברויסק; ווארשע, קיעוו, אדעס און וויטאקע. ס׳מאכט ניט אויס, וואס די גובערניעס זיינען צו־מישט, די אויעזדען איבערגעדרעהט; עס מאכט ניט אויס וואס ווילנע איז צו מאסקווע דערנעהענטערט געווארען און ווארשא איז מיט פעטערבורג אין שכנות. שטיקער פון דעם גרויסען רוסלאנד איז עס. די גרויסע מוטער רוסלאנד פערגיסט דא אויך א טרער. וואלטען די רוסישע פאטריאטען אהער געקומען מיט א דאלמע־טשער און הייסען זיך לעזען די אויפשריפטען, אפשר וואלט זיי אויך א קעלט דורך די ביינער דורכגעלאפען, ווי ס׳טרעפט מיט אונזערען איינעם.

כמעט ניטא קיין איין פערווארפען ווינקעל אין רוסלאנד, וואו אידען וואוינען און וואס דא אויף יענער זייט טייך זאלען זיי ניט האבען א פאסעקעל ערד און מיט אן אויפשריפט, וואו ס׳איז פערצייכענט דער נאמען פון זייער שטאט.

די טויטע רוסלאנד.

וואָס טראַכט ביי זיך איינער פון נייעם דור דאָ, ווען איהם פאַלט איין צו געהן אויף קבר-אבות און לייענענדיג, אויב ער קען אידיש לעזען, אָט די נעמען פון די שטעט, וואָס זענען ביים לעבען פון טאַטע־מאַמע אַזוי אָפּט דערמאָנט געוואָרען אין שטוב? צי פערשטעהט ער יעמאָלט בעסער דעם זינען פון די טרערען, וואָס זיין מאַמע האָט יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט אין דער שטיל פערגאָ־סען? דו זיצסט אַמאָל און קלערסט:

— וואו איז דער זינען פון אונזער לעבען און וואו ענדיגען און הויבען זיך זיינע גרעניצען אָן?

און ווי שווער ס'איז אויסצוגעפינען דעם סוד פונ'ם לעבען אין דער גרויסער וואָכעדיגקייט, וואָס וויקעלט ארום אונזער לעבען דאָ אין אמעריקא. ניט ווילענדיג קוקסטו אריין אין דעם גרויסען תהום, וואָס טיילט אָב אונזערע טאַטעס פון די קינדער; אונזערע מאַמעס — פון זייער איינען פלייש און בלוט. און ס'הויבט אָן אַזש אין קאָפּ צו שווינדלען.

קוקענדיג אין יענעם תהום אריין קענט איהר צומאָל זעהען דעם — פאַר דער צייט גרוי געוואָרענעם — טאַטען, זיצט ביי א ספר, ביי דעם איינענעם ספר, וואָס ער האָט נאָך פון רוסלאַנד מיטגעבראַכט און נעגענאיבער זיצט דער זון אויף א שטול און די פיס אויפ'ן טיש, אנטקעגען טאַטען די פאַרעשוועס, קייט טאַבעקא און שפּייט דעם טאַטען איבער'ן קאָפּ.

דאָס איז די ווירקליכקייט — אָבער צו ברוטאַל, וואָס זאָל קלינגען ווי א וויץ. ס'איז דאָך ניט קיין וויץ — ווייל איך געה אין מיינע בעשרייבונגען ניט מאַכען קיין פאַרוואורף א יונגען דור פון א יונג לאַנד. איך רעד איצטער בלויז פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס בויען איבער זייער אַלטע היים אויפ'ן אייבינגען ארט; איך רעד פון דער מוטער רוסלאַנד, וואָס האָט דאָ איהר תיקון.

פאַראַנען אַזעלכע ערטער אין לעבען, וואו ניט די באַנען פייפען, ניט די טראַמוויייען און פראַכט־וועגענער טומלען מיט זייער ציהען דורך די ברוקירטע גאַסען; פאַראַן ערטער אין אונזער לע-

בען, וואו די ש ט י ל ק י י ט כאַפּט דיך אַרום, נידערט אין דיין האַרצען אַריין, צורייסט די נשמה. און שרעקליך איז די שטיל־קייט, וואָס שלאָגט פון דעם אָבגרונד, וואָס האָט זיך אויפגעעפענט צווישען איין דור און דעם אַנדערען אין דער אידישער גאַס. צי דען רעד איך איצטער פון דער אידישער שפּראַך; צי דען רעד איך פון דער אַלטער שול אונזערער, וואָס איז איינגעפאַלען... — איך רעד איצטער פון בוימער, וואָס זיינען אַהער אַריבערגעטראָגען גע־וואָרען אין דער צייט פון זייער בליהען און דאָ וועלקען זיי; איך רעד פון אַ דור, וואָס שטאַרבט און ניט קענענדיג לאָזען נאָך זיך אַ גאַנצען, אַ ל ע ב ע ד י ג ע ן שפּור אין ל ע ב ע ן, וויל ער כאָטש אויפ׳ן בית-עולם זיין געדעכעניש פערצייכענען.

איך דערמאָן מיר ווי אין רוסלאַנד, אין אַ שטעטעל, איז אַמאָל צו מיר געקומען אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען מיט אַ שעהנער זייבערער באָרד און איידעלען פּנים און האָט געפרעגט, איך זאָל איהם זאָגען ווי אַזוי ער זאָל זיינע קינדער דערציהען. און, אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך ווייס ניט איז ער געוואָרען שטאַרק פערוואונדערט:

— ווייסט, ווער דען זאָל וויסען אויב איהר ווייסט ניט?

— איך ווייס ניט ווי אַזוי קינדער צו דערציהען, ווייל איך אַליין האָב קיין קינדער ניט.

— יאָ, אָבער — —

ווער ווייסט, אפשר איז שוין יענער איד אין אַמעריקאַ און איז אַ מיטגליעדער פון זיינע ל י י ט און ערגעץ אויף יענער זייט א י ס ט ר י וו ע ר איז אָבגעצאַמט אַ שטיקעלע לאַנד, ביים זייט אַ ברעטעל אין דער ערד אַריינגעשטעלט און אָנגעשריבען: „חברת אנשי...״

די קינדער דערציהען זיך שוין, ווי אַלע קינדער פון די גרינע אין אַ יום-טוב טאָג פאַהרט מען אַוועק אַהין, אויף יענער זייט טייך, מען קומט צום אָרט, וואו די היימישע שטעטעל געפינט זיך. ער שטעהט און קוקט אויף דער שטיקעלע ק ר ק ע, נאָך קיין

איין קבר ניטא. נאָר דאָ שטאַרצט אַרויס אַ גרויער שטיין פון דער ערד; דאָרטען אַ טרוקענער גראָז, אַ מאָגער ווילד בלימעלע:

„חברת אנשי"... און זיין שטעטעל וואַקסט איהם אויס פאַר די אויגען; זיין קינדהייט בליהט אויף פאַר איהם נאָך אמאָל. די ערד וואו זיין טאַטע איז געבוירען געוואָרען; די ערד וואו זיין זיידע איז אויסגעוואַקסען; דער פּלאַץ וואו זיין וויג־בעט איז צופוילט געוואָרען...

און ערגעץ וואו, צו דער מערב־זייט שטאַט, אויף אַ פרייען פּלאַץ איז דער נייער דור פערזאַמעלט. דאָרט זיינען זיינע קינדער אויך פאַראַן. שפּיעלען בייס־באָל, פוט־באָל, באַסקעט־באָל — — — די יונגע ברוסט ווערט ברייטער און די טויערען פון אמעריקא, די גאָלדענע מדינה, עפענען זיך פאַר איהם ברייטער, ברייטער, ברייטער....

און דער אַלטער דור — — —
„ח ב ר ת א נ ש י...."
וואו איז דער סוד פון לעבען?...

ליכט און שאָטען

ס'ווערט ליכטיגער אויפ'ן הארצען, ווען מען פאָהרט אַרויס פון דער געגענד, וואו די ערד איז בעדעקט מיט שטעט, וואָס האַלטען אין רויכערען און קאָפּטשען. אָט די פּיטסבורגס, דעטראָיטס, שיקאַגאָס און זייער גלייכען, אז די פערברענגסט לענגער דאָרטען טראַכסטו אפּט: צוויי זונען האָט גאָט בעשאַפען פאַר דער וועלט, איינע אַ קאַרגע, אַ וואָכעדיגע און די אַנדערע — אַזאַ לויכטענדיגע, אַזאַ יום־טוב'דיגע, וואָס שפּאָרט ניט קיין ליכטיגקייט, שיט מיט שטראַהלען אויף אַלע וועגען און שטעגען. און פאַר די אַלע שטעט, וואָס זיינען אַזוי פערנומען מיט מאַכען געלד און שאַפען בעק־

װעמליכקײטען פאר דער װעלט: פון אויטאמאבילען ביז נאדעל־פארעם — פאר זײ איז די קארגע, װאכעדיגע זון.

בלויז אײן נאכט געדײזט מיט'ן באהן און זיך דערװײטערט פון יענער געגענד; בלויז אײן נאכט רײזע נאהענטער צו דרום און — װאס פאר א נײע װעלט! װאס פאר א ליכטיגע װעלט! פון דעטראיט קײן אטלאנטא, דזשארדזשיא איז בלויז פינף און צװאנציג שעה רײזע; כ'האב נאך קײן העלפט פון מײן װעג ניט דורכגעמאכט און די הימלען זענען שוין בלויער, טיפער און די װעלט — ברײטער. סינסינעטי, דער לעצטער װאלקען אונטער'ן הימעל און די לעצטע שװארצע, קלעפעדיגע קויהלען־שטויב בלאטע, װאס בלישטשעט אויף דר'ערד. דא בין איך פאר צװײ יאהרען געװען, געװישט די פאזשע פון פנים און געדאנקט גאט, װאס כ'בין פון דארט אנטלאפען. און איצטער בין איך באמת צופרידען, װאס אונזער צוג װעט דא בלויז א לאקאמאטיװ איבערבײטען. פון דעטראיט ארויסגעפאהרען אין א קאלטער, נאסער, װינטיגער און פערשנײטער נאכט און אויף מארגען, בלויז סינסינעטי אויסגעמיטען און ס'האט זיך אזוי אויסגעלײטערט.

מיר דערנעהענטערען זיך צו די גרענעצען פון קענטאקי. די ערד איז בערגיג, הארבאטע, צובראכען און צוקרימט. מען זעהט, אז די ערד טראגט דא שטײנער אין איהר בוזים און אפשר אוצרות פאר דער װעלט. די בוימער, װאס װאקסען דא, כאטש אונטער דער ליכטיגער זון און בלויע הימלען, זײנען זײ דאך עפעס ניט דערװאקסען, מאגערע און צוקרימטע. קארליק־דעמבלעך און קריפעל־סאסנעס. זעהט אויס, ניט פרײ לעבט זיך די װארצלען זײערע אין דער ערד צװישען פעלזען און שטײנער.

װײזט אויס, ניט לאנג דא א שנײ ארויסגעפאלען, דין און אונבעריהרט שפרײט ער זיך דא און דארט אין שאטען פון די בוימער. ניט בכוח די גאנצע אויבערפלעך צו בעדעקען. די זון קלײבט זיך ארויס נאך העכער, לײכט נאך שטארקער און די װײסע שנײ־טישטאכער װערען זעלטענער, ביז זײ װערען אינגאנצען פער

שוואונדען. דער ישוב ווערט שיטערער. וואו ניט וואו קוקט ארויס א פארמער'ס הויז פון צווישען די בוימער. ס'בעווייזט זיך א פערד אדער א קוה מיט א געדיכט-האריגע ווינטערדיגע פעל, צופען די גרינע גראזען, וואס שלאגען זיך שוין פון דער ערד ארויס. די גע־גענד ווערט נאך בערגיגער, נאך פעלזיגער און צובראכענער. דעם צוג קומט אויס זעהר אפט דורכצוגעהן פינסטערע טונעלען און ביז מיר קלייבען זיך פון זיי ארויס רייסט זיך ארײן דער שטיינ־קויהלען רויך דורך די שפאלטען אין וואגאן אריין און רייסט אין האלז און אין די אויגען. צוביסלעך לופטערט זיך אויס און די וואַ־רעמקייט און די ליכטיגקייט, וואס שלאגט פון הרויסען מאכט ענג און מיעד אין וואגאן צו זיצען.

ארויספאהרענדיג האב איך מיט זיך פערכאפט עטליכע אי־דישע צייטונגען און דאס האט געמאכט צופיעל צו קוקען אויף מיר די עטליכע פאסאזשירען, וואס זיינען מיט מיר אין שכנות געווען. דעם שטארקסטען איינדרוק אבער האט עס געמאכט אויף דעם צייטונגס־און־קענדי־פעדלער, וואס געהט פון וואגאן צו וואגאן און וועקט מיט זיינע, כמעט ניט נויטיגע סחורות, די פאסאזשירען. אז ער איז א איד האב איך פערשטאנען פון דעם, וואס ער האט מיך צורוה געלאזט יעדער מאל פערבייגעהענדיג מיט זיין קוישעל. בלויז פון דער זייט האט ער צו מיר א פערוואונדערטען בליק געווארפען. ס'האט כמעט אויסגעזעהן, אז איך שטער איהם אין זיין האנדעל.

פון מיטעלען וואוקס, די פלייצע געבויגען, פון א יאהר אכט און צוואנציג, מיט איינגעצויגענע באקען און בעדעקט מיט שטויב די קליידער, אין סאזשע דער פנים, איז ער אלעמאל אריינגעקומען אויסרופענדיג און לויבענדיג זיינע סחורות, אבער וואס מעהר ער האט זיך דערנעהענטערט צו מיר אלץ שוואכער איז זיין שטימע געווארען. ענדליך איז ער צו מיר צוגעקומען און אזוי, אז קיינער זאל ניט זעהען האט ער פון בוזים-קעשענע ארויסגענומען א ניו־יארקער אידישע וואכענשריפט און מיר פארגעלעגט, אויב איך וויל. ס'הייסט, חלילה, ניט פאר געלט. דאס איז ער מיך מכבד מיט

זיין איינגענער ציימונג, פונקט ווי ביי זיך אין דער היים, ווי א גוטען בעקאנטען.

— איהר מוזט זיין אדער א אידישער שרייבער אדער א לעקטשורער — מאכט ער צו מיר, און זיין פערמורזשעטער פנים פערציהט זיך מיט בעגייסטערונג.

— ווי אזוי דערקענט איהר עס?

— גאר גרינג צו דערקענען אונזערע אידען וועלען זיך קיינמאל ניט ערלויבען אין א פולמאן וואגאן צו לייענען א אידישע צייטונג.

איך האב איהם אנגערופען מיין נאמען. ער האט אבגעווישט זיין האנט אן רעקעל און האט מיר דערלאנגט א שלום־עליכם.

— געהערט. אודאי געהערט. ניט שטענדיג איז מען א פערלער איבער די וואגאנעס. איך פאהר די שטרעקע פון סינסינעטי ביז טשעטאנוגא. איך פאהר בייטאג, און ביינאכט איז מען א מענש מיט מענשען צוגלייך.

— נו, מאכט מען א לעבען?

— שווער, זעהר שווער א לעבען צו מאכען. מיר זענען אנגעשטעלט ביי א קאמפאניע. זי גיט אונז אכצעהן פראצענט פון דעם לייזונג און דאס איז זעהר ווינציג א לעבען צו מאכען, נאר די גאנצע זאך איז, וואס מען מאכט א פאר סענט ביי דער זייט. מען קליגט זיך אמאל ארויפצוציהען א פאר סענט אריבער דעם געוואוינטליכען פרייז. אדער מען קלייבט אויף די צייטונגען, וואס די פאסאזשירען לאזען איבער און מען פערקויפט זיי נאך אמאל צו די פרישע אנגעקומענע פאסאזשירען. אזוי טרעפט אמאל, אז איין צייטונג אדער זשורנאל ווערט עטליכע מאל פערקויפט. אבער ס'איז ניט קיין לעבען.

איך דערוויס זיך, אז ער איז א גאנצער תלמיד־חכם. אין דער ישיבה געלערענט, אין בית־מדרש זיך געקאלאטשעט. ערגעץ פון קאוונער גובערניע איז ער אנגעקומען און דא ווערט מען פערשווארצט און פערגרעבט; צייטונגען און קענדי פערקויפט ער.

נאָר צי איז ער דער איינציגער... וואו טרעפט מען דען זיי ניט אָט די פערבלאָנדזשעטע נשמות? כ'האָב זיי געטראָפען אין ארגענטינא, בראזיליען, אורוגוואי; זיי געטראָפען אין די ענגלישע קאָלאָניעס, פערקניפענדיג זייער מזל מיט די נעגער. און דאָ, אין די פעראייניגטע שטאַטען, אין אלע פערוואָרפענע ווינקעלעך, טרעפט איהר זיי, אונזערע היימישע תלמידי־חכמים, איידעלע יונגע־לייט. וואָס מעהר תלמיד־חכם געווען אין דער היים, — אלץ גרעסערער שלים־מזל דאָ, אין דער גאָלדענער מדינה. זייער איינגעבאָרענע איידעלקייט ווערט דאָ פערזשאַווערט און אויסגעוועפּט. וואָס מעהר זוכער — אלץ קלענערער געפינער דאָ אין לאַנד. זיי ווערען דאָ אין לאַנד אָבגעקראָכען, אבגעבליאקעוועט, איינגעשרומפען און פערוועלקט. עלויים, קינדער פון די גרויסע ישיבות אין רוסלאנד, בני־תורה מיט סמיכות אויף רבנות און קאנדידאטען אויף רייכע כלות מיט אייביגע קעסט ביי רייכע שווער און שוויגער, קאנדידאטען אויף רבנות אין גרויסע בכבוד'יגע שטעט — און דאָ, אין גאָלדענעם לאַנד, פעדלען זיי מיט קיבעבע און לאַקריץ; פעדלען מיט קענדי און צייטונגען, מיט קנעפּלעך און בערשטלעך. און צוזאַמען מיט דער ביליגער סחורה אין קוישעל דערלאַנגט מען צום קונה שטיקער פון דער נשמה, שטיקער פון אייגענעם ווילען און פערלאַנג, חשק און אמביציע. קאָלאָטשען זיך אַרום ווי די פּרוכטען גרינע, פאַר דער צייט פון בוים אַראָבגעריסענע. ניט קיין בעווייבטע, פּרוכטלאָזע און פון אלץ אָבגעריסען. — — —

— — — אונזער צוג האָט שוין באַלד דורכגעשניטען טענעסי, און מיר דערנעהענטערען זיך צו די גרענעצען פון דזשאָרדזשיא. מיר קומען נעהענטער צו טשאַטאַנאָגא, וואוהין, אין אָקטאָבער, טויזענד אכט הונדערט דריי און זעכציג, איז גראַנט אָנגעקומען מיט זיין זיעגרייכער אַרמעע, וואָס האָט געקעמפּפט פאַר דער פעראייניגונג און גאַנצקייט פון לאַנד...

פון די גרויסע רעגענס, וואָס האָבען דאָ די טעג געגאָסען, האָט זיך דער טייך טשאַטאַהוטשי אַזוי צושפּיעלט, אַז די גאַנצע

געגענד אויף מיילען ארום שטעהט אין וואסער. די וואסער איז ערטערווייז ביז דריי פוס העכער איבער דער אייזענבאהן-ליניע און דער צוג געהט ביז איבער די רעדער אין וואסער, אזוי לאנגזאם, פארזיכטיג, און די וואסער קלינגט אונטער'ן וואגאן. אלע ווײלע בלייבט מען שטעהן, געבענדיג סיגנאלען. און אזוי אין די וואסערען שטעהענדיג פאלט־צו די נאכט. ס'ווערט אביסעל אונהיימליך. מען ריהרט זיך ווידער, מיר דערנעהענטערען זיך צום שטאט, און מען זעהט פון ווייטען ווי א טייל שטאט שטעהט אין וואסער. גאנצע שורות הייזער, גאסען שטעהען אין וואסער, פינסטער, און פון די שווארצע שויבען קוקט ארויס א פחד.

כ'האב נאך בייטאג געלייענט אין די צייטונגען פון דער פערפלייצונג, און אז הונדערטער פאמיליעס זיינען געווארען ארויסגעטריבען פון די הייזער, און אז בהמות, עופות זיינען דערטרונקען געווארען. איך האב צום בילד זיך צוגעקוקט און ס'האט מיר דערמאנט עהנליכע בילדער, וואס כ'האב געזעהען מיט א פאר יאהר צוריק, ארומרייזענדיג אין ארגענטינא. נאך אין דער פריה, דורכפאהרענדיג סינסינעטי, האט דער טייך אהייא אויך אונהיימליך אויסגעזעהען, טרייבענדיג זיינע געלב־בלאטיגע וואסערען מיט א שוים און גרויסען רעש. ווער ווייסט וואס פאר א חורבנות ער וועט אט באלד, באלד אנמאכען.

אונזער צוג פייפט, גיט סיגנאלען, און ביסלעכווייז קלייבען מיר זיך ארויס פון דער פערגאסענער געגענד. ס'ווערט שפעט. מיר האבען געדארפט אנקומען קיין אטלאנטא א זייגער עלף אין אווענט און ערשט ארום דריי נאך האלבע נאכט האבען מיר זיך אהין דערקליבען.

בלויז נאך צוויי פאסאזשירען האב איך געזעהען פון באהן אויסשטייגענדיג. ביים וואקזאל האבען געווארט אויטאמאבילען, פאסאזשירען אויפצונעהמען, און אן איין-און-איינציגער פערד-און־וועגעלע מיט אן אלטען נעגער אלס אנטרייבער. כ'האב מיר ביי איהם אויפגעזעצט און געהייסען פיהרען צום האטעל, וואס איך

האָב מיר נאָך פריהער איינגע'חזר'ט.

שטיל, זעהר שטיל איז געווען אין די גאסען. אין דער שטילער נאכט האָבען אָבגעקלאפט מיט אן עכאָ די טריט פון דעם אויסגע־מאָגערטען ברוין־שווארצען פערדעל.

און איך מוז מיר מודה זיין, אז אן אונרוהיגער געפיהל האָט מיך ארומגעכאפט אין דער שטילער נאכט צווישען די הויכע מוי־ערען און די פערשלאָסענע, שטומע געשעפטען. מיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו קלאפען אונרוהיג און האסטיג, דערשפירענדיג אז איך בין אין דער שטאָט אטלאנטא, פון דעם שטאט דזשארדזשיא, וואו ס'איז אָבגעשטעמפעלט געוואָרען דער גורל פון אונזערע אי־דען דאָ, אין דער פרייער מדינה; אז מיר אידען, טרינקען בלוט פון הייליגע קריסטען...

ס'פערדעל קלאפט און קלאפט מיט זיינע דראָבנע טריט דורך די לעדיגע גאסען, און ביים שיין פון די עלעקטרישע לאמטערנעס לייען איך דאָ און דאָרטען אויפשריפטען איבער די טירען פון די געשעפטען:

ראָזענבלום, ראזענצוויג, ראזענבערג, ראָזענשטיין, ראָזענ־פעלד...

די נאכט איז א ווארימע. אָבער מיין נעגער בלייבט א ווײלע שטעהן מיט'ן פערדעל און ווענדעט זיך צו מיר מיט א קול פול מיט חנינה און אונטערטעניגקייט:

— ווייסט, באָס, אז ס'איז זעהר א קאלטע נאכט. וועסט מיר מוזען צולעגען נאָך צעהן סענט, וועל איך מיר קאָנען אויסטרינקען א גלעזעל קאווע...

(אין דעם שטאט איז פערבאָטען בראנפען צו טרינקען...)

אריסטאקראטען

גרוים ביי זיך, פריצ'יש פיהרען זיך די דרום־שטאטען כאטש די לייט דא געהערען מיינסטענס צו דער דעמאקראטישער פארטיי פון לאנד, אבער זיי זיינען עס ניט. בלאזען זיך, קענען ניט פערגעסען די עולה, וואס די נארד איז געגען זיי בעגאנגען אין בירגער־קריעג. זיי זיינען דעמאלט בעזיעגט געווארען, מיט גוואלד גע־צוואונגען זיך צוריק צו פעראייניגען מיט די צפון־שטאטען. און כאטש שוין אריבער פופציג יאהר איז פון יענער צייט פערגאנגען, דאך שפירט איהר די אונזיכטבארע וואנט וואס טיילט אב דרום פון צפון. כאטש נאך אין לינקאלנס צייטען איז דא קנעכטשאפט אבגעשאפט געווארען און דאך איז דער נעגער נאך אלץ אין זיי־ערע אויגען דער אמאליגער שמוציגער קנעכט. און כאטש אויף יעדע געביט זיינען זיי אונטערשטעליג אין פערגלייך מיט דער נ א ר ד — דאך זיינען זיי די אריסטאקראטען.

און דער שטאלצער שטאט דזשארדזשיא, וואס פערשאפט גאנץ אפט בזיונות דעם לאנד מיט אריסטאקראטישע נייגונגען און תאוה צו זעהען ווי עס גיסט זיך די בלוט פון דעם וואס מען בע־טראכט נידעריגער פון זיך, ס'איז די קרוין פון די דרום־שטאטען. מענשען פעסטע, הויכע, שטאלצע. קענטיג אין דער יוגענד פלינק, טאפער געוועזען. כאטש מיט אן אייגענעם ברודער, ווי א לייב זיך געשלאגען פאר אייגענע רעכט. דא און דארט סמנים פון יענע גרויסע טעג — די צייטען פון בירגער־קריעג.

און די היסטאריע פון אט דעם אריסטאקראטישען שטאט קלינגט כמעט ווי א לעגענדע:

„מיט הונדערט פיער־און־אכציג יאהר צוריק האט אן ענגלי־שער גענעראל מיט'ן נאמען אגלעטארפ געקראגען די ערלויבניש פון ענגלישען קעניג, געארג דער צווייטער, צו גרינדען א קאלאניע אין שכנות מיט פלארידע, וואס האט נאך דעמאלט געהערט צו

שפאניען".

און ניט אבי ווי א קאלאניע האט אנגלעטארפ געוואלט בעשאפען. ער איז געווען א מענש א אידעאליסט און איהם האט זיך געוואלט, אז זיין קאלאניע זאל זיין א מין עיר-מקלט פאר אלע נעפלאגטע, גע'רודפ'טע אין דער אלטער וועלט. ער האט צונויפגענומען לייט וואס זיינען גע'רודפ'ט געווארען פאר זייערע פרייע געדאנקען, אזעלכע וואס האבען געשמאכט אין טורמעס צוליעב שלעכטע בעלי־חובות. ער האט זיי אויסגעלייזט אויף זיין אחריות און אוועקגעפיהרט אהער אין נייעם לאנד. אנטלאפענע דייטשען, פראטעסטאנטען זיינען אנגעקומען און אויף די ערשטע צוואנציג אידישע פאמיליעס, מייסטענס פון דייטשלאנד, זיינען אהער אנגעקומען. די קאלאניע האט מען א נאמען געגעבען נאך דעם ענגלישען קעניג — דזשארדזשיא. איהר דעוויז איז געווען: — ארבייטען פאר יענעם און ניט פאר זיך.

מיט זייד־ווערעמלעך דערציהען האט זיך די קאלאניע גע-דארפט אבגעבען. עס הייסט, זיין בעשיידען. מעהר ווי פופציג אקער לאנד האט א קאלאניסט ניט געטארט האבען. ער זאל חלילה ניט ווערען רייך און גרוים ביי זיך"...

עס קלינגט ווי א שעהנע לעגענדע אבער ניט ווי א היסטארישער פאקט. די פעל וואס יענער גענעראל האט אויף זיינע לייט אנגעצויגען איז צעווארען ענגער און ענגער און ביז זי האט גע־פלאצט. פון דער בעשיידענער קאלאניע איז ארויסגעשפרונגען א בעשעפעניש וואס האט אין די בלוטען דעם חשק צו האנדלען מיט מענשען-לייב און — מענשען אין קנעכט צו פערוואנדלען.

און יענע מלחמה וואס די נארד האט מיט זיי געפיהרט אין לינקאלנ'ס צייטען און געצוואונגען זיי צו בעפרייען די נעגער־קנעכט און שווערען, אז זיי וועלען זיך פון נאציאנאלען פערבאנד ניט אברייסען, א יענע מלחמה מיט איבער פופציג יאהר צוריק — איהר גייסט שוועבט נאך דא ארום אטלאנטא וואו שערמאן האט זיינע נצחונות אבגעהאלטען איבער די שטאלצע זידליכע חילות.

הינטער אטלאנטא איז דער בית־עולם וואו עס ליגען די קרבנות פון יענעם בירגער־קריעג. צוויי מאָנומענטען גרויסע זיינען דאָ אויפ'ן בית־עולם, א זכרון פון יענער צייט.

אויפ'ן קבר פון די געפאלענע אין קריעג שטעהט א הויכער אָבעליסק. אָבער אויפ'ן קבר פון די אונבעוואוסטע קרבנות פון דער ז י ד ל י כ ע ר ארמעע, פון די קאָנפעדערירטע, איז פון מאַ־סיוועו גראניט אויסגעהאקט א ריעזיגער ליב: א לייב וואָס איז געפאלען אין שלאכט. ער ליגט אויף א זייט אויף א שטיינערנעם געלעגער, די פאָדערשטע פיס אויף פאָרענט אויסגעצויגען און די הינטערשטע צו זיך גענומען. זיין מויל איז געבליבען א ביסעל אָפען און פערקרימט; נאָך דעם ווי ער האָט זיין לעצטען וועה־געשריי ארויסגעברומט איז ער אזוי אויסגעגאנגען. דער קאָפּ אָן א זייט מיעד געפאלען.

אָט אין דעם מאָנומענט זעהט מען דעם גייסט פון די דרום־שטאטען און דער בליק זייערער אויף די נאָרדליכע שטאאטען.

אין דעם גראנט־פארק וואָס אין אטלאנטא — אייגענטליך איז עס א וואלד פון סאָסנע־בוימער מיט וועגען דורכגעהאקטע פאר אויטאָמאָבילען, אין דעם פארק איז פאראן א קיילעכדיגע געביידע ווי א צירק. און אין דער געביידע — א מערקווירדיגע אויל־פּאָנאָראמא, וואו עס שטעלט זיך פאר די שלאכט הינטער אט־לאנטא. אז מען פערברענגט דאָרט א ווייל קען מען זיך פער־געסען, אז א מאהלעריש בילד זעהט מען, נאָר — די ווירקליכקייט אליין איז עס פאר אייערע אויגען. און אן אלטער גרויער שלאנקער מאן מיט אן אָדלער־נאָז און גרוי, שטאָלץ בערדעלע, א סאָלדאט פון דער קאָנפעדערירטער ארמעע, ער דערצעהלט פאר די נייגערי־גע וועגען יענער שלאכט. ער ווייזט אפילו אָן דעם אָרט וואו ער האָט זיך דעמאָלט געפונען. מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג דערצעהלט ער וועגען ז י י נ ע געגעראלען און פון די גבורות פון די קאָנפעדערירטע. אויף דעם ווינקעל, וואו עס געפינען זיך זיינע סאָלדאטען נוצט ער אוים זיין גאנצען פאָטעישען פייער:

— „און אזוי איז עס געווען, אז שערמאַן האָט אונז געוואָלט
פערלויפען דעם וועג און אונז אריינכאַפּען אין זיין נעץ... ווי לייד־
בען האָבען אונזערע געפּאַכטען דעם ש ו נ א...“ ער פערגעסט
זיך גאָר, אז אריבער פופציג יאָהר זיינען שוין פערלאָפען פון יענ־
נער צייט; יונג קלינגט זיין שטימע, בראוו זיינע בעוועגונגען און
די מעדאליען אויף זיין ברוסט ווינקען מיט עהרליכקייט.

קומט ער אָבער צו די יוניאָניסטען, צו דער ארמעע און גע־
נעראלען פון דער נאָרד, דאָ פאלט זיין שטימע. שנעל הויבט ער
אָן צו רעכענען די נעמען פון זייערע גענעראלען, האָט גאָר קיין
שעהן וואָרט ניט פאַר זייערטוועגען, קיין איין לויב־ליעד ניט פאַר
די וואָס טראָגען זיך איבער די בערג ארום אטלאנטא אויף זייערע
צוואווילדעטע פערד; אָט די וואָס האָבען געקעמפּפט אָבצושאַפען
שקלאפערייי אין פרייען לאנד. און אויף אייביג פערזיכערען די
גאנצקייט פון לאנד.

איך שטעל מיר פאָר, ווען ס'געלינגט זיי דערמאָלט צו בעזיע־
גען די יוניאָניסטען אָדער ווען ס'געלינגט טאקע יענע שלוחים
וואָס זיינען אין געהיים געפאָהרען קיין פראנקרייך און ענגלאנד בע־
טען אין נאָמען פון די זידליכע שטאטען, אז די אלטע וועלט זאָל
זיי קומען צו הילף און, ווען מען נעהמט זיי ניט איבער אין וועג
איידער זיי האָבען זייער ציעל דערגרייכט... געוויס וואָלט דאָס
לאנד איצטער א גאנץ אנדער פנים געהאט. אפשר די געגענד
פון וואנען איך שרייב איצטער מיינע שורות וואָלט נאָך געהערט
צו ענגלאנד און דער אייגענער בראווער סאָלדאט פון די קאָנפע־
דערירטע, וואָלט ביי א געלעגענהייט בעדויערט:

— „עך, געווען אמאָל צייטען! ניט פערשטאנען וואו אונזער
גליק איז פערבאָרגען. ברידער האָבען פערלאנגט, אז מיר זאָלען
אויפגעבען אונזער האנדעל מיט נעגער־קנעכט, האָבען מיר מיט
אייגענע ברידער א מלחמה געפיהרט. זיי האָבען פערלאנגט, אז מיר
זאָלען זיך ניט אָבטיילען פון זיי, וואָרים מיר וועלען אָבגעשוואכט
ווערען און זיי וועלען א קלענערע מאכט האָבען אין די אויגען פון

דער הונגעריגער, בייזער אלטער וועלט... און איצטער־..

לעשט מען אָבער אויס די פרומע ליכט; הערט מען אָבער אויף צו זוכען חטאים ביי די ארימע מענשען-קינדער; יעמאָלט ווען דיין פערלאנג איז צו זוכען שעהנקייטען, וואו די אויג זאָל אָברוהען, דאן ווערט אסך גרינגער צו לעבען אויף דער וועלט. ביזט צומאָל צופריעדען, וואָס די לייט פון די דרום שטאטען קוקען אויס פריציש. זייער אויסערליכער פנים גלעט דיינע בליקען; מענשען גלייכע, בויגיגע, שעהן געוואקסען מיט דעם פיינעם שטריך אין פנים. א פנים פון א פאָלק מיט איין פנים.

און אזוי זיינען די הייזער. סטיל כאראקטער אויסגעהאַלטען פון זייערע ברחבות׳דיגע וואוינונגען אין אטלאנטא קוקט נאָך ארויס דער רוהיגער און זיכערער גייסט פון די קאָלאָניאלע צייטען, וואָס פעלט אזוי אין די צפון שטאטען פון אמעריקא.

שווארץ

מיט צוויי הונדערט אכט און נייצניג יאָהר צוריק, איז צו די אמעריקאנער ברעגעס אָנגעקומען א האָלענדישע שיף און געבראכט די ערשטע סמארע נעגער, זיי דאָ אין לאנד פערקויפט פאר אייביגע קנעכט צו די ווייסע מענשען וואָס האָבען געהאלטען אין לעגען דעם פונדאמענט פון די מעכטיגע, פעראייניגטע און פרייע שטאטען.

אזא לאנגע צייט שוין פערביי. מען זאָגט אז מענשען זיינען צייט דעמאָלט פיעל בעסער געוואָרען; זייער הארץ איז געוואָרען ווייכער און פיינער. אפשר איז עס טאקע אזוי. אפשר איז דער איצטיגער וועלט־קריעג בלויז א בייזער חלום און אין אמת׳ן, אין דער ווירקליכקייט זיינען מענשען גוט און רחמנות׳דיג. אפשר איז די עפענטליכע און ניט-עפענטליכע שנאה צו אידען אויך א וויסטער חלום. ווילסט זיך אמאָל פון דער ווירקליכקייט ארויס־

רייסען. אמאָל געלינגט עס דיר.

קומסטו אבער אין דער ס א ו ט ה, אין די שטאַטען, וואו די זון לייכט אזוי העל, וועקט עס דיר און רייסט דיינע בליקען צו דער ווירקליכקייט. בעטראכסט די מענשען און זייערע פיהרונגען און עס ווערט ניט היימליך אויפ'ן הארצען. פערגעסט אפילו זיך ארומצוקוקען, בעטראכטען די שטאָט, זעהן ווי די אויסערליכע וועלט זעהט אויס. גלייך ביים אָנקומען, גלייך פון וואגאָן ארויס, בעמערקסטו פון עפּעס אזעלכעס, וואָס דיר ווערט אונהיימליך און ס'גלוסט זיך ניט ארומקוקען:

אין וואָקזאל צוויי טירען, מיט צוויי בעזונדערע אויפשריפ־טען. איין טיר — פאר ו ו י י ס ע די אנדערע — פאר קאָ־לירטע. ס'מיינט נעגערס.

איין בית-הכסא פאר ווייסע און א בעזונדערער, מיט אן אויפשריפט: פ א ר ק א ל י ר ט ע. און אזוי אין טראמוויי אזוי אין טעאטער. בלויז ביזנעס, געלט, געשעפט — שווארצע און ווייסע דורך איין טיר. אָבער ניט דאָס איז דאָך אלץ. א ווייסער שענדט אמאָל א שווארצע מיידעל און דערשיסט זי ווי א קרעציגע צויג. האָט זיך א שווארצער גע'חנ'דעלט צו א ווייסער — הימעל און ערד ציטערען אויף.

דאָ זאָגט מען, אז דער נעגער ווערט בעטראכט ווי א הונט.

ס'איז ניט אמת. צו א הונט איז פאראן א בעציהונג. צו איהם שמייכעלט מען, צו איהם חנ'דעלט מען זיך, א קינד אדער א שעהנע דאמע שענקען אמאָל א קוש דעם הונט. מען נעהמט איהם אריין צו זיך אין שטוב און מען מאכט פאר איהם אן ארט צו שלאָפען אויך. און, אז א הונט איז געוואָרען משוגע, שעדליך פאר מענשען — שיסט מען איהם, גאנץ קאלט, פילאָזאפיש; א סכנה און אראב פון מערק.

אז א נעגער אָבער טוט א פערברעכען, נעהמט אויך דאָס פאָלק דעם משפט איבער אין די אייגענע הענט; אָבער מיט וואָס פאר א פייער.. מיט וואָס פאָס פאר א ברען! מיט היים בלוט און

צורייצטע אינסטינקטען לאזט זיך די מאסע בעטייליגען אין דער ארגיע. פונקט ווי אין יענע צייטען ווען מען האט נאך מענשען פאר א קרבן געבראכט צו די געטער.

— חיט זיך ווען ס׳פאלק לאזט זיך אויפברעכען די טורמעס און לינטשען א נעגער, וואס איז אן עולה בעגאנגען, גענגען דער ווייסער ראסע!

שוין אריבער פופציג יאהר זינט לינקאלן האט פראקלאמירט פרייהייט פאר די נעגער. אבער זיי זיינען דאך נאך ניט פריי געווארען. אין דארף, ביים פארמער, איז ער נאך עד היום אן אייביגער קנעכט. שטענדיג איז ער דעם בעל הבית שולדיג. קיין מאל קען ער זיך פון איהם ניט אויסצאהלען. און, אז ער פרואווט אנטלויפען, אויב אין די גרענעצען פון דעם אייגענעם שטאט — כאפט מען איהם און מען ברענגט איהם צוריק, בעקומט ער פייערדדיגע שמיץ און דארף פאר זיינע חובות זיינע ארערען ציהען.

— אז מען פרעגט א ווייסען:

— סטייטש, ווי איז עם געשיקט?

— איך בעטראכט דעם נעגער ווי א פערד. וואס ווילט איהר איך זאל מיין פערד צו זיך אין שטוב אריינגעהמען, מיט איהם זיך אין בעט ארייגלעגען?..

ס׳איז דאך אבער נאריש ווען מען פערגלייכט די בעציהונגען פון דעם ווייסען מענשען צום נעגער מיט די בעציהונגען פון מענשען צו הויז-בהמות. די פערד, די קיה, די קעץ, די הינט געהען דאך ניט אין קלויסטער, זיינען דאך ניט קיין קריסטען, ווייסען דאך ניט פון דער תורה, אז דו זאלסט געבען די אנדערע באק ווען האסט שוין אין דער ערשטער א פאטש געקראגען. כ׳האב געזעהען ווי אין אטלאנטא געהט א ווייסער אויפ׳ן טראטואר און א שווארץ קינד געהט איהם אנטקעגען טרייבט ער עם מיט׳ן פוס אראב פון טראטואר. און ווען דער שווארצער רעדט צום ווייסען שטעהט ער געבויגען אהן א היטעל.

אין אוניווערזיטעט פאר די שווארצע זיינען פון דער איסט

געקומען ווייסע לעהרער און לעהרערינס, האט די דזשארדזשיא'ר ווייסע געזעלשאפט זיי אויסגעוויכט, ניט אריינגעלאזען אין זייער סביבה. און אין דעם שכני'שען שטאט אלאבאמא, אז מען האט בעדארפט הענגען א נעגער, האט א כלל־טוער גע'פוע'ט די הינ־ריכטונג זאל זיין עפענטליך. און ווען דאס פאלק האט זיך פערזא־מעלט אויפ'ן בייז וואונדער, פון דער גאנצער געגענד איז מען אנגעקומען, האט דער פאלקס פערזארגער געהאלטען א רעדע מכח זיינע פאליטישע אינטערעסען. און ווייל נעגער האבען זעהר ליעב קאוואן האט מען דעם פער'משפט'ן געצוואונגען, אז ער זאל פאר'ן טויט קאוואן עסען — ס'פאלק זאל זיך אמוזירען. און שפעטער האט מען דעם טויטען געלאזען הענגען און ס'פאלק האט א פיקניק געפראוועט אונטער די בוימער.

אט לייען איך אין ציימונג ווי דער דזשארדזשיער גאווערנאר בעריהמט זיך אז בלויז צוועלף נעגער האט מען ביי איהם אין שטאט פאר'ן יאהר געלינטשט און די נעגערשע ציימונג בעווייזט, אז פערצען האט מען גע'ממית'ט. און אזוי קאלט געהט אן דער וכוח. אזוי מערדעריש קאלט ציהט מען אונטער דעם חשבון. און ווי אזוי בעלייכט דא א ציימונג א שטיקעל נייעס וואס האט צו טאן מיט א פערברעכען פון א נעגער! אט לייען איך:

דריי יאהר פאר גנב'ענען, טויטען און שינדען א קוה

"דער נעגער הודסאן האט גע'גנב'עט א קוה, האט זי גע'הרג'־עט און דערנאך האט ער דער אומגליקליכער בהמה אבגעשונדען"...

— א, די אומגליקליכע בהמות; גלייך ווי אין די שיקאגא'ר שלאכט־הייזער שינדט מען זיי נים. גלייך ווי אטלאנטא'ר לייט לעבען פון בלומען־דופט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נים, וואס דער שווארצער בעציהט זיך אזוי קאלט צום טויט. רעדט אזוי פלעגמאטיש פון טויט. און ווי אזוי זארגען עס די ווייסע וועגען זייערע לויות... ס'נעהען ארום אגענטען פון פערשיידענע פערזיכערונגס געזעלשאפ־

מען און רעדען איין די נעגערס זיי זאָלען זיך פּערזיכערען און וואַר־
כען־געלט צאָהלען און צוליעב וואָס?... די גרעסטע טייל פון זיי
פערזיכערט זיך אין א געזעלשאפט, צאָהלט צעהן סענט א וואָך,
אז ער זאָל האָבען א שעהנע לויה. ער הויבט אָן צו צאָהלען מיט
דעם געדאנק, אז היינט־מאָרגען שטארבט ער. ער וואָלט זיך קיינ־
מאָל אפשר ניט אונטערגענומען צו צאָהלען די צעהן סענט א וואָך
ווען ער זאל וויסען, אז איהם וועט נאָך אויסקומען צו צאָהלען
אמאָל גאנצע פופציג יאָהר. אָט דער וויסער קאָלעקטאָר וואָס
קומט יעדע וואָך און אמאָל צוויי מאָל אין וואָך קלאַפּען אין טיר
און רייסען די פּאָלעס פאר די צעהן סענט — זיי וואָלטען זיך ניט
אונטערגענומען א לעבען לאנג איהם אין שטוב אריינצולאָזען ווען
זיי וואָלטען ניט ארומגעהן מיט׳ן געדאנק, אז היינט מאָרגען
שטאַרבען זיי. כ׳האָב געטראָפען א נעגערטע, וואָס האָט פערזי־
כערט איהרע צוויי קליינע קינדערלעך פון דריי און פינף יאָהר.
ביידע פאר פופצען סענט א וואָך, טאָמער שטארבען זיי וועט עס
זיין אויף קבורה געלט.

— בעסער פערזיכער זיי אז מען זאָל דיר די פּרעמיע אויס־
צאָהלען, אז זיי וועלען אויסוואקסען, ווערען גרויסע, וועלען צוואַנ־
ציג יאָהר אלט ווערען.

— אָט, ווער ט׳עם דערלעבען ביז צוואנציג יאָהר.

— ביזטו דאָך שוין אריבער דרייסיג. לעבסט און האָסט די
קינדער געבוירען, וועסט נאָך קינדער האָבען.

— וועל מסתמא שטארבען.

איך וויים, אז א נעגערטע האָט בעשטעלט א פאָטאָגראַפער
ער זאָל קומען זונטאָג פאָטאָגראפירען איהר מאַן ווייל איהר דוכט
זיך אויס, אז ער וועט גאַר אין גיכען שטארבען, טאָ זאָל פון איהם
כאָטש א שעהנע פאָטאָגראפיע בלייבען.

— כ׳וויל פון איהם האָבען ס׳לעצטע בילד צום אָנדענקען.

ס׳איז אין דעם פאראן זיכער זעהר פיעל אָבערגלויבען —
אָבער דאָס וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט זיכער מיט׳ן לעבען א

דאנק דער בעציהונג פון די ווייסע האט אזא מין געפיהל אויס-געארבייט ביי זיי אין הארצען. מען זאגט זיי זיינען פויל און דאך ווערט מיט זיי געטאן אלע שווערע מלאכות; אלע געפערליכע מלאכות.

אזוי פיעל קאליקעס בעגעגענט מען צווישען זיי. צו'מזיק'טע, אהן הענט און אהן פיס. און טרעפט איהר אן אן אלטען נעגער פון יענע צייטען, פון דעם בירגער-קריעג, פון לינקאלנ'ס צייטען — איז עס ניט דער קנעכט וואס איז בעפרייט געווארען. ער ווייסט ניט פון קנעכטשאפט צו דערצעהלען און ער ווייסט ניט פון דער שעה-נער פרייהייט. ער פינטעלט מיט די אויגען, אז א ווייסער פון אונזער גראד רעדט צו איהם. ניטא ביי איהם קיין ענטפער אויף אזא פשוט'ער פראגע ווי: — וואס מאכסטו, צי ביזטו צופריעדען וואס קנעכטשאפט איז אבגעשאפט געווארען?

ער איז דערשלאגען און נידערגעשלאגען. די פרייהייט האט צו איהם ניט דערגרייכט. נישטיגער פון דעם שטויב וואס אונטער די פיס. אזוי איז דא דער ק א ל י ר ט ע ר און ספעציעל אין דעם שטאט דזשארדזשיא וואו זיי ווערען מיט די פיס געטראטען, וואו דער ווייסער דרעהט אב דעם קאפ אן א זייט ווען דער קאָ-לירטער געהט דורך. איך האב זיי בעגעגענט אין די ענגלישע קאָ-לאניעס פון וועסט-אינדיען, אויך דארטען ווערען זיי פערשווארצט הונגערען אונטער דער ענגלישער ממשלה — דאך האבען זיי אויף מיר ניט געמאכט דעם שווערען איינדרוק וואס דא אין די דרום-שטאטען. איך רעד שוין ניט פון בראזיליען וואו דער פארטוגעז איז זיך גערן משדך מיט'ן נעגער און אויף יעדען טריט קענט איהר זעהן א ווייסען פיהרענדיג אונטער'ן ארעם זיין קאלירטע ווייב און ביים זייט זייערע קינדערלעך מיט א העלער הויט און דינערע גע-זיכטס-צוגען. דארט זיינען זיי מענשען מיט מענשען צוגלייך. העלפען בויען דאס לאנד.

אויף דעם ענגלישען אינזעל „בארבעראס” האב איך א פרעג געטאן א נעגער:

— פאר וואס זעהט איהר אלע אויס אזוי ארעם דא?

— ווייל מיר זיינען טאקע ארימע לייט. מען צאהלט אונז ווינציג פאר אונזער ארבייט און אלע איז אזוי טייער.

פרעגט איהר דא א נעגער:

— פאר וואס זיינט איהר אזוי ארים און נידערשלאגען?

— ווייל ווי חינט בעהאנדעלט מען אונז אין אונזער לאנד.

אפילו זיי אליין דאכט זיך אויס, אז א הונט איז די אומגליק־ליכסטע בעשעפעניש אין די פעראייניגטע שטאטען פון נארד אמע-ריקא, און — ניט דער נעגער.

כ׳בין געגאנגען אין גאס מיט א בעקאנטען. בעמערק איך איהם, ווי אויף א בריקעל פון א רייך הויז זיצט א שווארצע דיענסט מיידעל און ביי איהר אויפ׳ן האנט א ווייס קינד. ס׳קינד האלט ארומגענומען דער שווארצער מיט ליעבע ארום האלז.

— וואס פיהלט זי איצטער אט די שווארצע האלטענדיג צו איהר הארצען ס׳ווייסע קינד? אפשר וואקסט עס א ווייסער מאן, וואס וועט אין צוואנציג יאהר ארום שענדען איהרע א טאכטער און שפעטער דעם קרבן דערשיסען — וואס פיהלט זי איצטער?

אט, זי פיהלט גאר ניט — ענטפערט מיר מיין בעגלייטער...

האט מען דאך א אידען אויך געלינטשט, און, אז א אידישע מאמע פיהלט, ווייסען מיר דאך אידען.

* * *

מיט א צייט צוריק בין איך אין שיקאגא אומגעגאנגען אין דעם קווארטאל וואו די נעגער וואוינען. כ׳האב בעגלייט א קאלעק־טאר פון א פערזיכערונגס-געזעלשאפט, וואס מאהנט די צעהן־סענטיגע צאהלונגען יעדער וואך אין זייערע הייזער. עס איז גע־ווען פונקט אין לינקאלנ׳ס געבורט־טאג, וואס איז דא א נאציאנא־לער יום טוב אין לאנד. כ׳בין אריינגעגאנגען אין א שטיבעל, וואו שמאטעס איז געווען אין ערג אנגעווארפען און צווישען די בערג שמאטעס א יונגע נעגער-פאר-פאלק און קליינע קינדערלאך. מען האט זיך אביסעל צושמועסט. ביי איהר אויפ׳ן האנט איז געווען

ביי א האלב־יעהריג קינד.

— א שעהנער יום-טוב היינט פאר אייערע לייט — זאגט מיין בעגלייטער. — לינקאָלן געווען א גרויסער מענש, ער האט דאָך אייערע לייט פאר פרייע מענשען געמאכט.

— עט, פאר מיר איז עס א קנאפער יום־טוב — האט זי מיט א איראָנישען שמייכעל געענטפערט — שטופענדיג דאביי איהר שווארצע ברוסט דעם קינד אין מויל אריין.

— פאר וואָס, אזא גוטער מענש געווען.

— יא, א גוטער מענש; ער איז אָבער בלויז איינער געווען און דאָס שוין באלד פופציג יאָהר טויט — ווען די גאנצע וועלט וואָלט געווען ווי ער...

און אָט דאָ, אין דער געגענד וואו מען האט די נעגער א מ אָ ל געהאלטען פאר קנעכט און א י צ ט ע ר — נאָך ערגער ווי היינט, אָט דאָ האָב איך ערשט פערשטאנען פאר וואָס איהר שטימע האָט דעמאָלט אזוי געציטערט ארויסזאָגענדיג די ווערטער.

פלאָרידא

איך האָב ליעב יענע געגענדען, וואו פון דער ערד קוקט ארויס שפע און זאטקייט. דער מענש, וואָס קלאָטשעט זיך דאָרט ארום, זאָל ער זיין א שטיק פון דער געגענד, א חלק פון איהר. האָט דער מענש זיין פראצע ארייגעלעגט אין דער ערד איז ער פאר זיין מיה בעלוינט געוואָרען.

זומער זאָלען לאָנקעס גרינען, אויף די פעלדער זאָל זיך וויגען א גילדענער זאנגען־ים, זאָלען זיך רויטלען די עפעל אויף די עפעל־בוימער און גרינען די בארנעס אויף די בארען־בוימער, זאָלען לייכ־טען אפעלסינען און זאָל אין דער ערד קוועלען וואָס גרעסער און

פעסטער דער פשוט׳ער ערד-עפּעל — דער קאַרטאָפּעל.

און אויב וואַלד — זאָל עס זיין וואַלד. סאָסנע צי דעמב, זאָל זיך הויך און גלייך, פעסט און זיכער פון דער ערד ארויסהויבען און פון זייערע שטאַמען זאָלען דורות ארויסקוקען און ווינקען. אין דער מדבר, — וואו קיין מענש איז ניטא — זאָלען זיך דאָרט הו־ליען די ווינטען און הורבען דעם זאמד, זאָלען זיך דאָרט שלאַנגען וואַרימען און צערטלען אויף יענעם ווייכען זאמד.

אזעלכע זאטע, רייכע, שעהנע, בליהענדיגע געגענדען זיינען לרוב אין אמעריקא. אפילו דער שטאַט ניו-יאָרק איז כמעט אזוי אין די זומער חדשים. די שטאַט־מענשען אָבער, מיט צוריסענע נערוועז, חלום׳ען פון די לענדער, פון די געגענדען, וואָס זעהען אויס שעהן אויפ׳ן ביליגען אָבדרוק פון די אנזיכטס-קאַרטלאַך.

איהר פאָהרט אין ניו יאָרקער אָדער אין א שיקאַגאַ׳ר טראַמ-וויי און אייערע בליקען זוכען צווישען די רעקלאַמעס, וואָס ציהען זיך פאַר אייערע אויגען איבער די פענסטער. אלץ אזעל-כע נישטיגע זאכען — און אזוי הויך רעקלאַמירט: זייף, שמירעכץ, חזיר־פלקעס און וואורשטלאַך; מעסער, פּילען, רייניג־פּודער און א מיטעל האָר זאָל וואַקסען. און מיט אמאָל — פלאָרידע! א שורה פאַלמען, די זון לייכט, אפעלסינען קייקלען זיך אויף דר׳ערד. ס׳פערכאַפּט ממש ביים הארצען. אַט די ביליגע קאָלירען פון די רעקלאַמעס רעדען צו אונז פון א שעהנער, רייכער וועלט; פון א זאַטע, רחבות׳דיגע געגענד — פלאָרידא. ס׳קלינגט אזוי שעהן, פלאָרידא. —

קומט מען קיין פלאָרידא, אין דערווירקליכער פלאָרידא, ניט אין דער פּאַפּירענער און רעקלאַמע־פלאָרידא, ווערט מען ענטוישט. אָבער גאָר ענטוישט. אַמוועניגסטען האָב איך אזוי געפיהלט. אין פלאָרידא איז ווארעם און דאָס איז אלץ. ווער ס׳האָט מורא פאַר קעלט אין ווינטער קען זיך דאָ אנוואַרימען.

די געגענד אליין איז אָבער ארים און די מענשען זעהען נאָך ארימער אויס. פלאָרידא איז א וועלט אליין פאַר זיך, אָבער —

אין אָרימע וועלט. פלאָרידא לעבט פון די געסט, וואָס קומען אהער ווינטער צייט פון די ווינטערדיגע געגענדען צוליעב וועמען מען הענגט ארויס אין די וואגאָנעס די ז ו נ י ג ע ב ל י ה ע נ-ד י ג ע רעקלאמעס. און דעריבער איז די שטאָדט צוגעפוצט ווי א גאסט-הויז און די אייגענטימער פון דער שטאָדט — בעלי־בתים פון גאסט־הייזער, קלענערע און גרעסערע, רייכערע און ביליגערע. אלץ איז גרייט צום דיענסט פאר׳ן פרעמדען, אלץ שטעהט אויף די שפּיץ פינגער פאר׳ן פרעמדען, אלץ שמייכעלט צום גאסט און פאר געלד אלץ גרייט אלץ אין דער וועלט איהם אוועקצוגעבען. אויף די וואָקזאלען איז שטענדיג א יריד. מענשען קומען און פאָה-רען אוועק, און ארום די וואָקזאלען — אָט די אלע שלעק פון א גאנץ יאָהר, וואס דערעסען אייך ביז׳ן ביין מיט זייער דיענסט-פעהיגקייט, אויב ביי אייך אין האנד איז עפּעס א פּעקעל פּארא-נען...

פאָהרט איהר אָבער ארויס איין תחום שבת פון דער שטאָט. איהר בעטראכט די געגענד, וואו, ניט האָטעל־דיענער האלטען זיך אויף, נאָר די ברויט־געבערס, די האָרעפּאשנע מוזשיקעס, וואס ווי־לען פערבינדען זייער לעבען מיט דער מוטער ערד — דאָרט, אז איהר קוקט און פערטראכט זיך, ווערט טרויעריג אויפ׳ן הארצען. דער גרונד איז א זאמדיגער, פלאכער, שיטערער און בעוועלדערט געדיכט מיט ארימע סאָסנעס. צוליעב דער וואָרימקייט און פייכט־קייט פרוכפּערען זיי זיך אזוי געדיכט, אז איין בוים לאָזט דעם אנדערען ניט וואקסען. די סאָסנע איז ניט געראָטען און ביי איהר צופוסענס פלאָנטערען זיך געדיכט ווילדע פּאלמען־קוסטעס און גלאט אזוי פּאראזיטען-פלאנצונגען, וואָס פלעכטען זיך און פיהלען אויס יעדער שפּעלטעלע, וואוהין די זון קען זיך ארייגרייסען.

די הונדערטער טויזענטער געסט, וואָס קומען אהער יאָהר־יעהר-ליך בעקומען זייערע שפּייז-פּראָדוקטען ניט פון פלאָרידע, וואו א גאנץ יאָהר גרינען די בוימער. די נ י ו י א ר ק ע ר געסט בעקומען געוויס זייער פרישטיק פון די גוטע זאכען, וואָס איז גע-

בראכט געוואָרען פון שטאט נ י ו י א ר ק. איער, פוטער, קעז, דאָס קומט פון די וו י ס ק א נ ס י נ ע ר ג ע געגענדען; און אפילו דעם שעהנעם, פיינעם אפעלסין האָט איהר ניט דאָ. קיין פלאָרידא קענט איהר קומען אין שטאָט אריין פערדארבען דעם מאָגען און שוויצען, אָבער ווען איהר ווילט אַ גוטען אפעלסין, אפילו אַ פלאָרידאר אפעלסין, זייט מוחל זוכט איהם אויף סאָפאָלק סטריט אין ניו יארק אדער העסטינגס סטריט אין דעטראָיט. דער פויער אין פלאָרידע איז ניט בכח צו בעקומען פון דער ערד דורך זיין פראַצע גענוג שפייז אפילו פאר זיך אליין און ווער רעדט שוין פון דערנעהרען דער שטאָט מיט די געסט. פאראנען פאסען לאנד, נעהענטער צו די טראפיקס, וואָס געהערען צו געוויסע קאָמפאניעס אין דער א י ס ט און צו זיי געהערען די בעסערע אפעלסין געגענדען. שטיקלעך ערד בעסערע בעגעגענט מען שוין נאָהענטער צו די גרעניצען פון אלבאמא. אָבער דער דורכשניט — איז זאמד און דלות. איינטאָניג, ענג און שמאָל; מיילען, מיילען און ניטאָ קיין ישוב. גענוג צו דערמאָהנען, אז אין פלאָרידא איז נאָך פאראן צוויי און דרייסיג מיליאָן אקער לאנד ניט בעארבייט.

איך דערצעהל עס דערפאר, ווייל די אלע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער ערד-פראַגע דאָ אין לאנד, קאָנען זיך זעהר אָפט אנשלאָגען אויף די רעקלאמעס, וואו מען רופט מענשען זיי זאָלען זיך קומען קאָלאָניזירען אין פלאָרידא און זייער פראצע וועט זיין אנגעלעגט.

איך האָב געררייזט אַ שעה צעהן אין דער לענג און אַ שעה צעהן אין דער ברייט פון פלאָרידע און בעטראכט גראדע די געגענד, וואוהין מען לאדעט איין מענשען מיט געזונטע הענד און ליעבע צו דער ערד, און געזעהען האָב איך דלות און טרויער:

דאָ און דאָרטען טרעפט איהר די שפורען פון די ערשטע פיאָנירען, וואָס זיינען געקומען, אויסגעוואָרצעלט די בוימער, אויסגערייניגט די ווילדע געוויקסען, און פאר זיי האָט זיך ענטפלעקט זאמד און מעהר גאָרניט. די הייזער, וואָס זיי האָבען געבויט מיט

זייערע אייגענע הענד, פון די בוימער, וואָס זיי האָבען אויסגעהאקט, פוסטעוועץ; די שויבען אויסגעשלאָגען און פון די אויסגעבראָכענע שויבען קוקט ארוים טרויער, צער און פערדרוס.

איך שטעל מיר פאָר וויפיעל הארעוואניע מען בעדאַרף עס אריינלעגען ביז מען רייניגט אוים איין אקער לאנד. מענשליכע כחות זיינען דאָ געווים ווינציג.

און די קאָלאָניסטען, וואָס זיינען פערבליבען, ניט וועלענדיג אויפגעבען זייערע האָפנונגען — וואָס פאַר א פנים האָבען זיי! דאָס שטיקעל פערד אדער מויל־אייזעל, וואָס דרעהט זיך ארום פאַר'ן שטוב איז אויסגעדאַרט, איינגעצויגען, אזש ביים הארצען כאַפט עס. קיה — גרוים ווי מאָגערע קעץ, — און קעלבלעך — ווי הונגעריגע מייז. א פויער וואוינט דריי מייל פון דער שטאָט און האָט ניט וואָס צו פיהרען פון זיין ערד אין שטאָט אריין צו פערקויפען; אויסער אפשר עטליכע בינטלעך האָלץ, וואָס ער פיהרט אוועק אין שטאָט מיט זיין מאָגער פערדעל און פאַר'ן אָבגעלייזטען געלד קריגט ער קעראָסין און קיי־טאבעקא. מיט די געהילץ זעהט אוים איז דאָ ניטא וואָס צו מאכען. איהר טרעפט גאנצע שטרעקעס אויף מיילען, האָט דער אייגענטימער פון זיין לאנד, אלע בעסערע און שטארקערע סאָסנעס, ניהריגער ביי דר'ערד אגעטעשעט א פאַס פון בוים, אויסגעהאקט רינעלאך און טעפעלאך אונטערגעשטעלט די פעך זאָל אָנרינען. ס'מאכט א שווערען איינדרוק צו זעהען טוי־זענדער בוימער אזוי אונטערגעהאקטע, ווי געקוילעטע, און פון זיי רינט די פעך ארוים. שפעטער, זעהט אוים, ציגדען זיי אונטער די בוימער, ווען זיי הויבען אָן טריקענען. און אזוי טרעפט מען א געגענד וואו ס'שטעהען הויכע בוימער־האָלאָועשקעס — געוועזענע בוימער. קיין מענשען ניט צו זעהן, ווערמעס האנד האָט עס געטאָן — דער דורכפאָהרער ווייסט ניט.

די ערד שפעקולאנטען וואָס פערפיהרען אהער מענשען צו קאָלאָניזירען זיך, פארמער ווערען, זיי האָבען דאָ א נאָמען:

— די לאנד-שארקס.

די מענשען־פּרעסער פּיש. דורך זייער לאַנד שפּעקולאַציעס פּרעסען זיי אויף אייביג אויף — ניט נאָר די מיה — נאָר די שעהנע האָפנונג אויף א בעסער לעבען נעבען דער מוטער ערד. זיי פוילען זיך ניט צו ברעננען קאַלאָניסטען, וואָס זיינען שוין איין מאָל אין די וויסטעגישען פון יוטא צובראָכען געוואָרען...

א דאנק דעם, וואָס אין אייראָפּא איז א מלחמה און ס'איז אהין אונמעגליך צו פאָהרען, פערגעניגען קלייבען, דעריבער האָט פלאָרידא היי־יאָהר געהאט זעהר פיעל געסט פון דער איסט. צו האָפען, אז זיי זיינען געקומען צום ברעג ים זיך וואַרימען און דאָרט איז דאָך שטענדיג שעהן. צו האָפען, אז זיי האָבען זיך אין פלאָ־רידא ניט ענטוישט. און אויב זיי פערברענגען אין שטאָט איז אויך קיין בייז. די שטאָט איז פיין צוגעפּוצט, די שטאָט נעהמט די געסט אויף מיט דעם שעהנסטען און ליעבסטען שמייכעל.

איך וואָלט ראטהען אָט די אלע וואָס מיינען, אז די יונגע אמעריקא האָט שוין אן אלטע, גרויע היסטאָריע און ווילען אמאָל זיך לאָזען צו זוכען די טריט פון די ערשטע, וואָס האָבען אמעריקא ענטדעקט, און, אויב די צייט האָט זיי פערטראָגען אזש קיין פלאָ־רידע — זאָלען זיי ניט פערפעלען צו בעזוכען די שעהנע שטעטעלע סט. אויגוסטין, וואָס ליגט ביים טייך סט. דזשאָנס, פיער מייל פון אטלאַנטיק. דאָס איז די עלטסטע שטאָט אין אמעריקא. זי איז גע־גרינדעט געוואָרען דורך שפּאניער יאָהר טויזענד פינף הונדערט פינף און זעכציג. דאָרטען קענט איהר זעהן די עלטסטע פעסטונג, וואָס איז אין יענער צייט געוואָרען אויפגעשטעלט. א גאנצע שורה פּאַרטען אזוי סאליד געמויערט. אין יענע יאָהרען האָבען די שפּאַ־ניער מלחמה געהאלטען מיט די פראנצויזישע פּראָטעסטאנטען, די הוגאנאָטען וואָס גע'רודפ'טע אין דער היים פאַר זייער גלויבען, האָבען זיי זיך אהער פערקליבען און ניט ווייט, אין סאוטה קאראָ־ליינא האָבען זיי זיך בעזעצט. אָט די פעסטונג איז קעגען זיי גע־בויט געוואָרען. און דערנאָך האָבען זיך די שפּאניער אויף זיי א לאָז געטאָן און יענע אומגעבעטענע געסט כמעט איינגאנצען פער־

טיליגט.

דער צענטער פון שטעטעל איז מאָדערן און ווי א ליאַלקע אויסגעפּוצט פאַר די געסט וועגען און טוריסטען, וואָס קומען אהער טאָג־טעגליך. אָבער אז איהר פערבלאָנדזשעט אין א זייטיגער פער־וואָרפענער געסעל, דערקענט איהר נאָך די שפּורען פון דער שפּאַנישער קולטור און שפּאַנישען סטיל. ניט מעהר, וואָס אנשטאט פלינקע שפּאַניער און לעבענס־לוסטיגע שפּאַ־ניערינס בעגעגענט איהר פוילע נעגערס און דיקע, צוגאָסענע נע־גערטעס.

נעבען א געשעפט, וואָס פערקויפט נארישקייטען, ארטיגע סאוּוועניר ס פאַר די געסט — האָב איך דאָ געטראָפען זיצען אויף דר'ערד, אויף איבערגעקעהרטע קעסטלעך צוויי קאוו־קאַזער, גרייז־גרויע לייט מיט געבויגענע פּלייצעס, אין זייערע וואַ־טענע באַלדרעכעסעס און פּעלצענע היטלען, כאָטש דרויסען איז גע־ווען א ברענענדיגע היץ. זיי זיינען עס דאָ די פאָרשטעהער פון דער קאַווקאַזער קונסט:

זיי בעפּוצען מיט זילבערנע טשוועקעלאך און לאַנגליכע זילבער־שטיקעלאך, ליולקעס, שירעם־הענטלאך און שטעקענס, שרייב גע־צייגען און נאָך אזעלכע זאכען. א שטאך מיט דער אָל, א זילבער־דרעטעלע אריינגעשטעקט, מיט א צווייגעלע אָנגעפּיקט און מיט א האמעריל צוגעקלאַפּט. און אזוי ווערען אויפ'ן ברוינעם האָלץ זיל־בערנע בלימעלאך, קוויטעלאך און גלאַט אזוי צאַצקעס. כ'האָב מיר אָבגעשטעלט נעבען זיי און אזוי גאַנץ הויך געוואונדערט:

— זדראַווסטוואויטע!

ביידע האָבען אויף א ווײַלע אָבגעריסען די אויגען פון דער ארבייט און פון אונטערן שטערען און ברעמען מיך בעטראַכט. אזוי פערדעכטיג מיט די בליקען מיר דורכגעדרונגען און אויף מיין בע־גריסונג ניט געענטפערט.

כ'האָב מיין זדראַווסטוואויטע נאָך אמאָל איבערגע'חזר'ט און דאָס מאָל פון אונטער זייערע צייהן א שטיקעל ענטפער ארויס־

בעקומען.

— לאנג דא אין לאנד?

— פינף יאהר. — ענטפערט איינער מיט א צובראכענעם רוסיש.

— ווייסט ניט, געהען שיפען קיין רוסלאנד? — פרעגט דער אנדערער און א רוסיש וואס איז כמעט שווער צו פערשטעהן.

— ניין. געהען ניט קיין שיפען — ענטפער איך — ס'איז נאך א מלחמה אויף דער וועלט.

— נאך אלץ די מלחמה?

— יא. מען שלאגט זיך דארט אויף קאווקאז אויך.

— געהען נאך ניט קיין שיפען אהין?

— ניין, נאך ניט, אבער צי ווייסטו, אז אין רוסלאנד איז שוין מעהר ניטא קיין ג א ס ו ד א ר ב א ט י ו ש ק א?

— הא?

— ניטא מעהר. מען האט איהם דורכגעטריבען, מען וויל ניט מעהר קיין גאסודאר.

ביידע האבען זיך שווייגענדיג דורכגעקוקט, קיין איין נערוו האט ניט א ציטער געטהאן אויף זייער צוקנייטשט פנים. אראבבעלאזען די קעפ און אויטאמאטיש גענומען שטעכען מיט דער אל אין ברוינעם האלץ, צוקלאפענדיג מיט'ן האמערעל. עפעס האבען זיי זיך א רגע דורכגעווארפען מיט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער און ווידער שטיל געבליבען. איך האב אנגעהויבען ווידער וועגען עפעס צורעדען, זיי האבען אבער מעהר די אויגען פון דער ארבייט ניט אבגעריסען. כ'האב געפיהלט, אז כ'וועל זיי צו לאסט און בין אוועקגעגאנגען. כ'האב בעמערקט ווי זיי האבען אויף א ווײלע אויפגעהויבען די קעפ און פון ווייטען מיר נאכגעקוקט.

און איין גאט אין הימעל ווייסט, וואס די צוויי זקנים האבען דארט שפעטער צווישען זיך גערעדט, איבער'חזר'ענדיג און בעטראכטענדיג די ווערטער פון דעם פרעמדען, וואס איז, ווער ווייסט

פון וואגען געקומען, און אויף רוסיש זיי דערצעהלט, אז זייער
גאסודאר באטיושקא האט מען אראבגעווארפען...

ניו-ארלינס

א שטאט פון גענויע פיער הונדערט טויזענד איינוואוינער, ליגט אין מויל פון דעם גרעסטען טייך אין די פעראייניגטע שטאטען — אין מויל פון דער מיסיסיפי.

ניו־ארלינס מאכט דעם איינדרוק פון א גרויסער שטאט, אין אלע גאסען איז לעבען פאראן. ניו־ארלינס איז ניט שעהן און דאך מאכט די שטאט אן איינדרוק און קריצט זיך איין אין זכרון פון רייזענדען. עס איז איינע פון די ווינציגע שטעט דא אין לאנד וואס האבען זייער אייגענע פיזיאנאמיע, האבען א געוויסען פנים און קאליר.

ניו־ארלינס איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין לאנד, כאטש דער גרונד־שטיין איז פון די פראנצויזען געלעגט געווארען ערשט מיט הונדערט ניין-און־ניינציג יאהר צוריק. עס שמעקט דא מיט היסטאריע דער שניט פון די הייזער און זייער סטיל, איז מעהרס־טענס פראנצויזיש. אפילו די מענשען אין די גאסען פון ניו־ארלינס בעוועגען זיך פראנצויזיש און ניט אמעריקאניש. אין די אנדערע דרום־שטעט קענט איהר בעגעגענען מחנות נעגער לעדיג־געהער, כאפען פליגען און ציילען די שטיינער פון ברוק, דער ווייסער איז — פעריאגט און פערטראגען; אין ניו־ארלינס אבער בעגעגענט איהר ווייסע לעדיג־געהער, פיהלען אן אלע פארקס אין מיטען העלען טאג, אויף דעם ריינעם איירא־פעאישען אופן, אדער פראנצויזישען שניט. איהר הערט אין די גאסען זעהר אפט די פראנצויזישע שפראך קלינגען, ניט נאר פון אלטע לייט, נאר אויך פון יונגע קינדער. עס איז אפשר דער איינציגער ארט אין

די פּשראייניגטע שטאטען וואו דער פראנצויזישער גייסט הערשט נאָך אין לעבען.

ארום ניו-ארלינס, פון די וואסערען וואָס זיינען אויף מיילען צוגאָסען, קוקען ארויס רעשטלעך, איבערבלייבענישען פון גרויסע פאַרמען, שטיקלאַך פעסטונגען, וואָס די פראנצויזען האָבען אין יענע צייטען געבויט אנטקעגען די ענגלענדער. לא-סאל, וואָס האָט יענע געגענד ענטדעקט איז געווען א פראנצויז און די פראנצויזען האָבען געקוקט אויף די מיסיסיפּי-געגענדען ווי אויף זייערס, כאָטש זעהר אין א קליינער צאָהל זיינען זיי דאָ געווען.

ביי א אָרטיגען מענשען איז פערדעכענט, אז ניו־ארלינס איז די שעהנסטע שטאָט אין לאַנד, און כ'האָב מיר אזוי פיין אָנגע-ריסען האָבענדיג די העזה אויסצורעדען א שלעכט וואָרט, זייענדיג אביסעל אונפאָרזיכטיג:

וואַרטענדיג אויף מיין צוג אין וואָקזאַל, זעה איך ווי פּאסא־זשירען קויפען אנזיכטס־קארטען פון ניו־ארלינס, שרייבען אָן א פּאָר ווערטער און וואַרפען עס אין בריעף־קאסטען: טראכט איך מיר: לאָמיר אויך שיקען א קארטעל מיט א בילד פון ניו־ארלינס צו א פריינד, און כ'בין צוגעגאנגען צום פּלאַץ וואו א שלאנקע בלאָנדע מיידעל האָט די אלע זאכען פערקויפט. כ'האָב לאנג גע-קליבען און עפּעס נים געקענט זיך צוקלייבען א קארטעל מיט א שעהנער אנזיכט.

— נו וואָס, אזוי שווער צו געפינען א שעהן קארטעל פון ניו-ארלינס? — מאכט זי אביסעל איראָניש.

—אויפ'ן בילד מיט די ביליגע קאָלירען זעהט אלץ פיעל שעהנער אויס ווי אין דער ווירקליכקייט — מאַך איך מיר גאַנץ פּשוט. און כ'האָב גאָר אליין נים געוואוסט וואָס כ'האָב דאָ אָבגע-טאָן. זי האָט מיך גענומען אויפ'ן פערהער גאַנץ שטרענג, צי איך קען די שטאָט און צי איך בין געווען אין אלע שעהנע ערטער ארום דער שטאָט?

— וואָס האָסטו דאָ געזעהען אזעלכעס וואָס דיר געפעלט

ניט?

— איך זאג ניט, אז מיר געפעלט ניט ניו־ארלינס, נאר...

— איך הער עס צום ערשטען מאל — האט זי ביטער מיך גע'מוסר'ט און איהר פנים האט געפלאמט פאר אינערליכער אויפ־רעגונג, — איך פערקויף שוין דא אין וואקזאל באלד פינף יאהר אנזיכטס־קארטען פון ניו־ארלינס און קיין מאל האב איך נאך פון קיינעם ניט געהערט אזא בעמערקונג וועגען אונזער שטאט...

— דאך האף איך, אז דו וועסט מיר פערקויפען אט די דריי קארטלעך?

זי האט בעטראכט מיין געשמאק און צוגעגעבען שוין אביסעל מיט א שמייכעל:

— אט זעהסטו, ביזטו דאך געוועזן, גלויב איך, אין די ערטער און ווי אזוי קענסטו זאגען אז זיי זענען ניט שעהן?... עס איז דאך ווינטער איצטער. מיר האבען נאך גאר ניט לאנג געהאט גרויסע קעלטען און רעגענס, דעריבער אפשר זעהען די גערטנער און בול־ווארען אויס אבגעלאזען. דו קום אהער זומער...

אנדערע קונים האבען איבערגעשלאגען איהר לויב־ליעד און איך בין געוועזן גליקליך, וואס כ'בין פריי געווארען פון איהרע ברענענדיגע בליקען און שטראף־רייד. ווארים, ווען ס'האלט אן נאך לענגער וואלט איך געמוזט שווערען, אז כ'האב חרטה, און ניט קענען צומאל בעמערקען דאס, וואס כ'האב שוין פריהער געזאגט וועגען דער שטאט.

איך האב אין מיינע פריהערדיגע בעשרייבונגען דערצעהלט ווי ווייט ס'איז נאך ניט פערהיילט אין דער ס א ו ט ה די וואונד פון דער בירגער־קריעג, און ווי ווייט די לייט דא עד־היום, שפירען זיך נאך אלץ געקרענקט וואס זיי זיינען פון דער נ א ר ד דעמאלט בעזיעגט געווארען. און כאטש אלץ איז דאך געוועזן צום גוטען, און כאטש צוליעב זייער טובה איז דעמאלט, מיט אריבער פופציג יאהר צוריק, איין ברודער אנטקעגען דעם אנדערען ארוים אין קריעג — און דאך אויף יעדען שריט און טריט זעהט איהר די

שפורען פון אָט דער וואונד, פון דער ניט בעפרידיגטער בעליידיגונג און דערנידערונג: כמעט אין לופט קענט איהר עס פיהלען.

אין ניו־אָרלינס איז פאראן א מוזעאום, צום אָנדענקען פון די קאָנפעדערירטע העלדען אין בירגער קריעג. — וואָס איז דאָרט ניט צונויפגעזאַמעלט געוואָרען פון יענער צייט?... און מיט וואָס פאר א ליעבע און יראת הכבוד אלץ איז אויסגעלעגט געוואָרען אונטער גלעזער! אפילו דער שטויב, וואָס ליגט אויף די פערשיעדענע חפצים ווערט מיט דער גרעסטער ליעבע געהיט; און וואָס איז דאָרט ניט פאראנען?

אַלערליי פאָטאָגראַפיעס, בילדער פון אָפיציערען, וויזיט-קאַרטלעך, אויסגעשאָסענע קוילען, אָבגעריסענע קנעפּלאך פון מונדירען, שטיקלאך פון א שוך און אַ שפּראָנטשקע פון א פּאַסעק. עס ליגען צונויפגעלעגט די יוניפאָרמס פון די העלדען פון יענער צייט. מונדירען פון גוטען געוואנט און מונדירען פון ביליגען פשוט׳ען קאָרט. שווערדען, היטלען — אויבען מיט רויטע דעקלעך, רעוואָלווערען, ביקסען, זאָטלען פון פערד און אַלערליי מעלדונגען וועגען קריעג און רעפּאָרטען פון די שלאכט־פעלדער. אויסשניטען פון צייטונגען און מיינונגען איבער דער טאַפּפערקייט פון זייער קאוואַלעריע:

מיט גרויסע אותיות איז אויבען, אויפ׳ן וואנט אָנגעמאָלען, וואָס דער העלד פון דער נ אָ ר ד, זייער שונא, גענעראל שערמאַן, האָט געזאָגט וועגען זייערע פייערדיגע רייטערס.

דעם פינף־און־צוואנציגסטען אפּריל, טויזענד אכט הונדערט צוויי־און־זעכציג, איז געלונגען דעם יוניאָניסטישען אדמיראל פאראגאָט זיך דורכצורייסען מיט זיינע שיפען דורך די בעפעסטיגונגען און די שטאָט איז געפאַלען. און אונטער א גלאָז דאָ, אין מוזעאום, ליגט אן אויפרוף צו דער בעפעלקערונג פון ניו־אָרלינס פון דעם שטאָט־מעיאָר, מאָנראָ, ארויסגעגעבען דעם אייגענעם פינף־און־צוואנציגסטען אפּריל, וואו ער איז מודיע דער בעפעלקערונג, אז דער נידערטרעכטיגער און אונפערשעמטער שונא איז שוין

באלד ביי די פויערען פון שטאט, אבער מען זאל ניט פאלען ביי זיך; מיט אונזערע קליינע כחות וועלען מיר זיך פערטיידיגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. און טאמער וועט אויסקומען צו לויפען, איז דער שטאט-מעיאר מודיע, זאלען זיי זיין זיכער, אז ער וועט מיט זיי מיטגעהן...

קוקענדיג אויף די אלע קלייניגקייטען, וואס זיינען מיט אזוי פיעל ליעבע געזאמעלט געווארען, קוקסט צו די אויסשניטען פון צייטונגען, וואס זיינען אויפגעמישט און אזוי אנידערגעלעגט, אז דער היינטיגער מענש זאל קענען לייענען פון דער עהרליכקייט, גרויסקייט און ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט פון די קאנפע־דערירטע, זעהסטו אז בלויז מיט פופציג יאהר צוריק איז יענער בירגער-קריעג געשעהן און — ווען עס קומט נאך צו א זקן פון יענער צייט, וואס הרעהט זיך דא אום אין מוזעאום צווישען די אלע אלע טויטע ז כ ר ו נ ו ת פון יענער צייט, און ער הויבט אן מיט זיין אלטער, ציטעריגער שטימע צו רעדען און דערצעהלען, ווייזענדיג אויף זייער ערשטען און לעצטען פרעזי־דענט ד י י ו ו י ס — טראגט זיך דיר ניט ווילענדיג:

— ווי יונג איז דאס פאלק נאך, און ווי יונג איז דאס לאנד!

צייטענווייז זעהט מיר דאס אמעריקאנער פאלק אויס ווי א געזונטער, איבערגעוואקסענער יונגאטש, וואס געהט נאך אין קינ-דערשע קליידער כאטש ער איז מיט א קאפ העבער פון טאטען און מיט גאנצע אנדערהאלבען קעפ העכער פון דער מאמען. ווי א קינד נאאיוו און ווי א קינד העזה'דיג.

— — — כ'בין געווען א פאר טעג אין וועג און ניט געהאט קיין געלעגענהייט מיט אימיצען א שמועס צו כאפען און אומגע־הענדיג אין די גאסען פון ניו־ארלינס גאנץ אליין — האט זיך מיר פשוט פערבענקט צו זעהן אונזערען א אידען. מען האט מיר גע־זאגט, אז אין ניו־ארלינס איז פאראן עטליכע טויזענד אידען, האב איך געוואלט כאטש איינעם פאקען, זיך אויספרעגען און זיך דער-וויסען נייעס פון דער אידישער קהלה דא. עס איז מיר ניט שווער

אָנגעקומען אויפצוזוכען א גאס א גאנץ ברייטע און א גאנץ לאנגע, וואָס הייסט ד ר י י ד ע ר סטריט און וואָס איז פון עק ביז עק פערנומען מיט אידען. ממש אָנגעפּיקעוועט. געשעפטען גרעסערע און געשעפטען מיטעלע און קליינע — איך האָב מיר באמת דער־פרעהט. עס האָט זיך מיר פערוואָלט אריינגעהן אין ערשטען און בעסטען געשעפט, ארויספאָהרען מיט א ברייטען "גוט מאָרגען" און טאקע בעקומען צוריק דעם שעהנעם "גוט יאָהר" און אפשר — א "שלום עליכם פון וואנען קומט א איד" אלס א צוגאב. אָבער ווי ביטער כ'האָב מיך ענטוישט...

דערמאָנט איך אָן דער אלטער היים, ווען א פרעמדער מענש האָט זיך בעוויזען, אריין אפילו אין א קלייטעל, וואו מען פערקויפט סחורה, ער האָט געזאָגט: "ג ו ט מ אָ ר ג ע ן, איך בין ניט קיין היגער, איך געה דאָ דורך". איז א מאן געווען אין קראָם האָט ער שלום עליכם אָבגעגעבען, איז א פרוי געווען — האָט זי געבעטען זיצען, געבעטען אין שטוב אריין, געפרעגט: אפשר איז דער פרעמדער הונגעריג. געפרעגט: פון ווי ווייט איז דער פרעמדער און אפשר וויל ער זיך אָברוהען. מען האָט זיך אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט און מען האָט פערבעטען דעם אורח אויף א נאכט-לעגער. יא אזוי געהט זיך עס דאָרטען.

דאָ אין אמעריקא איז די זאך ניט אזוי. אונזערע אידען וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון דער רוסישער ערד און אהער אין א פריי לאנד פערוואָרפען געוואָרען — עפּעס האָט זיך פון זייער הארץ אָבגעטאָן דער צוטרוי, וואָס מען האָט געהאט צום פרעמדען, וואָס איז געקומען און גערעדט מיט דער היימישער שפּראך. פערקעהרט עס רופט נאָר ארויס א חשד צו אייך ווען איהר רעדט די היימישע שפּראך. פאר מיין פשוט'ען, גוט הארציגען ג ו ט מ אָ ר ג ע ן האָב איך גאָרניט געקענט בעקומען. ניט קיין ליעבען שמייכעל פון א מוטער; ניט קיין ליעבען בליק פון דער טאָכטער און ניט דעם אידישען שלום-עליכם פון דעם מאן און פאָטער. עס ווילט זיך מיר רעדען אידיש מיט מיינעם א אידען. כ'האָב שוין צוויי טעג מיט

קיינעם ניט געערדט. וואָס קומט מיר דערפאַר? מיר איין טיר אוים אידען שטעהען אין זייערע געשעפטען און ווארטען אויף קונים. זיצט א מיידעלביים שוועל און קוקט אריין אין א אידישער צייטונג קום איך אריין און זאָג:

— גוט מאָרגען!

ענטפערט זי ניט.

דערצעהל איך, אז כ'בין אזוי זיך אריינגעקומען. איך בין א פרעמדער, א דורכפאָהרער, פערבענקט זיך צו בעגעגענען א אידען און אביסעל זיך דורכרעדען. איך זעה איהר לייענט א אידישע צייטונג — זיינען דאָ א סך אידען פאראנען אין ניו־ארלינס?

זי אָבער קוקט אויף מיר און שווייגט. איז מיר אין עפעס חושד. זי פרעגט מיך אין ענגליש וואָס איך וויל, און כ'זעה, זי איז אויף מיר אָנגעשטויסען. זאָגט מיר מיט איהרע אויגען, אז כ'זאָל ארויסגעהען. מיט איהרע בליקען טרייבט זי מיך ארוים פון געשעפט כאָטש זי לייענט אַ אידישע צייטונג און כאָטש אויף איהר פנים איז אָנגעשריבען, אז נאָך גאָר ניט לאנג איז זי פון דער אלטער היים.

כ'האָב מיר געלאָזט ווייטער, געטראָפען מאנסבילען.

— גוט מאָרגען!

מען קוקט מיך ארום, מען בעטראַכט מיך מיט אַ בליק פון ביטול און — "געה צו אלדע גוטע יאָהר". כ'זעה, אז מיין ג ו ט מ א ר ג ע ן איז גאָר ניט ווערט. דאָ אין אמעריקא איז עס א ווערטלאָזע זאַך, און כ'הויב מיר אָן ארויסצוקלויבען פון דער אידישער גאַס מיט א געפיהל פון פערדרוס און בעליידיגונג. שוין ביים עק גאַס הער איך פּלוצלונג רעדען אידיש, כ'דערקען א ביאַליסטאָקער אידיש. א איד אַ פאַבריקמאַכער א יונגערמאַן פון א יאָהר עטלבע און דרייסיג, עפעס שרייט ער זיך דורך פון זיין טיר צו א פרוי, וואָס איז פערבייגעגאנגען.

— גוט מאָרגען!

— גוט מאָרגען, זאָל זיין ג ו ט י אָ ה ר.

— איהר זענט א איד?
— ווארום וואס, איהר האט זיך דערפרעהט?
— געווים האב איך מיר דערפרעהט.

כ'האב איהם דערצעהלט, אז איך בין א פרעמדער און ער האט מיר גענעבען שלום עליכם. האט אנגעהויבען אויספרעגען פון וואנען איך קום. און אז ער האט זיך דערוואוסט, אז מיר זיינען כמעט פון איין א ו י ע ז ד איז די שמחה געווארען גאר גרויס. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף די ארומיגע שטעטלעך און ווי זיי זעהען אוים. ער האט מיר געוואלט דוקא ארויפנעהמען צו זיך אין שטוב אריין און כ'זאל ביי איהם מיטאג עסען. און ס'דאכט זיך מיר, אז ער האט קיין שום חשד אויף מיר ניט געהאט. כ'האב מיך ווארים מיט איהם געזעגענט און ער האט מיר בעגלייט אפאר גאסען און געוואונשען א גליקליכע רייזע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איצטער, שרייבענדיג די דאזיגע צייל ען פיהלט מיין הארץ א גרויסען דאנק צו יענעם אונבעקאנטען מענשען אין ניו-ארלינס, וואס האט מיר מיט זיין פריינדליכקייט א שטיין פון הארצען אראבגענומען, אויף א ווייל ע פערטריבען פון מיר די שלעכטע מחשבות, אז אונזער מדה פון הכנסת אורחים איז פון אונזערע אידען פערשוואונדען געווארען ווי נאר זיי האבען אריבערגעטראטען דעם שוועל פון דער פרייער און גאלדענער מדינה.

שלי'מזל'ניקעם

אונזערע רוסישע אידען, וואס האבען זיך פערקליבען טיעף אין די דרום-שטאטען מאכען דעם איינדרוק, אז ניט אליין, מיט זייער אייגענעם ווילען זיינען זיי אהער געקומען, נאר דער ווינט האט זיי אהער פערטראגען.

א גאנץ אנדערער סארט איד איז עס. דוקא אינטעליגענטער,

א בעסערער פון דער היים און דא איז ער פערגרעבט געווארען. דאס זענען מענשען, וואס דערוויטערען זיך פון כלל. אין דער היים געווען אידעאליסטען, זוכערס און דא, אין אמעריקא, האבען זיי זיך ניט געוואלט אבשטעלען אין ניו-יארקער קעסעל-גרוב, פיהלען ארום זיך א מיליאן אידען און זיין געצוואונגען צו לעבען אין ענג־שאפט. דאס זיינען אידען, וואס האבען ניט געוואלט שלום מאכען מיט זייער מזל און געהן אין א שאפ ארבייטען, א לעבען לאנג אויסנייהען לעכלעך אין העמדער אדער איינגייהען קנעפלעך אין הויזען. דאס זיינען מענשען, וואס פרואווען זיך. ניט גרויס און ניט ברייט איז דער כאפ, אבער מען זוכט גליק.

אין דער א י ס ט איז שוין פערלען אינגאנצען ארויס פון דער מאדע. אבער דא, איז עס נאך אביסעל אין דער מאדע. איבער־הויפט דער נעגער־עולם איז נאך אויף אזוי פיעל אבגעשטאנען, אז מען פוילט זיך געהן אין שטאדט אריין קויפען א בגד; א קנעפעל אדער א בענדעל קויפען. זיי לאזען זיך ווארטען ביז דער פעדלער וועט עס אין שטוב אריין ברענגען. און דער איד איז עס דער, וואס קומט מיט'ן פעקעל אויפ'ן פלייצע. כאטש ער לאזט זיך בע־צאהלען פאר זיין טרחה, דאך קויפט מען ביי איהם. און מען ווערט דעם אידען א שונא... מען דינגט זיך און מען קויפט אמאל אויף אויסצוצאהלען און אמאל פאר מזומנים. אט די פאקען־טרעגער טרעפט איהר נאך דא און דארטען, שלעפען זיך ארום דארף־איין דארף אויס, און אזוי שפרייזט מען דורך גאנצע שטאטען מיט'ן פעקעל סחורה אויפ'ן פלייצע. מען נעכטיגט ביי א גאסטפריינדלי־כען פארמער אין הויז, צי אין אן אפענער שטאל, אדער אין פעלד און אזוי ציהט מען פון יום-כפור ביז יום-כפור.

כ'האב געטראפען אזעלכע, וואס טראגען שוין צעהן, פופצעהן יאהר ארום דעם פאק. פריהער געווען אין דער איסט און ווען דארט איז געווארען שוואך דער עסק האט מען זיך אהער אריבערגעקלי־בען, און מען שפרייזט אלץ ווייטער און ווייטער ביז די גרעניצען פון מעקסיקא: ביז אין מעקסיקא אפילו דערטרייכען זיי.

און זעהר א גרויסער טייל פון זיי איז פון דער היים דער פייער בחור, איידעלער יונגערמאן; מענשען וואָס האָבען אין דער היים, פריהער געלערענט אין דער ישיבה, שפּעטער זיך גענומען בילדען און גאָר שפּעטער זיך אוועקגעלאָזען גליק זוכען. אין דער היים איז זיי ענג געוואָרען און נאָך ענגער האבען זיי זיך דערשפּירט אין דער ניו־יאָרקער געטאָ; אין דער שטיל האָבען זיי זיך ארויסגעמאכט און אהער פערבלאָנדזשעט. אהער זיך פערקליבען, פריהער מיט דער דעה פון אלץ זיך אָבצוזאָגען אויף א צייט און א ב ס י י פ ע ן א פּאָר דאָלער און — אזוי איז עס אוועק. צוזאמען מיט די פּאָר דאָלער ס י י פ ט מען זיך אָב גרויע האָר, א געבויגענע פּלייצע און א ביטערען שמייכעל אויף די אמאָליגע גוטע און יונגע יאָהרען. ס'איז צו בעוואונדערען, ווי איהר טרעפט דאָ תלמידי־חכמים. וואָס האָבען נאָך זייער תורה נים פערגעסען. ווי בעהאלטען און איינגעפּאקט טראָגען זיי עס אין א ווינקעלע פון זייער מוח. וואו ס'איז אנגעשטאָפּט כלומר'שט פּראקטישע פּלענער און וויכטיגע ביזנעס־ענינים. איהר כאפּט דאָ א אידען, וואָס וועט גערען מיט אייך אנציהען א שמועס איבער א הארבען ענין אין תלמוד אדער פּוסקים. געדענקט נאָך אלע קניפּלעך אין די פערדרעהטע סוגיות. ווי א גילדען פינגערעל האלט ער עס ערגעץ בעהאלטען, א זכרון פון יענע צייטען. אפילו די וויכטיגע כללים פון דקדוק אָדער רוסישער גראמאטיקע ווערט נאָך ערגעץ וואו בחדרי־חדרים אָבגעהיט.

איהר טרעפט אָבער אויך אזעלכע, וואָס זיינען געוואָרען אפּיקורסים. אויף אלץ א מאך געטהאָן מיט דער האנט:

— אמעריקא טויג נים. אלץ וואָס מ'האָט געלערענט אין דער היים איז נים געשטויגען און נים געפלויגען. לשון־קודש, תלמוד — ארויסגעוואָרפענע יאָהרען. אבי א יוגענד דערביי בעגראָבען. וואָס האָב איך פון דעם? וואָס גיט עס מיר איצטער?

איהר טרעפט דאָ רבנים, וואָס געהען אום צופּוס און זוכען צו פּסק'ענען א שאלה ערגעץ ביי א פערוואָרפענעם אידען. שוחטים —

וואס טראגען־אום זייערע חלומות ביז זיי ווערען פערזשאווערט, זוכענדיג א מעגליכקייט די היימישע השלמה אויסצונוצען. איהר געפינט מגידים, וואס געהען־אום צופוס איבער דער הייסער געגענד זוכען א געלעגענהייט דער וועלט מזכה צו זיין מיט א דרשה. איהר טרעפט אויך שעהנע בכבוד'יגע אידען, וואס טהוען ניט אויס די יארמולקע, כאפען אריין א פרק משניות און לעכצען נאך א מנין, אז מען זאל קענען כאטש א קדושה אריינכאפען.

איהר טרעפט דא מענשען, וואס בלויז מיט וועלכע ס'איז צעהן — צוועלף יאהר צוריק זיינען זיי געווען אין דער היים פארשטעהער פון דער בעוועגונג, גרינדער פון פארטייען, אנגעזעהענע אינטעליגענטען צווישען די ארבייטער, בעליעבט און געאכטעט פון די אייגענע חברים און גענאסען, האבען געהאט א גרויסען חלק אין דער ערשטער רעוואלוציע, אין פלעווע'ס צייטען טריפה ליטעראטור געפיהרט איבער די גרעניצען, און דא —

דא האנדלען זיי מיט אלטווארג, מיט דזשאנק, מיט שמאטעס און פערזשאווערטע אייזען, מיט ביינער און צובראכענע פלעשער. און ווען אונזערער א מענש בעגעגענט זיך מיט אזא געוועזענעם, איז ביידע רייבען די אויגען און קענען זיך ניט פערוואונדערען. איך קוק אויף איהם און טראכט:

— ווי אזוי טוט עס א מענש א מאך מיט דער האנט אויף אלץ מיט אנאנדער.

און ער קלערט געוויס:

— אט, מענשען; נאך ביי היינטיגע צייטען אזוי נאאיוו, טראגען זיך נאך מיט אידעאלען ארום....

פאראן אויך דא אזעלכע, וואס האבען זיך פארט צו עפעס דערשלאגען. ארויסגעווארפען דעם פעקעל און געעפענט א געשעפט. מאכט פיינע ביזנעס. האט א שטוב, האט מעבעל, האט אויסגעהאדעוועט קינדער, דערצויגען און געמאכט פאר מענשען און איצטער בעטראכטען זיי זיך פאר אלטגעזעסענע דא. דאס איז אבער פאר־

לויפיג דער פרט. אין אלגעמיין אבער טראגט נאך דער ישוב ניט דעם בעשטענדיגען כאראקטער.

אין דער צייט וואס אין דער איסט איז פאר מיינע אויגען פאר די לעצטע עטליכע יאהרען דא און דארט גאנצע אידישע שטעט אויפגעבויט געווארען; די אידישע גאס צעוואקסט זיך און פונדעוועט זיך איין; פון הונדערט איז געוואקסען טויזענד, פון טויזענד אידען איז געווארען צעהן טויזענד — אידישע קהלות זענען אויסגעוואקסען. און דא אבער, אין די ווייטע דרום שטאטען שטעהט עס אויף אן ארט. פריהער געווען טויזענד אידען און איצטער — אפשר עלף הונדערט און אפשר — ניין הונדערט. דער עולם בייט זיך שטארק. ווי זומער-פויגלען, געקומען, א שמעק געטאן און אוועקגעפלויגען נאכ'ן ערשטען זומער, ערגעץ צו נייע געגענדען.

אהער קומען מענשען וואס ווילען זיך ארויסטאן פון דער וועלט. געווארען מיעד פון דעם לעבען ד א ר ט ע ן.

— הרעה מיר ניט דעם קאפ, כ'האב עס גענוג געהאט דארטען אין רוסלאנד.

אדער:

— כ'האב עס געהאט איבערגענוג אין ניו־יארק. כ'בעדארף א לעבען מאכען און — דאס אל.

אבער דעם ל ע ב ע ן דא מאכט מען זעהר שווער. אין דער איסט, דאכט זיך מיר, זענען דאך אונזערע ניט אזוי פעריאגט, ווי דא. דער ארבייטער דארטען, נאך זיין טאג ארבייט, ווי ס'איז — קומט אהיים. זוכט רוה. שלאגט זיך אלע ארוים פון קאפ אין די פאר שעה פון זיין רוה. דא אבער, זוכענדיג גליק צווישען אט די אלע ווינט־פרנסות, ווייסט מען ניט פון קיין רוה. אלע זיבען טעג אין דער וואך, אלע שטונדען וואס מען קען נאר פון מעת־לעת אבגרייסען ווערט אין דעם ווינט־עסק אריינגעלעגט.

פונקט ווי אין בראזיליען אזוי טרעפט מען דא א גרויסען עולם ניט בעווייבט. אלטע און יונגע בחורים, אדער — ווייב און קינד

האָט מען געלאָזען ערגעץ ד אָ ר ט ע ן. בלויז אויף א ווײלע געקומען. און די ווײלע פערציהט זיך אין די גרויסע יאָהרען אריין. און צווישען דעם אונרוהיגען וואנדער-עולם, ווען איהר שלאָגט זיך אָן אויף א הויז מיט ווייב און קינד, מיט מעבעל, מיט שאפעס ספרים, רוסישע און אידישע און אביסעל ענגלישע, אמאָל נאָך אַן אויסגענעהטער מזרח אויפ'ן וואנט — ווען איהר קומט אריין אין אזא הויז שפירט איהר ווי איהר זענט פון א קארוסעל אראב, וואו די גאנצע וועלט האָט זיך געשווינדעלט ארום אייך, און מיט אמאָל האָט איהר באָדען דערשפירט אונטער די פיס... אָט צווישען דעם עולם וואָס שווינדעלט פערביי און פערשווינדט, טרעפט איהר אמאָל א אידען א געזעצטען. איהר פרעגט איהם:

— ווי לאנג וואוינט שוין דאָ א איד?

און ער וועט ענטפערען מיט א געוויסער ווירדע:

— שוין באלד דרייסיג יאָהר. כמעט דער ערשטער רוסישער איד אין דער געגענד. ערשט איצטער האָבען זיך אהער א לאָז גע-טאָן אָט די יונגעלייטלעך. דער גוטער יאָהר ווייסט, וואָס זיי זוכען דאָ. קומען אָן ווי דער ווינט און ווערען פערשוואונדען.

— נו, און ווי געהט עס עפּעס?

— געווען אמאָל גרינגער א לעבען צו מאכען, אבער — די קינדער אויסגעגעבען צו מענשען גלייך. כ'וואָלט עס אין רוסלאנד ניט געקענט בעווייזען. מיט זיי האָב איך שוין גאָר קיין זארג ניט. געקומען אהער קליינע, נאָר מיט גוטע קעפּלעך. האָבען זיך פיין ארויפגעארבייט.

און כאָטש ער איז דאָך אויך א ס י ט י ז ע ן, אָבער די אמת'ע בירגער פון לאנד זיינען זיינע קינדער, וואָס כאַפּען זיך אמאָל אריין צו טאטע-מאמע פרייטאָג צו נאכט עסען א שטיקעל אידישע געפילטע פיש....

און, ווען מען ווארפט א בליק און מען בעטראכט די גאנצע פּאנאראמע פון דעם אידישען לעבען דאָ, כ'מיין דעם רוסישען אי-דען, וואָס אין די דרום שטאטען, ווערט פערדריסליך. דער עולם איז

קליין און איהר קענט איהם בעטראכטען. עפּעס איז עס א בילד וואָס די פארבען זיינען אָבגעקראָכען. א ספר — וואָס די אותיות זיינען געוואָרען אָבגעריבען. וויין, וואָס שטעהט אפּען, אירט און ווערט זויער.

דער ליטוואק ווערט דאָ אלטגעבאקען און אָבגעשטאנען.

דער דרום־רוסישער — פערגרעבט און וואכעדיג.

דער פּוילישער — אויסגעוועבט און אָבגעבליאקעוועט.

די דייטשע אידען בלויז, וואָס זיינען פון קיינעם ניט געיאָגט געוואָרען, שטעהען דאָ אויף זייערע אייגענע פיס, לעבען דאָ מיט'ן לעבען פון לאנד און געניסען פון די זאפטען פון לאנד.

אידיש

לעצטען זומער. אין א הייסען נאָכמיטאָג, בין איך אומגעגאנגען מיט מיינעם א פריינד צווישען די רייבע, ניט־אידישע, ז ו־מ ע ר וואוינונגען וואָס ביים ים. מיר האָבען זיך אויף א ווייל׳ע אָבגעשטעלט אויף א ווינקעל גאס און בעטראכט די הייזער וואָס ארום אונז; צווישען זיך געהערט פון דער רוהיגקייט און שטילקייט וואָס הערשט ארום.

מיט אמאָל איך ווייס ניט פון וואנען און פון ווען, ווי א קליין מיידעל, אזוי פון א יאָהר אכט, איז אויסגעוואקסען פאר אונז. אין אן אלט, אָבגעטראָגען, און אויסגעוואָקסען, געקעסטעלט קליידעל איז זי געווען אָנגעטאָן, און איהרע שטארקע, ראָזע פיס האָבען זיך ביז צו די קניה ארויסגעזעהן. די נאקעטע פיס זיינען געווען שטארק צוגראבעלט, ווי פון קלעטערען אויף בוימער און צוגראבעלט זיינען געווען איהרע פולע, רונדע, רויטע באקען. די אויגען איהרע, אזעל־כע ליכטיג פרעהליכע האָבען אונז אין פנים ארייננעלאכט. האָט זיך אָנגעהויבען אזוי צו לאשטשען צו אונז ווי א יונג קעצעל און

געוואָרט מיר זאָלען איהר עפּעס זאָגען. ניט קענענדיג זיך דערוואַר-טען, האָט זי אליין אָנגעהויבען אין ענגליש:

— איהר זוכט אפשר דעם האָטעל ג ר י ן? איך קען אייך בעווייזען וואו ער איז.

— ניין, קינד, מיר זוכען ניט דעם האָטעל, — האָב איך גע-ענטפערט.

— איהר זוכט ניט... יא, איהר זיינט אידען?

— יא, קינד, מיר זיינען אידען.

— איך בין טאקע אויך א אידישע. — און איז רויט גע-וואָרען.

— ווי אזוי רופט מען דיך?

— ראָזי איז מיין נאָמען. מיין מאמע האָט דאָ א גראָסערי.

— פארוואָס ביזטו נאָר אליין, ווילסט זיך ניט שפּיעלען מיט די קינדער דאָרטען און איך האָב איהר אָנגעוויזען אויף א גרופּע קינדער וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אין שאָטען, אריבער דער גאַס.

זי איז מיט אמאָל אומעטיג געוואָרען, בעטראַכט די קינדער און שטיל געענטפערט:

— ניין, איך שפּיעל זיך ניט מיט זיי. איך האָב זיי אלעמען געשלאָגען.

— דו זיי?

— יא, איך אליין. איך בין שטארקער פון זיי אלעמען. זיי רופען מיך "קייק" און איך שלאָג זיי. כ'האָב זיי פיינט.

— קענסט רעדען אידיש?

— מיין מאמע רעדט, אָבער איך ענטפער ניט.

— פאר וואָס? דו קענסט ניט רעדען אידיש?

— איך קען, נאָר — איך וויל טאקע ניט.

— פאר וואָס, קינד, ווילסטו ניט רעדען קיין אידיש?

— איך ווייס ניט פאר וואָס. אזוי, איך וויל ניט.

— ווילסטו ווערען א קריסטין? —

— האָ?

— יא: אפשר ווילסטו ווערען א קריסטין; אט אזוי ווי יענע קינדער זיינען?

זי איז מיט אמאָל בלאס געוואָרען; זיך דערשראָקען פאר מיי־נע רייד און איהרע בליקען האָבען געבלאַנדזשעט אמאָל אויף מיר און אמאָל צו מיין פריינד, ווי געפאָרשט צי איך מיין עס ערנסט. און מיט אמאָל האָט זי ווידער איבערגעפרעגט:

— איהר זיינט טאקע אידען?

— יא, קינד, מיר זיינען אידען. איך פרעג דיך, צי דו וואָלסט ווע‏לען ווערען א קריסטין ווי אלע קינדער דא? וועט דיר זיין גוט די קינדער וועלען זיך מיט דיר שפּיעלען, וועלען דיך ליעב האָבען...

— ניין, ניין, — האָט זי זיך אָנגעהויבען צו וועהרען — איך וויל ניט זיין קיין קריסטין. זיי זיינען שלעכטע מענשען. זעהר שלעכטע מענשען, איך האָב מורא פאר זיי.

— דו קענסט דאָך זיי שלאָגען? ביזט דאָך שטארקער פון זיי?

— ניין, איך וויל ניט, איך וויל ניט. איך האָב מורא. — האָט זי אלץ מיט שרעק אין די אויגען איבערגע׳חזר׳ט.

איך האָב איהר געזאָגט, אז איך האָב בלויז א שפּאס געמאכט און, אז מיר זיינען אויך אידען. — זי האָט אָבער פחד בעקומען פאר אונז.

מיר האָבען זיך געזעגענט מיט איהר, וואָרים איהר האנד גע־גלעט אָבער דער פחד פון איהרע אויגען איז ניט פערשוואונדען.

ווען איך בין שוין געווען ווייט אבגעגאנגען, האָב איך מיך אומגעקוקט. זי איז נאָך אלץ געשטאנען ווי א פערגליווערטע און פערוואונדערט אונז נאָכגעקוקט...

* * *

במעט אין דער אייגענער וואָך האָב איך געמאכט א בעזוך מיינעם א פריינד, א רוסיש־ענגלישען איד, וואָס האָט די לעצטע עטליכע יאָהר פערבראכט אין פּאלעסטינא. מיר האָבען פערלאָזען זיין האָטעל וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון ר י ו ו ע ר ס י י ד ד ר י י וו און, אויפזעצענדיג זיך אויבען אויף אן

אמניבאָס, האָבען מיר זיך געלאָזט אראָב מיט דער פינפטער עוועניו. גיט האָבענדיג לאַנג שוין, ווייזט אויס קיין געלעגענהייט צו רע־דען אידיש, האָט ער זיך מיט א מין הונגעריגקייט, אויפ'ן הויכען קול, זיך אזוי צוגעכאַפּט צום אידיש, איש ענגליש און רוּ־סיש געמישט איז ווי גלאָז צובראָכען געוואָרען אונטער זיין צונג. כמעט שרייענדיג האָט ער מיר דערצעהלט פון דעם לעבען אין פּאַ־לעסטינא און פון די אידישע קאָלאָניסטען און פון די תימנ'ער אי־דען און פון די אידישע בחורים און מיידלעך דאָרטען. אז מיר זיי־נען געקומען צו צוויי־און־דרייסיגסטער סטריט האָבען מיר געדאַרפט אויסשטייגען און ווארטען אויף דעם נעקסטען אמניבאס וואָס געהט אהין וואוהין מיר האָבען געדאַרפט. מיין פריינד האָט זיין שמועס נית איבערגעריסען און, מיט א קלינגענדער שטימע, פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג איבער פּאַלעסטינא.

— זייט אזוי גוט, איך וואָלט אייך בעטען בעסער ניט צו רעדען דאָ קיין אידיש — דערהערט זיך פּלוצלונג הינטער אונז א חנינה'דיגע שטימע אין אידיש.

איך קוק מיך אום; ס'איז דער מ ע נ ש מיט'ן בלעכעל אויפ'ן היטעל וואָס שטעהט אויפ'ן טראָטאואר און טיילט אוים אויס־שטייגס־צעטלען צו די אלע וואָס בעדאַרפען בייטען זייער אמניבאָס און ביי וועמען מיר האָבען נאָר וואָס צעטלען גענומען. א מענש אזוי א דרייסיגער פון א מיטעלען וואוקס און מיט שווארצע אויגען און ברוינע מאָגערע באקען. דינט ביי דער אָמניבאָס קאָמפּאני. ער קוקט צו אונזער ביידענס פערוואונדערטע אויגען און חזר'ט איבער נאָכאמאָל די אייגענע ווערטער אין אידיש:

— אזוי, רעדט דאָ בעסער ניט קיין אידיש, ס'איז זעהר ניט גוט.

— פאר וואָס?

— אזוי. זיי ווילען עס ניט ליידען.

— ווער וויל ניט ליידען? וואָס פאר א — זיי?

— זיי... אָט זיי. און ער שטרעקט אוים זיין האנט צו דעם

שטראָם מענשען וואָס אין די טויזענדער שפּאַרען זיי זיך דאָ, לענג און ברייט, אין די נאָך־מיטאָג שעה'ען; ווער ווייסט עס ניט יע־נעם ווינקעל — ביי פינפטע עוועניו און צוויי-און-דרייסיגסטער סטריט אין ניו יאָרק?

— "זיי ווילען עס ניט לײדען"...

און דער ז י י — גאָט מיין גאָט — דאָרט זיינען דאָך מעהר אידען ווי ניט-אידען!

* * *

אין דער געגענד וואו עס דאכט זיך דיר צומאָל אויס, אז אפּי־לו די גאסען זיינען מיט אידען געברוקירט, דאָרטען ארויף גרענד סטריט, האָבען רייכע אידען פון דער פינפטער עוועניו אויסגעבויט פאַר די ארימע אידען פון דער א י ס ט ס י י ד א קליין, שעהן טעאטערל, צו אויסאיידלען דעם געשמאק פון אונזערע לייט...

די טעג בין איך דאָרט געזעסען אין דעם ווייך-בעלויכטענעם זאַל, מיינע אויגען האָב איך געהאַלטען פערשלאָסען און דורך מיין הארצען האָט אזא ביטערער טרויער געצויגען; אזא טרויער... מען האָט דאָרט געזונגען אידישע פאָלקס־ליעדער.

געזונגען האָט די ליעדער פאַר'ן עולם די ליעבע, טייערע קאָנ־סטאנסע גרעון. א קינד פון סקאָטישען פאָלק, א קריסטין, וואָס איז געפאנגען געוואָרען פון די אידישע פאָלקס־ליעדער. זי זאמעלט זיי מיט אזוי פיעל ליעבע און מיט נאָך מעהר ליעבע זינגט זי זיי פאַר'ן עולם. איהר שטימע איז שוין פערהאַדישט געוואָרען, אָבער די ווערטער קומען ארויס ביי איהר אזוי ווי זיי וואָלטען בעלאנגען צו א פאָלק וואָס איז שוין לאנג געשטאָרבען.

איידער זי הויבט אָן זינגען א ליעד דערקלערט זי עס פריהער אין ענגליש. פערטייטשט דעם אינהאַלט און פערטייטשט דאָס אי־דישע לעבען וואו די ליעד איז געבוירען געוואָרען. און איך זיץ און הער עס צו. און דער וועהטאָג אין הארצען נאָגט און נאָגט, עס דאכט זיך:

געשטאָרבען איז דאָ א טייל פון אונזער אידישען לעבען, גע-

שטאַרבען איז דאָס אידישע וואָרט: געשטאָרבען פאר אייגענע זינד און, אז ניט א קינד פון סקאַטישען פאָלק זינגט עס איצטער פאר'ן עולם אידישע פאָלקס-ליעדער נאָר די נשמה פון דער נייער אידישער מוטער דאָ בלאָנדזשעט ארום און זוכט איהר תיקון. די אידישע מו-טער — מען האָט זי פער'משפט אומצוגעהן צווישען די אלטע קברים און פון די מצבות ס'אלטע אידישע וואָרט אראבלייענען און פאר זיך עס זינגען... זינגען...

"שלאָף מיין קינד, מיין קרוין, מיין אוצר"...

עס קלינגט אזוי ציטריג, מוטערליך איהר שטימע און מיר דאכט זיך אויס אז די וויעג-בעט איז שוין לאַנג לעהר.

"לאָמיר אלע פרעהליך זיין"...

און די אידישע, די אמת-אידישע פרייד — וואו איז זי?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אך, צי וויים עס גאָר, אָט דאָס ליעבע, טייערע קינד פון א פרעמד פאָלק, אָט די סקאָטישע טאָכטער וואָס איז שוין כמעט אינגאנצען פעראידישט געוואָרען — צי ווייסט זי גאָר וואָס פאר א טיעפע וואונד זי ריהרט אָן ביי אונזערען א מענשען אין הארצען זינגענדיג פאר אונז אונזערע פאָלקס-ליעדער?...

* * *

דאָס איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק צוליעב א קלייניקייט וואָס כ'האָב געהערט אויף מיין רייזע אָט דאָ ניט לאַנג — — —

ס'איז געווען אין דזשעקסענוויל, פלאָרידא. כ'בין איינגעשטאָ-נען אין א אידישער אכסניה ביי בכבוד'יגע לייט, וואָס וואוינען שוין דאָ אריבער צוואנציג יאָהר. האָבען דאָ קינדער געבוירען; קינדער אויסגעגעבען.

זיץ איך זיך ביים טיש, אונטען אין עסען-צימער און עס מיין פריהשטיק. ביים לאַנגען טיש זיצען נאָך יונגעלייט, וואָס וואוינען דאָ אין דער אייגענער אכסניה. און געגענאיבער, ניט ווייט פון מיר זיצט אן עלטערער איד, שוין גרוי, אזוי פון א יאָהר זעכציג. א פערשוויצען בערדעל גאַנץ זויבער געקלייידעט. זעהט אויס ווי א היי-

מיש אלטער משכיל.

מיט אמאל קומט אריין די אינגסטע טאכטער פון בעל-הבית; א שווארצ'חנ'עווריגע מיידעל פון א יאהר פערצעהן. זי האט זיך געזעצט צווישען די געסט און געווארט אויף איהר פריהשטיק.

— היינט איז דאך זונטאג, טא וואס-זשע טהוסטו היינט? — פרעגט ער איהר ווידער. — וואס טהוסטו א גאנצען זונטאגדיגען טאג?

— איך געה באלד אין דער שולע.

— וואס פאר א שולע זונטאג?

— א אידישע.

— וואס?

— איך געה דא אלע זונטאג זיך לערנען אידיש.

— אזוי גאר, דו לערענסט זיך העברעאיש?

— ניין, אידיש.

— האסט א טעות, העברעאיש מיינסטו געוויס צו זאגען.

— ניין, כ'מיין ד ז ש ו א י ש, וואס מען רעדט.

— ארויסגעווארפען די צייט, מיין קינד.

— פארוואס, כ'וועל זיך ניט אויסלערנען? — פרעגט זי גאנץ נאאיוו.

— פארוואס... ס'איז שווער דיר צו זאגען פארוואס. דו ביזט א קינד. נאר אט וואס. אט געה צו צום שפיגעל... שטעל זיך אזוי אוועק ביים שפיגעל מיט'ן פנים און פאס אויף: ווי שעהן איז דיין פנים, ווען דו רעדסט ענגליש און ווי העסליך ער קוקט אויס, ווען דו רעדסט אידיש. יא, יא, געה צו צום שפיגעל.

זי איז רויט געווארען, געקוקט אויפ'ן עולם ארום, געפארשט וואס פאר אן איינדרוק ס'האט אויפ'ן עולם געמאכט. ס'אייגענע איז געווען מיט איהם. ער האט זיך עפעס אליין פערוואונדערט פון זיינע רייד און האט צום עולם בליקען געווארפען.

כ'האב איהם שפעטער א ווייל געהערט רערענדיג מיט דער ווירטין אידיש. מיט דעם קאוונער אקצענט. מען האט געשמועסט

פון שעהנעם וועטער. פון שווערע צייטען. פון מלחמות אויף דער וועלט און שלעכטע שפייזען.

ס׳קלינגט דאך אלץ ווי א וויץ. ווי א וויץ. ווי א שפאס — אפילו ניט קיין טרויעריגער שפאס...

צוויי ווינטערען האב איך געוואוינט אינ׳ם מזרח טייל פון די בראנקס, דארט אין ניו יאָרק. טאג־טעגליך בין איך שעה׳ן־ווייז אומגעגאנגען אין די געדיכטע, אידישע גאסען. קינדערלעך קיין עין־הרע ווי מאָן. און קיין איין מאָל דורך דער גאנצער צייט האב איך ניט געהאט די זכיה צו הערען ווי קינד מיט קינד שרייט זיך דורך אין דער שפראך פון זיין טאטע־מאמע.

ווידער האב איך בעגעגענט דא און דארט א יונגערמאן, אן אוניווערזיטעט שילער, געבוירען געווארען דא אין לאנד, וואס האט זיך געבראכען די צייהנער ערקלערענדיג מיר זיין ליעבע צו אידיש און, אז שלעכט, זעהר שלעכט האבען זיין טאטע־מאמע געטהאן, וואס האבען פערגעסען צו געבען איהם אין דער יוגענד זיין שפראך...

און ווער ס׳האט צער דערפון, וואס אידיש געהט אונטער דא אין לאנד און קען זיך מיט יענעם׳ס צרה טרייסטען — איהם קען איך דערצעהלען, אז —

— די קינדער וואס קומען ארוים פון שטאלצע, דייטשע טאטע־מאמע, שעהמען זיך אויך צו רעדען אין גאס די שפראך פון זייער פאטערלאנד.

זאלען זיי זיך טרייסטען אויך מיט דעם — אויב זיי זוכען א טרייסט, אז —

— ניט נאר שפראכען אליין געהען דא אונטער אין געיעג צו „מאכען״ א לעבען....

גאלוועסטאָן

ביי א חודש צייט האָב איך דא געוויילט. א ביסעל צופיעל פאַר דעם וואָס רייזט און וויל זיינע איינדריקען פערשרייבען. אז מען ווערט א בירגער אין שטאָט הערט מען אויף צו זעהן דאָס, וואָס עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אין דעם ערשטען אוי־גענבליק ווען דיין פוס האָט אריבערגעטראָטען איבער'ן שוועל פון שטאָט. גאלוועסטאָן פערמאָגט ביי א פערציג טויזענד איינוואוינער, און וויפיעל אזעלכע ש ט ע ט ל ע ך זיינען פאַראַן אין לאַנד און קיינער פון אונז האָט פון זייערע נעמען ניט געהערט, אדער יא גע־הערט און גלייך פערגעסען — אָבער גאלוועסטאָן ווייסט מען.

אין רוסלאַנד, פאַר'ן ארויספאָהרען קיין אמעריקא, ישובט מען זיך צו פאָהרען דורך ניו יאָרק אדער אפשר דורך גאלוועסטאָן וואָס אין מעקסיקאנער ים־אויסגוס. כאָטש קיין ניו יאָרק קומט מען אָן אין א וואָך צייט און קיין גאלוועסטאָן, אז גאָט העלפט — אויף'ן פינ־און־צוואַנציגסטען טאָג. דער נאָמען גאלוועסטאָן איז פערבונ־דען מיט ט ע ר י ט אָ ר י א ל י ז ם מיט ווייטע האָריזאָנטען: דער טויער צום שטאָט טעקסאס, וואָס איז אזוי גרויס ווי גאַנץ דייטשלאַנד, פערמאָגט פעטע ערד און, וואָס אינגאַנצען ביי א פיער מיליאָן מענשען קלאַטשען זיך ארום אין דער ברייטער, ווייטער, פרוכטבארער געגענד. מיר האָט אויך דער נאָמען צופיעל געקלונגען אין די אויערען און איך האָב בעטראַכט אהער צו פערקירעווען.

געוואָרט האָב איך צו טרעפען א האפען־שטאָט, ווי דער שטיי־נער, וואו מענשען זיינען שטענדיג אין א בהלה און וואָס אויף'ן חשבון פון פאָרט איז די שטאָט פערלאָזען און וואו געלט איבער דער מאָס שיט זיך אין דער לענג און דער ברייט; געטראַכט צו געפינען א שטאָט פון די שטעט, וואָס כ'האָב פיינט און וואָס זיינען מיר צו לאַסט אויף מיין לעבענס־וועג...

און בעפונען האָב איך א קליין שטעטעלע מיט א ליבען, רו־

היגען אויסזעהען, דיין צוגעפוצט, מענשען איילען ניט און פאל־מעס און אליעאנדרען זיינען די איינציגע בוימער וואס ציערען די שטאט. די פאלמעס זיינען פון כלמורשט׳דיגען ווינטער א ביסעל אבגעשאסען אבער די אליעאנדרען וואקסען און גרינען אויף גאט׳ס בעראט, האבען זיך אזוי צובליהט, אזש א חיות איז צו געהן אין די שטילע גאסען. פאראן דא טראמווייען אין שטאט, וואס פערנעה מען זיך מיט איבערפיהרען די לופט פון איין עק שטאט צום אנדע־רען. מענשען ווינציג. הייזער זיינען טאקע פאראנען פאר פערציג טויזענד נפשות, אבער נפשות פעהלען.

און אזוי האב איך מיר דא אבגעשטעלט אויסרוהען אביסעל די ביינער און אנווארימען זיך אביסעל פון די גרויסע קרירות וואס האבען מיך שוין צופיעל נע׳רודפ׳ט אין וועג, פאר די לעצטע חדשים.

אז איהר רעדט מיט אן ארטיגען איינוואוינער, וואס האט נאך ליעב גאלוועסטאן דערצו, בעקלאגט ער זיך:

— אונזער שטאט האט שוין איצטער געקענט זיין אזוי גרויס אפשר ווי ניו־ארלינס, וואס קאנקורירט מיט אונזער האפען, אבער צוליעב די שטורם-ווינטען קען אונזער שטאט ניט וואקסען און מענ־שען קענען זיך דא ניט איינפלאנצען.

און גאלוועסטאן איז דאך איינע, פון די וויכטיגסטע פארטען אין לאנד. דער גרעסטער טייל וואטע פון לאנד וואס ווערט אין די דרום־מערב שטאטען געשאפען ווערט דורך גאלוועסטאן ארויסגע־פיהרט און די שטאט האט מעגליכקייטען געהאט אויפצוואוואקסען מיט דער אייגענער שנעלקייט ווי פיעל אנדערע שטעט דא אין לאנד, וואס זיינען כמעט איבער נאכט בעשאפען געווארען. נאר צוליעב די שטורם־ווינטען, וואס קומען כאטש זעהר, זעהר זעלטען איז גאלוועסטאן פער׳משפט געווארען צו זיין קליין און בעשיידען און איהרע שכנ׳ישע שטעט, ווייטער פון ים, וואקסען און ענטוויק־לען זיך.

גאלוועסטאן אליין איז פאקטיש א אינזעל. אז איהר קומט אן

מיט דער אייזענבאהן בעראַרף דער צוג אַריבערגעהן א בריק, גע־מויערט אין ים־אויסגוס, גאנצע צוויי מייל לאנג. און די גרויסע שטורם־ווינטען וואָס טראָגען זיך פון צייט צו צייט ביי די ברעגעס פון מעקסיקאנער ים־אויסגוס האָבען זיך ספּעציעל אויף גאַלוועסטאָן אַנגעזעצט. לאָזט ניט די מענשען דאָ זיך איינצופונדעווען. דער שטורם אין יאָהר ניינצען הונדערט האָט דעם ים געטריבען דער גאנצער שטאָט גאַלוועסטאָן אַראָבצוואַוואשען, און שיעור שיעור איז עס ניט געשעהן. דעמאלט זיינען טויזענדער מענשען אומגעקו־מען און א טייל פון דער שטאָט איז אָבגעשווויינקט געוואָרען. א גרויסער טייל פון די לעבען־געבליבענע האָבען די שטאָט פערלאָזען און דער מעהר איינגעשטעקשנ'טער עולם האָט גענומען ‏וכען פּלענער ווי אזוי דעם שטורם בייצוקומען.

דעמאָלט האָט מען געמויערט א וואַנט ארום שטאָט. פון ים ארויס, כדי צו געבען א ווידערשטאַנד די כוואַליעס וואָס האָבען זיך אין גוטע צייטען צו־נאָהענט צום ברעג גערוקט. די וואַנט איז איי־נע פון די מערקווירדיגסטע שטיקלאַך ארבייט, וואָס זאָגט עדות אויף דעם מענשענס עקשנות דער ווילדער נאַטור מנצח צו זיין. די וואַנט איז מאַסיוו, זיבעצען פוס הויך און אזוי פיעל איז איהר דיק אין דער טיעף; גאַרטעלט ארום די שטאָט אויף גאנצע פיער מייל. און כדי שוין צו זיין גאָר זיכער, האָט מען אָנגעפיהרט א וועלט מיט שטיקער גראַניט און אונטען ביים וואַנט אָנגעוואָרפען כדי די כוואַליע, ווען זי קומט אָן זאָל זיך איהר ערשטער אימפּעט אָן די שטיקער גראַניט אָבשלאָגען אזוי, אז די וואַנט זאָל זיין וואָס מעהר בעשיצט. אויבען, צום ים ארויס, לויפט א ברייטער בולוואַר, א וועג פאַר אויטאָמאָבילען. נאָך יענעם שטורם האָט מען אין גע־וויסע ערטער די שטאָט געהויבען, אום זיכער צו זיין פאַר א נייעם אומגליק, אָבער איינגאַנצען זעהט אויס האָט עס ניט געהאָלפען.

פאַר צוויי יאָהרען, אין אויגוסט האָט דער שטורם מיט ים ווידער זיך פערמאָסטען אָבצושווויינקען גאַלוועסטאָן פון דער ערד. עס איז איהם ניט געלונגען, אָבער גענוג חורבן האָט ער אָנגע־

מאכט. די וואנט האט טאקע איחר דיענסט געטאן בראוו. האבען זיך אבער די וואסערען געקליגט הינטען ארום זיך אריינצוקלייבען אין שטאט אריין און ארויסטראגען די סחורות פון די געשעפטען. די כוואליעס האבען זיך ערטערווייז אונטער דער וואנט ארונטער־געגראבען און די ערד מיט דעם בולוואר אינאיינעם ארויסגע־שווייגקט. קיין לעבענס זיינען דעם מאל ניט אומגעקומען אבער ס'איז געווען א ווארנונג צו די מענשען, אז זיי זאלען זיך האלטען א ביסעל ווייטער פון דאנען. א גרויסער טייל פון די וואס ווילען לעבען זיכער און רוהיג אויף גאטס ערד, האבען זיך ארויסגע־קליבען און אויף זייער חשבון בליהען די שכני'שע שטעט. דאס פערבליבענע אבער געהט זיך אן מיט זיין עקשנות. זינט נאכ'ן שטורם געהט אן די ארבייט ארום דעם ווידערשפענסטיגען ים, איהם אויף צו להכעיס. מען האט פון ים ארויסגעפאמפעט זאמד און דעם איינגעפאלענעם בולוואר צוריק צו זיך געבראכט. נאך איצטער ארבייטען ארום הונדערטער ארבייטער טעגליך ביי דעם בולוואר, יענע שפורען פון חורבן צו פערווישען. צעמענט און געהאקטע שטיי־נער, ציגעל און ווידער צעמענט, דראט און אייזען שטאבער ווע־רען אינאיינעם געגאסען און פערגאסען. טאג־טעגליך קומען אן צוגען, ברענגען אין זייערע פראכט וואגאנעס שווארצע פעטע ערד פון ערגעץ. מיט דער ערד הויבט מען אויף דעם גאנצען פאס לאנד וואס לויפט מיט דער לענג פון ברעג. דא וועט ווערען פערפלאנצט גראז, בוימער; מאכען, אז די כוואליעס זאלען אזוי לייכט עס ניט קענען אראבטראגען יעמאלט ווען זיי פאטשען איבער דער הויבער וואנט.

רעדט מען אבער מיט די געשעפטס־לייט אין צענטער שטאט פון דער ארבייט וואס ווערט ביים ברעג ים געטאן, שמייכלען זיי סקעפטיש:

— גאלוועסטאן וועט שוין ניט ווערען דאס וואס זי האט בע־דארפט זיין, ניטא קיין גליקען. געשעפטען מאכען זיך צו.

אין דעם איצטיגען קריזיס אבער איז געווים מעהר שולדיג

די מלחמה ווי דער פאר צוויי יאהריגער שטורם. גאלוועסטאַ'נער פּאָרט איז פערבונדען מיט אלע אויסלענדישע שיפען־ליניעס און זייענדיג דער צווייטער פּאָרט אין לאנד נאָך ניו יאָרק, האָט אהער פּרנסה געדראפּט שטראָמען דורך טיר און טויער. דורך גאוולעסטאָן האָט מען ארויסגעפיהרט וואטע, אויל, תבואות, געהילצען און אהער האָט מען אריינגעפיהרט קאַפע, צוקער, פּרוכטען פון די טראָ־פּישע געגענדען, שטאָל און אייזען פאר'ן געברויך פון דער געגענד.

זינט די מלחמה האָט זיך דער האנדעל מיט אייראָפּא כמעט אינגאנצען אָבגעשניטען און דער פּאָרט איז ווי אָבגעשטאָרבען. ס'קומט אָן ווען־ניט־ווען א שיף. עפּעס רודערט זיך כלומר'שט אין פּאָרט, עפּעס לאָדט מען אָן, עפּעס לאָדט מען אויס — אָבער אָהן לעבען, אָהן מזל און ברכה...

אונזערע אידען זאָגט מען זיינען דאָ פאראן אריבער טויזענד, אָבער דער גוטער יאָהר וויס וואו זיי זיינען. שווער זיי צו זעהן אלע אינאיינעם. פון די צעהן טויזענד אימיגראנטען, וואָס זיינען אין פערלויף פון די לעצטע יאָהרען פאר דער מלחמה אָנגעקומען דורך גאלוועסטאָנער פּאָרט, איז בלויז א פּאָר הונדערט פון זיי האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט; די איבריגע האָבען זיך צושאָטען אין די איבעריגע שטעט און שטעטלעך פון טעקסאס. ווער ס'פּעדלט, ווער ס'האנדעלט מיט אלטווארג און ברוך, ווער ס'האָט גלאט אזוי קיין פּרנסה ניט. אנדערע האָבען זיך דוקא ארויפגעארבייט פון די אויבענדערמאָנטע פּרנסות.

אומגייענדיג אין די גאסען פון גאלוועסטאָן קען מען בעגעגענען זעהר, אָפט צוויי שעהנע אידען מיט שעהנע אידישע בערד. יעדערער אויף זיין וועגעלע טרייבט זיך אויף זיין מלמד'עשען אופן אָן זיין פערדעל און די נעגער ביים זיים, וואָס האָבען צייט אויף אלץ זיך צו פערקוקען, בעטראכטען אָט די ווילדע פאר־שוינען און לאכען.

דאָס זיינען שוחטים. קוילענען אליין, און שפּעטער צופיהרען זיי די פליייש צו זייערע קונדען. ניט קיין גרויסער נייס דאָ אין

לאנד.

אפשר פסק'ענען זיי דא שאלות אויך. כ'ווייס נים. דאס בי-סעל גריננוואלד איז איינגעטיילט און צוטיילט אין קליינע פארטיי־צווייגעלעך. אלע שטעהען אין פערבינדונג מיט ניו־יארק, מיט דעם גרויסען פארטייען־ים און זיינע גרויסע פיש.

איין מאל בין איך דא אויפגעטראטען מיט א פארטראג. ס'איז געווען אויף דעם פערלאנג פון די ס. ט., ס'מיינט סאציאליסטען-טעריטאריאליסטען. כאטש זיי זיינען בלויז א בינטעלע פון צעהן מיטגליעדער, דאך זיינען זיי ווייט נים די קלענסטע פארטיי־גרופע. פאראן פארטייען אידישע אין לאנד, וואס האבען דא נאך קלענערע צווייגעלעך. און כאטש צוליעב מיין כבוד וועגען האט עס מיט קיין גרויסער קאנקורענץ נים געשמעקט, פונדעסטוועגען האט זיך בלויז אן עולם פון א פופציג נפשות אויפגעקליבען, שוין אריינרעכענענ-דיג ביי א טוץ קליינע, שעהנע און קלוגע קינדערלעך, וואס האבען זיך זעהר שטארק אמוזירט ביי זייערע מאמעס אויף די הענט און הארציג געלאכט. בלויז א פאר קינדערלעך, אויך שעהנינקע און ליכטיגע, האבען נים אזוי גוט פערשטאנען דעם רעדנער און האבען זיך פערנאנדערגעוויינט.

זומער צייט קומען אהער אן זעהר פיעל זומער־געסט צום ים, פון וואנען ס'בלאזט שטענדיג א קיהלער ווינטעל. פאר מיר איז אבער דער חודש אפריל דא גענוג זומערדיג געווען, גענוג ליכטיג געווען. און די צובליהטע אליעאנדרעס, וואס אויף יעדען שריט און טריט, וועלען לאנג, לאנג אין זכרון מיינעם אויפהאלטען אט די שעהנע ליעבע שטעטעלע, וואס הייסט גאלוועסטאן און וואס האט נאך א צונאמען: "די שטאט פון אליעאנדרען".

אומעטיגע צייטען

שעה נאך שעה געהט פערביי. איך קען מיינע אויגען פון פענסטער ניט אבררייסען. די בליקען זיי ווערען ניט זאט מיט דער ליכטיגקייט וואס שטראמט פון אויבען און מיט די ליעבע, צארטע קאלירען, וואס גיסען זיך איבער דער ערד.

איך פאהר דורך טעקסעס; דער גרעסטער שטאט פונ׳ם לאנד, וואס ווי גאנץ דייטשלאנד איז ער גרויס. איך האב אנגעהויבען מיין רייזע פון ברעג ים; פונ׳ם ראנד פון לאנד און שטאט טעקסעס. פון גאלוועסטאן. און מיין וועג ציהט זיך צו צפון צו, אביסעל צו מערב געניינט. איך פאהר פון א פריהען זומער ארויס און וועל זיך ווידער צו א פערשפעטיגטען פריהלינג דערקלייבען. כ׳וויים, אז מארגען וועל איך אפשר שניי-פעלדער אין מיין וועג בעגעגענען; שלאקס-רעגענס קאלטע קענען אפשר שמייסען אין די פענסטער פון מיין וואגאן. היינט איז נאך אבער זומער. אגהויב זומער אויף גאט׳ס גרויסער און ברייטער וועלט דא ארום, וואס שפרייזט זיך אין דרום זייט פון טעקסעס.

די געגענד איז פלאך, עטוואס, וואו־ניט־וואו אביסעלע צו־קרימט. גרוילאך בלוילאך זעהן אוים די נאר־וואס צואקערטע פעל־דער און די פריש איבערגעקערטע גלייבע ערד שיינט מיט דעם פון געשליפענעם זילבער אבגלאנץ איך קען מיינע אויגען פון פענסטער ניט אבררייסען.

ס׳אי נאך ווייט פון האלבען טאג און ווער האט אזא שטרע־קע ערד שוין אזוי פריה צואקערט?

פון ווייטען בעוויזען זיך פינף פערד, שלעפען דעם דריי־פא־כיגען אקער און הינטער זיי יענער פלייסיגער פויער. דער צוג לויפט פערביי און איך זעה זיין פנים ניט.

ביים זייט גרינט א ווייצען פעלד; נאר וואס פון דער ערד ארויס דער גרינער גרעזעלע און די גרינקייט איז אזוי איידעל און

דורכזיכטיג מיט אליוועז-קאליר איבערגעגאסען. וואו די ערד האט זיך מעהר צום הימעל ארויסגעבויגען, העכער די ברוסט ארויסגע־שטעלט — דארט איז דער גראז העכער און די גרינקייט זיכערער און טיעפער.

עס ציהט זיך א קאקארוזע פעלד אוועק. נאר וואס פון דער ערד דער דרייערדיגער, פיערערדיגער, ברייטע גראז-בינטעלע זיך ארויסגעשלאגען. עס טוט א בלאז א ווינטעלע איבער זייערע שפי־צען און די אלע בינטעלעך גריניגקע בויגען זיך אהין וואו דער ווינט איז אנטלאפען געווארען. וואר־ניט-וואו א הויז אין פעלד. ניטא קיין שטאל. די בהמות זומערען און ווינטערען אונטער'ן פרייען הימעל. א סך ערד פערמאגט דא איין מענש און איין הויז פון דער אנדערער איז דעריבער ווייט. פון דער ערד אליין קוקט אזוי פיעל ליעבע, אזוי פיל געדולד ארויס:

— צו וואס אזא קליין שטיבעל האסטו דא אוועקגעשטעלט און פאר וואס נאר איינע? — דאכט זיך ווינקט די ערד.

— פאר וואס בלויז צוויי קינדערלעך האסטו נעבען שטוב און ניט אזא גרויסע מחנה ווי די הינדעלעך, וואס לויפען נאך דער מא־מע-הון? אלע, אלע קען איך דאך מפרנס זיין; אלע, אלע קען איך טראגען; אלע, אלע קענען זיך צוזאמ אנעסען...

און די ערד דא שמייכעלט מיט דעם אייגענעם שמייכעל ווי דארט אין ארגענטינע, די ווייטע לאנד, אויף ביים ברעג פון אט־לאנטיק. און די גרינע גראזען, וואס שלאגען זיך פון דער ערד ארויס שמייכלען און ווינקען מיט'ן אייגענעם חן, ווי דארט ווייט, אויף יענער זייט ים אין די פעלדער פון ליטא און פוילען... און דער עפעל וואס בליהט היינטער'ן פענסטער ביים פויער-הייזעל אטעמט מיט דעם אייגענעם שמעקענדיגען ריח, וואס דער עפעלבוים ערגעץ דארט אויף יענער זייט פון די שטיינערנע בערג, אויף יענער זייט, ביים ברעג פון ש ט י ל ע ן י ם.

ווייטער, ווייטער טראגט זיך דער צוג. מיט אמאל גאטס חסד האט זיך אבגעטאן פון א שטיק ערד. דער מענש האט זיך מיט זיין

צוטען ווילען צו איהר ניט דערנעהענטערט. עס האט איבער איהר די שליטה דער קארגער און טרוקענער ווינט.

אימיצער האט די גרויסע שטרעקע ערד אבגעקויפט. זעהר ביליג געקויפט. כמעט פאר אומזיסט אפשר געקראגען. אבער קיין ליעבע צו איהר האט ער ניט. קליין־געלט האט ער אויסגעגעבען און ער ווארט אז דערפון זאל גרויס־געלט ווערען. טיעפע זעק האט ער זיך אנגעגעהט פאר גאלדענע מטבעות אבער ניט פאר גאלדענע ווייץ און בריליאנטענע קארן. אט דאס פעלד בעלאנגט צו איהם; ער האט דעם קנין אויף דעם. האט ער עס מיט שטעכעדיגע דראטען ארומגעצאמט און אויף הפקר צום ווינט איבערגעגעבען. ער ווארט דארט און ווארט אין שטאט זיצענדיג, געניסענדיג דעם שטויב פון שטאט, ווארט ער אויף בעריכטען וואס קומען אן פון ווייטען צו איהם; וויפיעל איז דער מקח פון גאטס ערד געשטיגען. מיט וויפיעל קען שווערער זיין קעשענע ווערען? און דא אויפ׳ן פעלד וואקסען קאלטענעס־גראזען. גראבע גראזען. קומען פון דער ערד ארויס גראב און טרוקען; אפילו די קוה — גאט׳ס בעשעפעניש — קען זיי ניט צוקייען.

עס איז דערפאר, וואס די ערד האט מען נאך ניט צואקערט, און גאט האט נאך איבער די צואקערטע בראזנעם, זיין ברכה ניט געשיקט. עס איז דערפאר וואס קיין קערענדלעך האט נאך דער מענש מיט זיין האנט דא ניט געזעעט און מיט האפנונג דעם קערענדעל אין דער ערד אריין ניט בעגלייט. ערגעץ פון ווייטען האט דער ווינט אהער קערענדלעך געבראכט און געלאזט זיי פאלען אויף א ניט־צואקערט פעלד, אויף א ניט־געבענשטען גרונט. און עס וואקסען דא גראזען ווילדע, גראבע, פאר׳ן ווינט א שפיעל, פאר׳ן שטויב צום רוהען. עס קען גאט׳ס רעגען זיי ניט דערוואשען, זייער גרינקייט גרינער מאכען.

אט דאס גרעזעלע וואס איז פון א ווייץ אדער א קארען, אדער א נערשט און אפשר פון א האבער, וואס איז אין דער ערד געלעגען און בעקוואלען, אט די פרוכט וואס מענש און בהמה פיהלען אין דעם יערערער דעם טעם פון דער ערד — גיסט א רעגען וואשט ער

דעם גראז, מאכט זאט דער ערד און מאכט ליכטיג גרינען די גרעזעלעך און בלעטעלאך וואס שפרייטען זיך און וויקלען זיך ווייט, גאר ווייט אוועק ביז צו דעם ברעג פון די הימלען, מזרח, מערב, צפון און דרום. פון וואנען עס זעהען זיך איינציגע הייזלעך; וואו עס בעווייזען זיך רויטע פלעקען, רויטע קיה און קעלבער אויף דעם גרינעם, אויסגעשפרייטען גראזען-קלייד און בלעטער-געוועב...

ווייטער, ווייטער שניידט זיך דער וועג. א דערפעלע זיך בעוויזען, איין קלויסטערעל, איין שוהלע ארום וועלכער עס שווּיבלען קינדערלעך. איין קרעמעלע וואו מען פערקויפט אלץ און גאר ניט. איין האטעל, א שטאק הויך און דריי פענסטער ברייט. דער צוג שטעלט זיך אב. א סך מענער און איין פרוי, א מיידעל, קומען צום באהן ארויס, בעטראכטען מיט בליקען פרעמדלאך די מענשען וואס געהען אויף א רגע פון צוג ארויס. מענער ברייטע, מיט ברייטע העמט און פלייצעס. די מיידעל א שלאנקע, ווינטיג, און מיט אומעט איז איהר לעבען פול געווארען וויל באהגען געהן דא טאג און נאכט פערביי. און די מענער, יונגע, ברוינע פנים׳ער, קייען טאבאק און שפייען צו די רעדער פון אונזערע וואגאנעס. אט די איינע מיידעל אפשר מיט איהר ווינטיג און שארפע, דרייסטע בליקען, טיילט זי ליעבע צו די אלע מענער דא מיט די ברייטע העמט און פלייצעס און מיט ליעבע און מיט לוסט איז איהר הארץ נאך אלץ פול איבער די ראנדען. אפשר איינער פון די יונגען דא, וואס ברייט ערגעץ הינטער׳ן דערפעל טרינט שוין זיין פעלד, ער וועט אין די תבואות שפעטער זי בעגעגענען און זי וועט זיינע ווערען. וועט איהם א מאמע ווערען פריהער פון איין קינד און דערנאך פון א צווייטען; וועט זי איהרע בליקען אוועקנעהמען פון די באהנען וואס טראגען זיך דורך די גרינע פעלדער און לאזען א בענקעניש נאך זיך איבער; לאזען א קלעמעניש אין הארצען איבער. עס וועט זיך מעהר איהר הארץ פרעהען צום לאכען פון איהרע קינדער, אדער נחת שעפען הערענדיג דעם גערויש פון מילך-שטראמען אין גרויסען שעפעל אהיין ווען א יונג וועט די זאטע קיה איהרע מעלקען....

ווייטער, ווייטער טראָגט זיך דער צוג. דער טאָג איז שוין באַלד פערגאַנגען. די רעדער רוישען אַלץ טרוקען און טריקענער. עס ליגט אַ צייטונג נעבען מיינע פיס, אויף דער ערד אַראָבגעפאַלען. מיט גרויסע אותיות, שרעקליכע אותיות, רויטע און שוואַרצע, דער־צעהלט מען פון שרעקען, פון מלחמות אויף דער וועלט. א הונגער אויף דער וועלט. דאָ אין לאַנד איז אויך מלחמה. דאָ אין לאַנד איז אויך א הונגער...

—ווער קלערט עס אויס אַזעלכע שרעקען ווען אַלץ אַרום גרינט אַזוי שעהן?

מיט פרידען ווינקט דער בוים ווען אונזער צוג טראָגט זיך שנעל פערביי. אַזעלכע ברייטע וועלטען, אַזא רייכע ערד און הונגער נאָר זאָל הערשען!.. הונגער נאָר זאָל שרעקען...

אפשר דאָרט, די שטעט, די גרויסע שטעט — ווי רופט מען זיי דאָרט? שיקאַגאָ, ניו יאָרק און נאָך אַזעלכע שטעט אויף דער וועלט, וואָס פערגעסען האָב איך זייערע נעמען. זיי האָ־בען עס די מלחמות אויסגעקלערט און איצטער רופען זיי דעם הונ־גער אויך אַרויס. אָבער דאָ — וו'הייסט א הונגער?! קען דאָ הונגער נאָר א טריט וואו שטעלען. אַזוי פיעל קערענדלעך אין דער ערד בע־האַלטען האָבען זיי אָנגעקוואָלען און גרינען איצטער; אַזוי פיעל תבואות נאָך אין שפייכלערס פאַראַנען. עפּעל, באַרנעס וועלען פרי־שע באַלד שוין צייטיג זיין. צוויי חדשים; דריי חדשים. און וואָס איז דעם מענשענ'ס לעבען אין די רייכע רחבות'דיגע געגענדען?...

א אייביגער לעבען. אָהן סוף יאָהרען פון פריעדען דערצוויגענע.

איז אמת, אַז ערגעץ וואו איז איצט מלחמה? איז אמת, אַז ערגעץ וואו האָט מען די פערד פון אַקער אויסגעשפּאַנט, אין האַר־מאַטען איינגעשפּאַנט און טרייבען זיך איבער די נאָר וואָס אויפ־געגאַנגענע קאָרען און ווייצען־פעלדער, טרעטען און טויטען די מתנה פון גאָט, די ברויטען וואָס וואַקסען פון דער ערד אַרויס?

אָט איז דער צוג שוין ווידער שטעהן געבליבען, מענשען, א געזומעל אויפ'ן סטאַנציע זיך פערזאַמעלט. א יונג, א שעהנער בע־

זעגענט זיך מיט׳ן עולם. הריי מיידלעך, צוויי שוועסטער אין איהם געראָטען און איינע א פרעמדע. די מאמע אין מיטען. איין מיידעל א פרעמדע און דאָך וויינט זי צום שטארקסטען. עס וויינט אין דער שטיל די מאמע, עס בייסען די ליפען און שלינגען די טרערען די צוויי שוועסטער, ס׳ווישען די אויגען געזונטע מענער ארום, ס׳גע־זעגענט זיך דער יונג, בייסט די ליפען. און עס ציטערט זיין פנים פון געוויין. עס ריהרט זיך דער צוג מיט׳ן יונג. עס ציטערען די פנים׳ער, עס פליסען די טרערען, עס וויינען דריי מיידלאך און א מאמע אין מיטען...

א מלחמה... מען רופט איהם אין מלחמה אריין. עס רופט די שטאָט. די שטאָט, וואָס האָט דעם ריח פון גראָז אויף רויך פון פאבריק פערביטען, זי רופט די יונגען פון פעלד אין מלחמה אריין...

עס פאלט צו די נאכט. ניטאָ וואָס צו זעהן דורך די פענסטער. עס לייכטען די עלעקטרישע לעמפלעך פון אויבען. די רעדער רוי־שען איצטער נאָך שטארקער. דער גערויש פון די רעדער איז טרו־קען און פרעך, פון שטאָט קומט ער דער שטאָלענער קלאנג וואָס הערשט איבער דער וועלט. איך פערמאך די אויגען און וויל דער טאָג זאָל זיך צו מיר אומקעהרען, כ׳וויל נאָך אמאָל די גרינע פעלדער זעהען און מיט דעם גרויסען פרידען, וואָס הערשט איבער זיי נאָך אמאָל מיין הארץ אָנזעטיגען און בערוהיגען, אָבער פאר די אויגען קומען ארויס יענע דריי מיידלאך און די מאַ־מע אין מיטען, וואָס קלאָגען און וויינען און... — — — — — — —

ס׳איז ניט קיין חלום, ס׳איז אויך ניט די ווירקליכקייט. ס׳איז בלויז דאָס לעבען צווישען ט ו י ט א ו ן ל ע ב ע ן.

דענווער

יעדעס לאנד האט זיך איין שטאט וואס אלע ווייסען איהר נאמען; וואס יעדער איינציגער וואלט דארט וועלען אמאל אין לעבען זיין, פאהרען אהין ניט פון געשעפטען וועגען נאר אזוי זיך — בעסער פיהלען, שעהנער לעבען, זיך ארויסצוטאן פון דער אלטעגליכער גרויקייט.

צו דעם סארט שטעט דא אין לאנד געהער ד ע נ ו ו ע ר, וואס ביים שוועל פון קאלאראד-בערג.

די שטאט ליגט פינף טויזענד פוס הויך, אויפ'ן מיטען וועג פון אטלאנטיק צום פאסיפיק. מיט דעם נאמען דענווער אויף די ליפען פאהרט יעדערער פון זיין היים ארויס, אויב זיין געדאנק איז דאס לאנד דורכצושניידען.

און דער דענווערער אליין — ניטא קיין געגוג צערטליכקייטען און איידעלע ווערטער מיט וועלכע ער זאל ניט דערמאנען דעם נאמען דענווער. ווען איך שרייב די ווערטער געפין איך מיר שוין ביי פינף און זיבעציג מייל ווייט פון דענווער און א סך העכער אין די בערג און מיינע געדאנקען זיינען נאך מיט די לעצטע פאר טעג מיינע אין דענווער.

ווארים אין ערגעץ, דאכט זיך מיר, האב איך זיך ניט אנגע־זעטיגט אזוי געגוג מיט ליכטיגקייט ווי אין די לעצטע טעג דא אין דענווער. דאכט מיר, אז אין ערגעץ דא אין לאנד איז די ליכ־טיגקייט ניט אזוי ברייט, אזוי קלינגענדיג ווי ארום דענווער. מיר האט זיך צייטענווייז אויסגעוויזען, אז די ליכטיגקייט ארום דענ־ווער קלינגט מיט מיליאנען ליכטיגע גלאקען און די קלאנגען גי־סען זיך אין געשטאלט פון זונענשטראלען. די קאלאראדער בערג שליסען זיך האנט-ביי-האנט ביי די ווענט פון דער שטאט. די שעה־נע, זוניגע טעג, וואס זיינען אויסגעפאלען אויף מיין גורל, האבען די בערג נאר נאהענטער צום שטאט דערנעהענטערט און צייטענ־

ווייז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט: אַט באַלד קומען זיי, די בערג אַריין, אין שטאָט אריין, מיט דעם שניי אויפ'ן קאַרק און וועלען אין די פענסטער, אין די הייזער אריינקוקען. וואָרים די גרויסע ליכטיגקייט מאַכט די בערג אויסזעהען צייטענווייז אזוי גרינג, אזוי נאָהענט, אזוי האַרציג בעפריינדעט, כאָטש גיט זיך צונויף מיט זיי אינאיינעם; כאָטש ווער א טייל פון זיי און טראָג אין מיטען זומער דעם קלאָרען שניי אויפ'ן קאָפּ.

מיט פינף טויזענד פוס איז דענוועך נאָהענטער צו די הימלען ווי ניו יאָרק. און מיט זונענשיין קענט איהר זיך דאָ אזוי אָנ־טרינקען, אזש פון די אויגען זאָלען שטראַלען שיסען.

אבער צו גרוים אביסעל איז דענוועך. צו גרוים; אזוי אַמווע־ניגסטען דאכט זיך מיר אויס. פאר א שטאָט וואָס טוליעט זיך צו־פוסענס די פעלזען־בערג איז צופיעל דריטהאלבען הונדערט טוי־זענד איינוואוינער. צוויי הונדערט פופציג טויזענד מענשען־קינ־דער. איך וואָלט אָבער דער שטאָט ניט גערופען מיט'ן נאָמען דענ־ווער נאָר — האָפנונג.

ווייל נאָר די האָפנונג האָט אהער אזוי פיעל מענשען גע־בראַכט. כ'מיין ניט די וואָס טראָגען זיך דאָ דורך ווי דער ווינט, אויפ'ן וועג צום שטילען ים. כ'בין אויסען די וואָס זיינען אהער געקומען און ווי מיט א מאַגנעט האָט עס זיי צוגעצויגען צו די פיס פון די בערג. אָט דער ברוינער גרונט דאָ ציהט די מענשען צו זיך כאָטש טרוקען, זעהר טרוקען איז ער. אָט די פעלזען־בערג וואָס טראָגען שניי אויף זייער קאַרק ווינקען און כשופ'ן פון ווייטען. דורך זייער כשוף האָט זיך די שטאָט דענוועך אויסגעבוים.

"...קומט אהער — ווינקען די בערג — קומט אהער און זעהט וואָס מיר טראָגען אין אונזער טיפעניש! דאָס שעהנסטע, דאָס טייערסטע פון וואָס איהר מענשען־קינדער, חלום'ט טאָג און נאכט. זילבער, גאָלד און איידעלע שטיינער; קוילען, קופּער, צין און בליי. מיליאָנען דורות טראָגען מיר עס ביי זיך אין דער טיפעניש; מיליאָנען דורות היטען מיר עס שוין אויף. קומט און טיילט זיך

מיט אונזער פערמעגען. מיר וועלען פאר זיך לאָזען דעם שניי וואָס וועט אין הייסען זומער בלאנקען פון ווייטען אויף אונזערע שפּי-צען און איהר גראָבט זיך ביי אונז צופוסענס. גראָבט זיך וואָס טיעפער, וואָס טיעפער און קלייבט פון אונזערע אוצרות ארויס אלץ וואָס איהר קענט נאָר דערגרייכען אייער פערלאנג צו בעפריעדיגען. היט זיך אָבער ווען איהר טהוט עס. וואָרים צו גליק איז דאָ אומ-גליק א ברודער. זיי זיינען א צווילינג, געהען צוזאַמען און דאָרטען קענט איהר זיי ביידען בעגעגענען...״

אזוי האָבען די בערג מיט דעם שניי אויפ'ן קאָרק געוואונקען און געוואונקען. בעמערקט האָבען עס מענשען בראווע, מענשען דרייסטע, מענשען וואָס האָבען זיך ליעב מיט'ן לעבען בעגעגענען ביים שוועל פון טויט, ביים טויער פון אייביגען לעבען. אהער האָ-בען זיך געצויגען מענשען וואָס ווערען ניט זאט מיט די געוועהנ-ליכע טעג אונטער געוועהנליכע הימלען; הימלען וואָס שפּרייטען זיך איבער א פּשוט'ען לעבען אין דער נידער, איבער'ן טאָל. אהער האָבען זיך געצויגען די זוכער פון גליק און האָבען אין איילעניש אויסגעלעגט ביים צופוסענס פון די בערג א שטאָט, וואָס האָט פאר זיי בעדארפט בלויז פאר א נאכטלעגער דיענען. א סך פון יענע בראווע, פלינקע, מענשען נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אין די בערג בעגעגענט מיט דעם גלאַנץ פון גאָלד — האָבען זיי אויפגעעפענט זייערע אָדערען און פערבונדען זיי מיט די גאָלד־אָדערען וואָס אין די בערג. גאָלד האָט אין זייערע אָדערען, אין זייער בלוט אריינ-געשטראָמט און זיי זיינען שווער געוואָרען; האָבען זיך פאר שווער-קייט פון די בערג אראָבגעגליטשט. איצטער זיצען זיי אין שטאָט און זייערע מ ע נ ש ע ן, געדונגענע, פרייע־קנעכט טהוען פאר זיי זייער ארבייט אין די בערג. זייערע געדונגענע מענשען גראָבען זיך אלץ טיעפער און טיעפער אריין אין די פונדאמענטען פון די בערג, וואו גאָלד-אָדערען, זילבער-אָדערען, קופער און קויל־אָדערען פלעכטען זיך ארויס פון הארצען פון די בערג און צולויפען זיך אויף אלע זייטען לענג און ברייט, הויך און נידעריג.

ניט די וואָס פערקויפען דאָ צאצקעס פאר טוריסטען זיינען עס דאָס הארץ און נשמה פון דער שטאָט. ניט זיי האָבען זייער לעבען פערקניפט מיט די אוצרות־סודות פון די בערג. דער ריכטיגער גייסט פון דער געגענד דאָ שפּיעלט זיך אָב אין די איינצעלנע, גאנץ בעשיידענע הייזער וואו אין א פענסטער ליגען זיך גאנץ שטיל און בעשיידען אויסגעלעגט שטיקלעך מינעראלען; גאָלד־רודע, זילבער־רודע און מיט קליינע נומערלעך פערצייכענט מיט קליינע, שטילע אויפשריפטען — אין וואָס פאר א מינע מען האָט עס געפונען פון וואָס פאר א טייל בארג מען האָט עס ארויסגעפונען.

אָט די אַלע שטיקלעך רודע אין די פענסטער זיי זיינען עס די אָנזאָגער פון גרוים גליק; זיי ווינקען צו מענשען ריזיקאנטען, זיי זאָלען זייער שיקזאל מיט די קאלאראדער בערג פערבינדען.

אָבער ניט אַלע, וואָס האָבען זייער לעבען מיט די סודות פון די בערג פערבונדען האָבען אין זייער לעבען מיט גליק זיך בעגעגנט. די האָפנונג האָט זיי פערפיהרט און צוריק אויף דעם פשוט׳ען לעבענס־וועג ניט אומגעקעהרט...

פאראנען אָבער נאָך אנאנדער עולם וואָס ציהט זיך אהער. אנאנדער מין מענש, וואָס ניט דער גלאנץ פון גאָלד און דער קלאנג פון קופּער ציהט איהם אהער. נאָר די שעהנע, ליכטיגע זומער־טעג, די בלוי־בלויע הימלען ווינקען און כשופ׳ען צו איהם פון וויי־טען; מאכען אז דער נאָמען ד ע נ ו ו ע ר זאָל קלינגען מיט האָפנונג און לעבען.

קיין דענווער קומט אויף דער עולם, וואָס האָט ערגעץ אין די גרויסע שטעט זיצענדיג געבויגען ביי א שטעפּ־מאשין, אדער וויקלענדיג סיגארען, אָדער טרינקענדיג צופיעל פון דעם לעבענס־בעכער, אדער — גאָר אפשר אמאָל ניט דערעסענדיג און פון צו־פיעל זאָרג, אָט אַלע, אַלע, דאָ און דאָרט, וואָס האָבען פּלוצלונג אין לעבען זייערע צולעכערטע לונגען דערשפּירט; און פונקט אין פריהלינג ווען די פעלדער ציהרען זיך און גרינען, פארבט זיך זייער לעבען רויט, פארבט זיך זייער לעבען מיט זייער אייגען בלוט — אט

די אלע ציהען זיך אהער. ניט צום בלישטש פון גאָלד נאָר — צום ליכטיגען טאָג, צו די קלינגענדיגע זונענשטראַלען.

דענוועך איז פאַר א י י נ ע ר א אָרט וואו זי קומט העל־פון דעם מ אַ ן טראָגען זיך אין גאַלאָפּ אויפ'ן וועג פון גליק, און פאַר איינער — א שטילער ווינקעל וואו זיך אויסצוהוסטען און אויסוויינען און מיט שרעק פאַרנעהמען צום קלאַפּען פון איינגענעם האַרצען.

כ'האָב געזעהען ערנסטע פערטראַכטע לייט אומגעהענדיג צווי שען די בערג, אין די מינען־געגענדען, בעטראַכטענדיג די בערג־רודע, וואָס איז פון דער מינע אַרויסגעפיהרט געוואָרען און זייערע מחשבות האָבען זיך אלץ טיעפער און טיעפער אין באַרג אריין גע־גראָבען...

און איך האָב געזעהען אזעלכע מיט איינגעפאַלענע באַקען און וואָס א פייער האָט אין דער איינגעצויגענער הויט געשפּיעלט און מיט א ווידער דורשטיגקייט האָבען זיי די ליכטיגקייט געשלונגען; געוואָלט דעם גאַנצען ליכטיגען טאָג אין זיך אריינזאַפּען. אהער קומען מענשען, וואָס זייער לעבען איז ווי א קריסטאַלענער לייכטער אויף דר'ערד געפאַלען און אויף פיצלעך זיך צעשפּליטערט און זיי לאָזען זיך קלייבען די שפּליטערס, ווילען דעם לייכטער גאַנץ מאַכען און ווידער איהם אָנצינדען און פון זיין ליכטיגקייט געני־סען.

און זעהר פיעל וואָס האָבען געוואָלט מיט זונען־שטראַהלען זייער האַרץ היילען, די לונגען פערצירעוועט, די וואונדען פערוועבען, זיינען אהער געקומען און אונטער די בלויע הימלען דאָ האָט זיך זייער לעבען אויפ'ס ניי אָנגעהויבען, זיכער און רוהיג, און אנ־שטאָט דעם וועהטאָג אין האַרצען האָט זיך צו זיי אין זייער גאַנ־צען וועזען אריין פערקליבען א שעהנע ליכטיגע ליעבע צו די פעל־זען בערג דאָ, וואָס טראָגען דעם שניי אויף זייערע קעפּ אין די הייסע תמוז־טעג...

פאַראַן דאָ אין לאַנד א שורה שטעט וואָס ליגען ביים בּרעג

פון אטלאנטיק; פאראן אויך שטעט ביים ברעג פון שטילען ים. די מענשען וואס ביים מזרח־ראנד פון לאנד בענקען צום ווייטען מערב. און די פון דער שעהנער ווייטער וועסט בענקען און ציהען זיך צו די ברעגעס פון אטלאנטיק. טאג־איין טאג־אויס פיהרען די באהנען אויסגעפוצטע לייט, וואס מיט א נערוועזער נייגעריגקייט אין זייער וועזען; פון מזרח קיין מערב און פון מערב קיין מזרח ציהען זיי און דענוועער איז דער מיטעלפונקט פון לאנד וואו די לייט וואס פערבינדען דעם אטלאנטיק מיט'ן פאסיפיק, שטעלען זיך אב צו רוהען. יעדער טראגט דעם נאמען דענווער אויף זיינע ליפען פון דער היים ארויספאהרענדיג. סיי די קינדער פון דער גאלדענער וועסט, סיי די קינדער פון דער שטאל־און־שטיינערנער איסט שטייגען דא אויס און מיט אזא נאאיווער, קינדערשער נייגעריגקייט בעטראכטען זיי אלע וואס די שטאט פערמאגט. און כאטש די שטאט פערמאגט אליין גאר ניט אויסער זונענשטראלען, בלויע הימלען און די בערג וואס שליסען זיך האנט אין האנט ביי די גרענעצען פון דער שטאט, דאך איז פאר די פרעמדע דער נאמען דענווער שעהן און דערהויבען.

זיי לאזען זיך פיהרען דורך די גאסען דורך פיהרער, וואס מא־כען אן ערנסטע מינע און רעדען פון יעדער קלייניגקייט מיט דעם טאן פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. כאטש די הייזער זיינען גרוי און נאקעט, די גאסען ווי אלע גאסען פון א ניט־שעהנער שטאט, און דאך בעמערקט איהר ווי די אלע פרעמדע קוקען מיט אויגען פון פערליעבטע צו יעדען איינפאכען בגין וואס קומט זיי אן אין זייער וועג.

זיי זיינען פערליעבט און, ווי קליינע קינדער קויפען זיי זיך איין סואוועניר, צאצקעס קינדערשע, מיט דעם אויפשריפט "דענ־ווער"...

די בערג און די ליכטיגע טעג האבען א כשוף אבגעטאן די

קינדער פון דעם לאנד און אין זייערע כשוף־נעצעץ זעהט אויס בין איך אויך געפאנגען...

שטיין־קויהלען

מען הערט זיך אן פיעל מעשיות פון דעם לעבען אונטער דער ערד; ניט וועגען ווערעם, וואס לעבען אין דר'ערד, נאר איבער מענשען וואס פערברענגען אונטער דער ערד די ט ע ג פון זייער לעבען. גאלד־זוכער, קויהלען־גרעבער. מען לייענט פון די אומגליקען, קאטאסטראפעס, וואס טרעפען מיט די מענשען, וואס לאזען זיך אוועק אונטער דער ערד — ניט גליק זוכען, נאר איינפאך זייער ברויט צו פערדיענען; ארבייטער, וואס ארבייטען אב זייער טאג און בעקומען די ארימע, בעשיידענע שכירות.

אמאל פרעגט מען קשיות רעדענדיג וועגען אזוינע זאכען און מען נעפינט פאר זיך גלייך אן ענטפער. מען פרעגט:

— פאר וואס געפעלט גראדע אט די מענשען צו ארבייטען א ו נ ט ע ר דער ערד ווען מען קען ווי ס'איז ברויט פערדינען אויף דער ערד, אונטער'ן הימעל?

און מען ענטפערט:

— אימיצער מוז דאך טאן אט די אלע געפעהרליכע און אונאנגענעהמע מלאכות; אימיצער מוז דאך צושטעלען גאלד פאר דער וועלט, זילבער, קופער, אייזען, צין; און ווער זאגט נאך אזא נויטיגען ארטיקעל ווי שטיין־קויהלען, וואס אהן דעם קען מען גאר אין דער גרויסער שטאט ניט אויסקומען....

מיר איז אויסגעקומען גאנץ אפט צו הערען פון מענשען, אז אט די אלע לייט וואס לעבען אב זייערע טעג אונטער דער ערד פיהלען זיך בעסער פון זייערע קאמעראדען, וואס ארבייטען שווער און בימער א ו י ף דער ערד. קויהלען־גרעבער ליעבען די לופט

אונטער דער ערד, ווייל די טעמפעראטור איז שטענדיג א גלייכע.

אפשר. נאר, אז איך האב מיך דערשפירט א מייל טיעף אונטער דר'ערד, צווישען ענגע קויהלען-ווענט און נידעריגען קויהלען־געוועלב איבער מיין קאפ, האב איך דעמאלט אינגאנצען פערגעסען צו קלערען ווי אזוי ס'פיהלט דער סלאוו, נעגער אדער איטאליענער — כהאב זיך בלויז איבערגעגעבען מיינע אייגענע געפיהלען און איבערלעבונגען. אינגאנצען איין מייל אונטער דער ערד פערבראכט, און בלויז צוויי שעה, און דאך, שוין באלד דריי טעג, אז ס'איז געשעהען און כמעט יעדער ווייל קעהרען זיך אום צו מיר יענע איבערלעבונגען אין קוילען־גרוב, איין מייל אונטער דער ערד.

איך מוז מיר גאנץ פשוט מודה זיין, אז ווען מען האט מיר אנגעטאן א ספעציעלע היטעל מיט א שווערען לעמפעל אויף מיין שטערען, אט די אייגענע לעמפעלך, וואס די קויהלען־גרעבער טראגען אויף זייער שטערען, צו בעלייכטען דעם פלעק וואו זיי שטעהען און וואו זיי בעדארפען מיט'ן שפיציגען האמער דערלאנגען — אז כ'האב דערפיהלט אט די היטעל אויפ'ן קאפ, האט זיך מיר עפעס אין הארצען אבגעריסען, א סקרוך איז מיר דורכגעלאפען דורך מיין גאנץ לייב און באלד האב איך דערשפירט, אז פון דער פרעמדער היטעל קומט אזא טעמפע רוהיגקייט און קלייבט זיך אריין אין מיין מוח. איך בין געגאנגען צום מייל פון דער קויהלען־מינע מיט דער אייגענער „פעסטקייט", וואס דער העלד ביים צאהן־דאקטאר בעת ער עפענט דאס מויל, דער רופא זאל איהם א צאהן רייסען. און אפשר איז עס א קליינער טהייל פון דער רוהיגקייט וואס בעהערשט דעם פער'משפט'ען ווען ער ווערט געפיהרט צו דער תליה אדער עלעקטריק שטוהל.

און איך גלויב, אז יעדער נייער קויהלען־גרעבער ווען ער בעדארף זיך צום ערשטען מאל אראבלאזען אונטער דער ערד איז פון אזא געפיהל ארומגעכאפט. וואס מען פיהלט טיעף אונטער דער ערד איז שוין עפעס אנדערש. דארט איז מען אנאנדער בעשעפעניש. דארטען איז רוהיג, שטיל. אפשר אביסעל צו שטיל צייטענווייז,

און א ביסעל צו רוהיג...

מיט מיין לעמפעל אויפ'ן שטערען, האָב איך זיך אריינגעזועצט אין איינעם פון די קליינע פלאכע וואַגאָנעלאך, וואָס זיינען אָנגעלאָדענע מיט קויהלען פון אונטער דער ערד ארויסגעשלעפט געוואָרען, מיט דעם כח פון פארע וואָס די ריעזיגע קעסלען בעשאפען ניט ווייט פון מויל. כ'האָב מיר אינ'ם קוילען שטויב אריינגעזועצט, דעם קאָפּ איינגעבויגען צו די קניה. נאָך דעם ווי די גאַנצע קויהלען איז געוועזן אויסגעלאָדען, אַלץ פארטיג, האָט זיך דער צוג פון אָרט א ריס געטאָן און מיט א טרוקענעם גערויש זיך אַוועקגעקייקעלט אין בארג אריין, אַלץ טיעפער, ווייטער, ווי א פייל פון בויגען, האָבען זיך די וואַגאָנעלאָך געטראָגען דורכ'ן שמאָלען, פינסטערען טונעל. אזוי איינגעבויגען אין דרייען, אז כ'זאָל דעם קאָפּ ניט צושמעטערען אין דעם קוילען־געוועלב, האָב איך אָנגעהויבען צו שפירען דעם גרויסען בארג וואָס איבער מיר. וואָס ווייטער און טיעפער איך בין אונטערן בארג געקומען, אַלץ קלענער און קלענער האָב איך מיך דערשפירט אזש קליין און נישטיג ווי אָט דער רעגענוואָרעם האָב איך מיך דערשפירט.

די וואַגאָנעס זיינען מיט אמאָל שטעהן געבליבען. דאָ איז דער הויפּט פונקט פון וואַנען די וועגען צולויפען זיך אויף אַלע זייטען. פון דאַנען האָב איך מיר גענומען לאָזען צופוס. מיין בעגלייטער וואָרענט מיר כ'זאָל זיך היטען דעם קאָפּ ניט צושלאָגען. דער טונעל איז נידריג און ס'קומט אויס צו געהן כסדר איינגעבויגען, אונטען צווישען די שמאָלע רעלסען פאר וואַגאָנעלעך וואָס ווערען מיט מויל־אייזלען געשלעפט. כ'בין א ווײלע געבליבען שטעהן און זיך אָנגעהויבען צוצוהערען צו אַלץ ארום. שטיל. אן אונטערערדישעם שטילקיים. איך האָב געקענט הערען דעם וועלט־גערויש, וואָס געהט ארויס פון מיין קאָפּ דורך די אויערען. די לופט ווערט אהער פון דרויסען געטריבען דורך מאשינען. מען שפירט ניט אז דאָ איז ווינציג לופט. איין זאַך אָבער איז מיר געוועזן קשה'דיג: פאר וואָס שלאָגט א פארע פון מיין מויל אנטקעגען ליכט פון מיין לעמפּעל,

גלייך ווי אין ווינטער, און מיין העמד קלעפט זיך מיר צום לייב, כאטש כ׳בין ניט פון די שוויצער?

באלד האב איך אנגעהויבן צו פערנעהמען פון דער שטיל־קייט אזעלכע געהיימניספולע גערוישען.

— וואס רוישט עס אזוי ווי א וואסער ערגעץ ווייט?

— דאס הערט מען ווי די לופט קומט אן אין די זייטיגע קא־מערען.

— וואס קנאקט עס אזוי אין די ווענט, גלייך ווי איםיצער ברעכט האלץ אויפ׳ן קניה?

— דאס דריקט די משא אויף די ווענט; שטיקער קוילען־שפע־נער פלאצען אב פון די ווענט. ניט קיין געפאהר.

מיט אמאל האבען זיך דערהערט טריט פון פערד און גע־רויש פון אייזערנע רעדער האט זיך געלאזט פיהלען אין די רעלסען ביי מיינע פיס.

— וואס איז עס?

— דאס קומען אן מויל־אייזלען, זיי פיהרען ארויס קויהלען צום צענטער. לאמיר זיך בעהאלטען ווארים דער וועג איז דא שמאל און דער וואגאן קען אין אונז פערטשעפען.

מיט א הונדערט טריט ווייטער איז געווען א לאך אין וואנט, ווי א גרויסער אויווען, און כ׳האב מיך אהין אריינגערוקט; די פיס אונטער זיך און בעלויכטען מיט מיין לעמפעלע נעבען מיר, זיץ ביי־זייט, מיין בעגלייטער, אויך א קויהלען־גרעבער, וואס איז דער־הויבען געווארען צו א העכערער מדרגה.

אזוי אין הייל זיצענדיג און צוהערענדיג זיך צום גערויש פון ווייטען, האב איך געוואלט פרעגען מיין בעגלייטער, ווי אזוי עס פיהלען זיך קויהלען־גרעבער לעבענדיג אט אזא לעבען? כ׳האב אבער ביים שיין פון לעמפעל דערזעהען זיין פנים, וואס איז נא־הענט צו מיין פנים אויסגעקומען און כ׳האב פערשפארט צו פרעגען. ווארים ווען ער ענטפערט מיר ווי דער שטייגער דא: אָ ל ל־ ר י י ט! וואלט איך דאך איהם סיי ווי ניט געגלויבט.

צוויי מויל־אייזלען זיינען אָנגעקומען, לויפענדיג אונטער דעם קנאַק פון א בייטש שלעפענדיג א וואַגאָן קויהלען. מיט דער בייטש קנאַקט א געשטאַלט פון א מענש וואָס שטעהט ביי דער הינטער־שטער טייל פון וואַגאַנעלע. ביים שוואַכען שיין האָב איך בעמערקט ווי די מויל־אייזלען בויגען איין זייער רוקען אין דער העלפט, ניט אָבצושלאָגען זיך אָן דעם טונעל־געוועלב און אזוי איינגעבויגענער־הייד זיינען זיי פערבייגעלאָפען און פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש. מערקווירדיג ווי נאָך פון דער ווייטענס האָב איך בעמערקט ווי די אויגען האָבען ביי זיי געברענט ווי ביי א קאַץ אין דער פינסטערניש. מען זאָגט, אז זיי ווערען דאָ בלינד אין די שאַכטעס. ביים שיין פון לעמפעל האָב איך נאָך א זאַך בעמערקט, אז די מויל־אייזלען האָבען זעהר א געזונטען און פעטטען אויסזעהן כאָטש זיי קומט אוים צו שלעפען די משא איינגעבויגענערהייד און ס'האָט מיר געוואונדערט פאר וואָס מיין בעגלייטער האָט אזעלכע איינגעצויגענע באַקען...

מיר האָבען זיך אוועקגעלאָזען ווייטער צופוס. וועגען און הינטער־וועגען. הויפט גאַסען און זייטיגע קאַמערען. מיט א סדר צושניטען און צומאַסטען און כסדר די סאָלידע קויהלען־ווענט. אויף די ווינקלען אויפשריפטען, נומערען פון די גאַסען. די קויהלען־ווענט גלאַנצען און פינקלען מיט זייער שווארצקייט אנטקעגען דעם שיין וואָס אויף מיין שטערען.

ס'הויבען זיך אָן צו דערהערען איינציגע קלעפּ. מיט שפּיציגע האַמערס האַקט מען ערגעץ אין וואַנט. ווייט גאָר ווייט איז עס נאָך. דאָרט, אין דער ווייטקייט וויגט זיך א רויטליכער שוואכער שיין. אין דעם שיין וויגען זיך צוויי שאָטענס פון מענשען. מיינע אויגען האָבען זיך צוגעוואוינט צו דער טונקעלקייט און כ'זעה גאַנץ גוט פון ווייטען. דאכט זיך מיר, אז מיין לעמפעל אויפ'ן שטערען איז מיר איבעריג. איך קום אַלץ נאָהענטער צו די שאָטענס וואָס בעוועגען זיך און ווארפען דעם רויטליכען שיין פון זיך און — זיי בעקומען א ממשות. מענשען. דאָס זיינען צוויי קויהלען־גרעבער ביי

דער ארבייט. צוויי-וויין, צוויי-וויין, גנעפינען זיי זיך ביי זייער ארבייט יעדער אין זיין גאס, ביים עק גאס, מיט'ן פנים צום וואנט און האקען, און האקען די סאלידע קויהלען-וואנט און מאכען דעם טונעל אלץ טיעפער...

— העלאו!

זיי ענטפערען שטיל. לאזען אראב זייערע שפיציגע האמערס, קערען אב זייערע פנים'ר צו אונז קוקען און שמייכלען. די פנים'ר שווארץ. בלויז וואו דער טראפען שווייס האט זיך אראבגעקייקעלט איז געלבלאך. מיר האכט זיך, אז אט די צוויי מענשען האבען גאר קיין שום שייכות ניט מיט די אלע וואס לעבען אויף דער ערד. דאכט זיך, אז קיין מאל וועלען זיי די ליכטייקייט פון טאג ניט זעהן. זיי זיינען פון בייזע רוחות פערשאלטען געווארען און פער־משפט געווארען אזוי דעם גאנצען לעבען צו שטעהן מיט'ן פנים צו דער שווארצער קויהלען־וואנט און מיט שפיציגע האמערס האקען, האקען; אלץ טיעפער און אלץ לענגער דעם פינסטערען אונטער־ערדישען וועג מאכען.

מיין בעגלייטער אבער פרעגט זיי — וויפיעל זיי האבען געב־טען געמאכט? און איינער ענטפערט:

— אכט דאלאר. צו פיער דאלאר אויף א מענשען.

די אילוזיע ווערט פערשוואונדען. עס זעהט אויס, אז זיי הא־בען דאך א שייכות מיט אונזער וועלט. ד א ל א ר ס פ י ע ר, א כ ט. ס'אי דאך די שפראך פון מענשען אויף דער ערד. די שפראך פון אונזער לעבען. זיי זיינען פערדונגענע דא. ניט קיין פער משפט'ע, זיי ארבייטען און קריגען בעצאהלט פאר זייער ארבייט. ניט קיין פערשאלטענע. פרייוויליגע.

טא פאר וואס אבער זעהען דא אויס די מויל-אייזלען אזוי פעסט און אזוי געזונט, און די מענשען, פרייוויליגע, אזוי איינגע־צויגען און אויסגעדארט? ס'רינט דער שווייס פון פנים, א שווא־צער שווייס אויסגעמישט מיט'ן קויהלען-שטויב און ער רינט אראב ביז צום אויסגעצויגענעם האלז. דער שווייס־טראפען קייקעלט זיך

און ווערט פערשוואונדען אונטער די קליידער און דארט געווים בע־
נגענט ער זיך מיט נאך שוויים־טראפענס. שוין ניט אזוי ברודיג,—
אבער פון דעם אייגענעם לייב ארויסגעקומענע... פאר וואס?

דאכט זיך יונגע מענשען גאר, און דאך זעהען זיי אוים דורות־
אלט; אט ווי דער בארג וואס איבער אונז — אזוי אלט....

— ארבייט, ארבייט; א שאד די צייט. איהר ארבייט דאך פון
טאג.

און זיי זיינען אין זייער געדאנק מסכים דערצו. נעהמען זיך צו
דער ארבייט. איינער הויבט אויף זיין שפיציגען האמער און הויבט
אן צו האקען אויטאמאטיש אין דער נידער, נעבען זיינע טריט האקט
ער אלץ טיעפער און טיעפער דעם שפיציגען האמער אין וואנט
אריין. דער אנדערער נעהמט א לאנגען ענבויער, וואס האט פון דער
אנדערער זייט אזא אויסגעבויגענעם, ברייטליכען אנלען פאר'ן
ברוסט. און ווען ער שטעלט צו דעם שפיץ פון בויער צום וואנט
שפארט ער אן זיין מאגערע, ביינערדיגע ברוסט אן דעם אנלען,
דריקט פעסטער, פעסטער הרעהענדיג דעם בויער אין וואנט אריין,
בויערענדיג אלץ טיעפער און טיעפער די לאך אין דער שווארצער
קויהלען־וואנט. אז ער וועט מיט זיין ברוסט און עגבויער גענוג
טיעפע לעכער מאכען, וועט ער דערנאך זיי מיט פולווער אנפילען,
אונטערצינדען דעם קנויטעל, אנטלויפען, זיך אין א ווינקעל בעהאל־
טען אוןווארטען ביז עס וועט אויפרייסען...

פון זייער ארבייט ווערט דער קויהלען־שטויב געדיכטער און
ער ווירבעלט זיך ביים שיין וואס שלאגט פון מיין שטערען־לעמ־
פעל. איך שפיר, אז איך האב איהם דעם שטויב אין מיין גאנצען
וועזען. פון מיינע לונגען צוגעהט ער זיך אין אלע ווינקעלעך פון
מיין זינדיגען גוף און ער בעשאפט עפעס א מין טרוקענעם געראוש
אין מיר...

מיין בעגלייטער דערמאנט מיך, אפשר איז שוין צייט פאר
מיר ארויסצוגעהן פון דאנען און איך — איך פערשטעה זעהר
שלעכט זיין מיין. וואוהין בעדארף איך געהן?

אײנגאנצען א פּאָר שעה פֿארבראכט און כ'שפּיר, אז צווישען מיר און דער וועלט, וואָס כ'האָב מיט א פּאָר שעה צוריק פֿערלאָזען, הערשט שוין עפּעס א מין פֿרעמדקײט. וואָס וועל איך דאָרט טהאָן?

דער ערשטער מענש, וואָס וועט מיך בעגעגענען, וועט בעמערקען מײן פֿערמורזעט פּנים און וועט געוויס פֿרעגען:

— געוועזן אין א קויהלען־גרוב, איז עס עפּעס אינטערעסאנט?

— וואָרים אזוי איז דאָך דער געוועהנליכער שמועס צווישען די איבעריגע מענשען אויף דער ערד. און איך האָב זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו דער שטײנערנער שטילקײט דאָ אונטער דער ערד. מיר הויבט זיך אָן צו דאכטען, אז ניט קײן וואָרעם בין איך דאָ נאָר בלויז א קלײן מילבעלע וואָס האָט זיך פֿערקליבען ווײט ווײט אונטער'ן בארג. ווען כ'וועל דאָ נאָך לענגער בלײבען, וועל איך פֿערוואנדעלט ווערען אין א שטויבעלע, א קויהלען־שטויבעלע אין א שפּאלט פֿון דער שוואַרצער וואנט.

— נו, ווי געפֿעלט עס דיר? — פֿרעגט מיך פּלוצלונג מײן בעגלײטער?

— האַ?

— ס'אי דאָ נאָר ניט אזוי שרעקליך ווי איהר אלע שטעלט זיך פֿאָר דאָרט אויבען. דאָ ווערען גע'הרג'עט ווינציגער מענשען ווי אויף דער ערד.

עס קומען אָן ווידער א פּאָר מויל־אײזלען בויגען זיך צו דער ערד און אזוי אײנגעבויגענערהײד טראָגען זײ זיך דורך, שלעפּענדיג מיט זיך דעם קויהלען־וועגעלע אויף די שטאָלענע רעלסען. ס'הערט זיך א קנאַק פֿון א בײטש.

— וויפֿיעל געמאכט נעכטען? — שרײט מײן בעגלײטער, אהין, וואוהין דער געוויש איז פֿערשוואונדען. און פֿון דאָרט קומען זיך צוטראָגען אן ענטפֿער:

— פֿיער!

א שטימע פֿון א מענשען, וואָס שטעהט געוויס פֿון הינטען אויף זײן וועגעלע, נאָר דורכפּאָהרענדיג אין דער פֿינסטער, האָב

איך אפילו זיין שאָטען נים בעמערקט.

מיר קומען ווידער ארויס צום הויפּט-וועג. צום צענטער. פון וואנען וועגען צולויפען זיך אויף אלע זייטען. כ'האָב מיר אריינגע-זעצט אין א לעדיגען קויהלען-וואָגען וואָס איז געשטאנען אויף די רעלסען, אין דעם קויהלען־שטויב וואָס כ'האָב געשפּירט אונטער זיך, האָב איך מיך גאנץ גוט געפיהלט. מיין בעגלייטער האָט מיט א לאנגען אייזען א שניט געגעבען אין צוויי דראָטען, וואָס האָבען זיך איבער אונז געצויגען. פונקען האָבען זיך א שאָט געטאָן. ס'איז אן עלעקטרישער סיגנאל צו דער וועלט וואָס דרויסען. צו דער גרוי-סער דינאמא מאשין דאָרט ביים מויל פון קויהלען־גרוב — און אונ-זער וואגאָנעלע האָט זיך פון אָרט א ריס געטאָן, טראָגענדיג מיך און מיין בעגלייטער.

מיט א ווילדער קראַפט האָט עס אונז געריסען בארג ארויף, בארג ארויף אלץ נאָהענטער צום ארויסגאנג פון דעם שטאָלענעם געוויש האָב איך געמיינט, אז די ווענט פון טונעל ווערען אָט, אָט צוטרייסעלט. פון וויטען האָט זיך בעוויזען א דורכזיכטיגער זילבערנער פלעק. דאָס איז דער ארויסגאנג פון דער מינע, וואו דער ליכטיגער טאָג האָט גערוהט. וואָס נעהענטער צו יענעם העלען פלעק, אלץ פערענדערטער בין איך געוואָרען.

כ'האָב געשפּירט ווי פון שטויב ווער איך צוריק אין מענש פערוואנדעלט און דער לעמפּעל אויף מיין שטערען איז מיר שווער געוואָרען ווי דער בארג פון אונטער וועלכען איך בין ארויסגעקומען. און ווען דער וואגאָן האָט זיך מיט אימפּעט ארויסגעטראָגען פון בארג ארויס און אין טאָג אריין זיך אריינגעשניטען — האָב איך געשפּירט ווי איך בליה אויף; אוים מילב און אוים שטויב! דעם גאנצען רוים צווישען הימעל און ערד מאך איך מיט מיין וועזען פול...

...און לאנג, לאנג דאכט זיך מיר וועט עס דויערן, און ווען איך וועל זיצען ביי א קאמין וואו שטיין־קויהלען וועלען גליהען און וואָרפען פון זיך א רויטען שיין, וועט זיך פאר מיר אין יענעם

רויטען שיין בעווייזען יענע קויהלען-וואנט אונטער דער ערד, אונטער דעם הויכען בארג; ביי דער וואנט צוויי מענשען-געשטאלטען; איינער מיט א שפיציגען האמער און דער אנדערער מיט א לאנגען עגבוייער; האקען און בויערען די קויהלען-וואנט. דער שיין, וואס פאלט פון די לעמפעלעך אויף זייערע שטערנס צו דער שווארצער וואנט — פאלט פון וואנט אויף זייערע פנים׳ער. א טייל פון פנים איז בעלויכטען; בעלויכטען איז דער לאנגער, אויסגעצויגענער האלז, און אזוי איבער דער אבגעדעקטער, ביינערדיגער ברוסט, ביז זיי ווערען אונטער די קליידער פערשוואונדען...

קאלאראדא־ספרינגס

כ׳האב ביי א חודש צייט פערבראכט אין די קאלאראדאר בערג, דער שטאלץ פון לאנד, און מיר האט זיך גאנץ אפט אויסגעדאכט, אז ניט לאנג וועט עס דויערען און איך וועל ווערען א טייל פון זיי.

וועלטען ווערען געבוירען פאר דיינע אויגען און וועלטען געהען אונטער יעדער רגע, ווען דו לעבסט אין שכנות מיט די גרויסע פעלזען־בערג. און אז דיר געלינגט זיך איינצולעבען מיט זייער לעבען, הויבען זיי אן צו מאכען זייער וועג דורך דיין הארצען, גיסען זיך אין דיין בלוט אריין.

ווען די וואלקען בעהאלטען זיך שרגעץ ווייט אהינטער זיי, און די זונען־שטראהלען דעקען אב זייער גרויסקייט — ווי נאהענט זייגען זיי יעמאלט צו אונז! דאכט זיך אט קומען זיי צו, דערנעהענטערען זיך צו דיר מיט זייער דורכזיכטיגער גרויסקייט. קענסט הערען א שטימע אזוי גרויס און אזוי צערטליך:

— ברודער מיינער, דו מענש, זעהר ווינציג פעהלט דיר, דו זאלסט מיט דיין קאפ אונטערשפארען די הימלען, און די זונען־שטראהלען און די קאלטע טויען איינאיינעם זאלען אויף דיין קאפ

רוהען...

גאנץ אנדערש אבער, ווען איבער די בערג לאזען זיך אראב לייכטע נעבלען און פערשלייערען זיי — ווי הויך זיינען זיי יעמאלט און ווי ווייט זיינען זיי יעמאלט פון דיר! שווער איז אפילו צו חלום'ען פון זייער נאהענטקייט. מיט די בליקען קען מען זייער גרויסקייט ניט ארומכאפען און אלץ העכער און העכער שניידען זיי זיך אריין אין די הימל-געוועבען. מיט זייערע שארפע שפיצען צו-שניידען זיי די הימלען און אלץ העכער און העכער שטייגען זיי. דאכט זיך, אט באלד וועלען זיי זיך אברייסען פון דער שפל'דיגער ערד, וועלען ווערען פערוואנדעלט אין וואלקענס, אין טוי וועלען זיי ווערען איבערגעביטען און, אז די זון וועט זיך בעווייזען, וועלען יעמאלט שוין מעהר ניט זיין קיין בערג צו זעהן; בלויז זייערע שפורען וועט מען נאך זעהן, דארטען ביים זוים פון די הימלען, אין געשטאלט פון ווייסע וואלקענדלעך, אזוי ווייס ווי דער שניי וואס האט גערוהט אויף די העכסטע שפיצען פון די בערג...

און קאלאראדא־ספרינגס איז אפשר דער שעהנסטער ווינקעל אין די בערג. זעקס טויזענד פוס הויך ליגט אט די שעהנע נעסט פון מענשען־קינדער מיט זייערע הייזער האק־און־פאק. און אויב די שעהנקייט, די דערהויבענקייט פון די בערג האט אהער דעם קליינעם בינטעל מענשען אראגעבראכט און דא זיי בעזעצט — אויב דאס איז די סיבה — יעמאלט ווילט זיך אויף א רגע ליעב קריגען מענשען און מוחל זיין זיי אויף א רגע זייערע קליינ-ליכקייטען. מוחל אפילו דאס, וואס זיי קומען צו חלום די גאלד-אדערען, וואס פלעכטען דורך די הארץ פון די דאזיגע בערג...

ווארים ווי קען מען נאר פון גאלד טראכטען ווען דער פריה-מארגען הויבט זיך אן אין אזא שעהנעם ווינקעל אויף גאט'ס ערד? יעדער פריה-מארגען, אויב נאר די זון איז אויפגעגאנגען, אז מען שטעהט אויף און מע בויגט ארויס דעם קאפ פון פענסטער, בע־טראכטט די בערג, דאכט זיך אויס, אז דורך נאכט האבען זיך די בערג מיט זייערע ערטער געביטען; זיי האבען זיך אין דער בעהעל־

טעניש פון דער נאכט אויסגעריסען מיט די ווארצלען און זיך נעלאזט אין דער וועלט אריין. און ערשט ווען די שטערען האבען זיך שוין גענומען לעשען, האבען זיי זיך אין געאייל צוריק אויף זייערע ערטער אומגעקעהרט — אבער אין איילעניש האבען זיי זיך מיט די ערטער פערביטען. אט אפילו דער העכסטער פון אלע בערג־שפיצען דא, דער פ י י ק ס־פ י ק, וואס דער שניי אויף זיין קאפ זילבערט זיך שטענדיג, ווי נאר די נעבלען הויבען זיך אויף און פערשווינדען — אפילו ער, ער פיהרער פון די אלע בערג־שפיצען, האט מיר אויסגעזועהען, אז יעדען פריהמארגען האט ער זיין ארט געביטען.

אין דער צייט פון האלבען טאג, אז די זון רייסט זיך פון אונטער די וואלקענדלעך ארויס, יעמאלט ווערט פון זונענשטראהלען אויסגעפלאכטען א נעץ וואס כאפט אריין דעם גאנצען בערג־ענגעל; אין דעם ליכטיגען נעץ וויגען זיי זיך אלע בערג, מיט דעם פערשנייטען, גרייז־גרויען און זילבער־בעשטויבטען פייקס־פיק אין מיטען. אזוי וויגען זיי זיך; אזוי פארבען זיי זיך יעדער רגע אין אן אנדער קאליר אויס:

טיעף־בלויע טעפיכער שפרייטען זיך פון די פערשנייטע שפיצען ביז צו דער נידער און פון דעם בלויען גרונט הויבען אן ארויסצוקוועלען שאטען־פארבען, פיאלעט־גרוי און פורפור־גרין. באלד אבער צוגעהן זיי זיך די פארבען בעזונדער; גרין זוכט זיך זיין וועג אויס און פורפור פארבט אליין פאר זיך פלעקען דא און דארטען אוים. בלוי געהט איבער און ווערט אין בלאנקיט פערוואנדעלט און אויף דעם טונקעלען זיך בוימער־פלעקען. פון הימעל הויבט זיך אן ווי א שטויב צו שיטען — אראנזש און אש־גרוי מיט זילבער־פונקען און גאלד פונקען בעשטויבט. און אט דער שטויב ווירבעלט זיך איבער די קאנטורען פון די בערג און ציהט. און ציהט די שטראהלען פון דער זון ארויס... ערגעץ וואו האט זיך א בלויער שלייער אבגעדעקט און פון אונטער דעם קוקט ארויס א טיעפע ברוינקייט, ווי א ברוינער וואסער וואלט זיך איבער'ן שפוע פון די

בערג גיסען. דאָס איז דאָס אָבגעדעקטע לייב פון די בערג; דאָס איז די נאקעטקייט פון די קאַלאַראַדאָ׳ר בערג. זייער נאקעטקייט נעהט צומאָל איבער פון ברוין אין רויט און עס דאכט זיך דיר, אז די בערג האָבען אָנגעהויבען צו בלוטיגען. די זונען שטראהלען האָבען אזוי לאנג זייער לייב געשמיסען — אוש בלוטיגען האָבען זיי אָנגעהויבען...

אָבער די אַלע וואָס האָבען אזוי ליעב די בערג, וואָס טראכ־טען פון זיי און ווילען זייער לעבען מיט זיי פערבינדען; אָט די אַלע ליעבע מענשען־קינדער, ווען דער שטויב וואָס אין זיי הויבט אָן צו ציהען צוריק צו זיין ערשטען יסוד — צו גרוים זיינען די בערג, צו דערהויבען, אז דער מענש זאָל זיך קענען מיט זיי שפּיע־לען ווי מיט זיינעם א גלייכען. די ארעמס דערלאנגען ניט און די בליקען אונמעכטיג; ס׳הארץ בלויז צאפּעלט זיך און צאפּעלט זיך. דעם מענשענס בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף די קלענסטע, אויף די מינדסטע קינדערלעך, שפּליטערלעך פון די בערג. דאָ, אין קאָ־לאָראַדאָ־ספּרינגס זיינען ווינקעלעך פאראנען אין דעם בוזים פון די בערג וואוהין מענשען ציהען זיך צום מיינסטען און קענען יעדען קנייטשעלע אין יעדען פעלז; קענען יעדען פעלזען־קינד וואָס האָט זיך פון דעם פאָטער־פעלז אָבגעטיילט. היימיש פיהלט זיך דאָ דער מענש מיט די אַלע פעלזען־קינדער און מען האָט זיי נעמען געגעב־בען, כמעט פאר מ ע נ ש ע ן ג ע מ א כ ט.

— דער גאָרטען פון די געטער:

ברוינלעך־רויטע פעלזען־שפּיצען קוקען פון דער ערד ארויס, ווי איבערבלייבענישען פון אַלטע אונבעוואוינטע שלעסער. פארנאכט ווען די זון פערגעהט און אין פריהמאָרגען ווען די זון געהט אויף זעהען אָט די אַלע פעלזען־שפּיצען אויס ווי אָנגעצונדענע, צוגליהטע בראָנזען־שטיקער. עס האָבען רעגענס דורך דורות זיי געוואשען און געשווענקט, און די ערטער אינ׳ם פעלז, וואָס איז ניט גענוג פער־שטיינערט געווען, האָבען די רעגענס אויסגעוואשען, שטויבלעך־ווייז ארויסגעשווענקט, ביז אָט די אַלע פעלזענשטיקער האָבען בעקומען

נעשטאלטען נאך דעם מענשענס פערלאנג און בעגריעף. אײנער זעהט אוים ווי א לייב; דער אנדערער — ווי א מכשפה אויף א בעזים, אײנער ווי אן אלטע סאווע און דער צווייטער — א לעבעדיגער אדלער.

און דא, גאר א מחנה פעלזען־קינדער שטארצען פון דער ערד ארויס, אונטערגעשוועגקט ביי דער ערד און אויבען ברייטער, און ווי גרויסע, גאר גרויסע פעלזען־שוואמען קוקען זיי ארויס... און דאס איז בענוג, אז אלע וואס האבען אויגען און קינדערשע פערלאנגען, זאלען זיך דא פערשפּיעלען אין דער נידער, ביים צופוסענס פון די קאלאראדער בערג, ביים צופוסענס פון די פעלזען־בערג און זיך גאר פערגעסען צומאל דעם קאפּ פעררייסען און זוכען יענע שטאלצע בערג-שפּיצען וואו דער שניי רוהט ווינטער און זומער לאנג.

פון די שנייען, וואס שמעלצען זיך דארט הויך און ווייט, ציהען זיך פריהער גאנץ שמאלע וואסער־סטעגגעס, ציהען זיך דורך די שטיינערנע שפּאלטען; בעגעגענען זיך אין וועג מיט וואסערען קלארע און קאלטע, וואס שלאגען פון פערבארגענע קוואלען ארוים און צוזאמען מאכען זיי זיך דעם וועג בארג-אראב, בארג-אראב, בעשאפענדיג דעם פרעהליכען וואסער־געדויש און וואסער־געמורמעל. פאראנגען וואסער־פאלען וואס נאך פון ווייטען הערט מען זייער רוישען און מען קען מיינען, אז ערגעץ גאר נאהענט טרייבט דער ים זיינע כוואליעס צו די ברעגעס און צושלאגט זיי אויף שטויב, אדער גאר א וואלד איז דא נאהענט און דער ווינט האט זיך ארײנגעריסען צווישען זיינע בוימער און ברעכט די צווייגען.

— ס'אי דער געדויש פון די ז י ב ע ן ו ו א ס ע ר פ א ל ע ן וואס קומט גאר פון ווייטען זיך צוטראגען. ס'אי דער דרייסטער שטראם וואס האט זיך געלאזט פון גאר-דער-הויך צו גאר-דער-נידער און אין וועג אויף זיבען טיילען צושלאגען געווארען; ס'אי איין שטראם וואס האט פאלענדיג אויף זיבען שטיק זיין געניק צובראכען און אין ווילדען געיעג יאגט איין טייל דעם אנדערען

פאלענדיג פון די זיבענפאכיגע פעלזען-כ׳יעפ. און ערשט אונטען בע־גענענען זיי זיך און טרעפען זיך אלע וואסערען איינאייענם. ערשט גאנץ אונטען וואו פעלזען־וועגט, ברוינע און גרויסע, הויכע — אזש מיט׳ן אויג ניט צו דערלאנגען, האבען זיי זיך זייט ביי זייט קיי־לעכדיג אויסגעשטעלט און א ברונעם א שטיינערנעם פאר דעם האסטיגען און אָטעם־פערשלאָגענעם וואסער־פאל געמאכט. דאָ אין דער טיעף ווערען די זיבען וואסער־שטיקער צונויפגענומען, זיי רו־הען זיך דאָ אויס. אריינכאפענדיג אויף א ווײַלע אין זייער טיעפ־קייט די שאָטענס פון די בערג וואָס האבען זיך ארום און ארום צו־שטעלט. די וואסערען אָבער וואָס קומען און קומען פון אויבען בע־דעקען דעם שפיגעל מיט פערלאך־שפריצערלאך און בלעזעלאך און צורונצלען דעם שפיגעל פון וואסער און טרייבען די שאָטענס פון די בערג ארויס, און אזוי בעפערעלט און גערונצעלט און מיט א זיסען געמורמעל לאָזט זיך א טייכעלע פון שטיינערנעם ברונעם, לאָזט זיך אין א ווייטען וועג אוועק; ערגעץ וואו דורך פעלדער צו א ווייטען ים אוועק...

פאראנען אויך דאָ אונטערערדישע קוואלען וואָס יעדער איינ־ציגער זוכט אליין פאר זיך א וועג. דורך זיין אייגענעם וועג רייסט ער זיך צו דער ליכטיגער וועלט ארויס. איינער האט אין דער טיעף זיך בעגעגענט מיט די אייזען-אדערען, און די נשמה פון אייזען אוצרות טראָגט ער אויס צו דער וועלט און דער אנדערער קוואל קומט פון שוועבעל-געגענדען אָן. פון דער ערד קומען זיי ארויס מיט א שוים און מיט א געבייזער. שיסען פאָנטאַנען; וואָלטען וועלען אין דער לופטען א וועג פאר די וואסערען מאכען, אָבער צו דער ערד פאלען זיי און פאלען. אויך דאָ קלייבען זיך מענשענקינדער, שטעהן לאנג און בעטראכטען די ברוגז׳ע וואסער וואָס שיסט פון דער ערד ארויסברענגענדיג מיט זיך סודות פון דער ערד. אנדערע שטעלען זיך איין דעם לעבען און פערזוכען פון אָט דעם אונבעקאנטען קוואל. פרואווען פריהער צו די ליפען און פערזוכען; שלינגען אראָב א פליינעם שלונג און הערען זיך צו, וואָס אזעלכעס בעשאפט אין די

גערערים דאָרטען אַט די אונרוהיגע וואסער וואָס האָט דעם ריח פון פערזשאַווערטע אייזען... עפּעס מאכט מען דאָך פון אייזען מעסערס, פיילען, העק און טשוועקעס.... און ס'דאכט זיך אוים: אַט באלד וועלען די אונבעקאַנטע וואסער-טראָפּענס ווערען פערוואַנדעלט דאָרט אינווענינ אין די גערערים, אין שאַרפע טשוועקעס, מעסערס און פייליען און וועלען זיך נוקם זיין אין די נייגעריגע מענשען-קינ-דער....

איינע פון די איידעלע אמעריקא'ס פרויען, וואָס האָט ליעדער געזונגען איהר לעבען-לאַנג, האָט דאָ, אין דעם שעהנסטען ווינקעל, איהרע יאָהרען אָבגעלעבט: ה ע ל ע ן ד ז ש ע ק ס אָ ן איז איהר נאָמען. אין איהרע ליעדער האָט זי ניט בעזונגען אַט די גרויסע בערג. זיי האָבען אפשר אין איהר געלעבט. ווי ס'וואָלט גע-טראָפען מיט יעדען איינציגען פון אונז. זי האָט די אלפּען-בערג דאָרט אין אייראָפּא, געפּרואווט זייער גרויסקייט בעזינגען, ווען זי האָט זיי דעם ערשטען מאָל אין איהר לעבען דערזעהן. אָבער די ק א ל אָ ר א ד אָ-בערג, — דאָס איז איהר אייגענע נשמה געווען. בלויז איין בארג, ש י י ע ן איז זיין נאָמען, און איבער די זי-בען וואסער-פאַלען הויבט ער זיך ארוים, אַט דער איינציגער קוסט פון איהר הארצען ארוים. דעם איינציגען וואָס זי האָט ביים נאָמען גערופען אין זיין גרויסקייט, זיין ליכטיגקייט בעזונגען:

„אָ, ווי ליעב איך דיר, דו בארג שייען...
איך טו דיך גרויסען, ווי דו יעדער בעגינען גרויסט די זון.
נאָך איידער ס'איז פריהמאָרגען—מיין אייגענעם פריה-
מאָרגען שיקסטו צו מיין הארץ...."

איך ווייס ניט ווי אזוי האָבען עס מענשען פערשטאַנען צו מאכען איהר קבר אויף דעם הויכען בארג ש י י ע ן, איבער די זיבען וואסער-פאַלען, און ווי אזוי איז עס אויסגעקומען, וואָס שפּעטער האָט מען איהרע ביינער ארויסגעטראָגען און אין דער ני-דער, ערגעץ אויף א שטאָט בית-עולם בעגראָבען. אז איהרע ביינער זיינען אוים'ן הויכען בארג שוין ניטאָ האָב איך מיר דערוואוסט

שוין שפּעטער, ווען כ'בין אויף דעם הויכען, הויכען בארג ארויף און אנשטאָט א קבר, האָב איך א גרויסען בארג שטיינער געפונען.

עס ווילען די נייגעריגע ניט וויסען, אז איהרע ביינער האָט מען פון בארג אראָבגעטראָגען. מען קלעטערט אויבען מיט א פּער-שלאָגענעם אָטעם און מען קומט צום אָרט וואו עס רוהט די נשמה פון יענער איידעלער אמעריקא'ס טאָכטער. יעדער איינער ברענגט א שטיין און וואַרפט אויף דעם אָרט, ווייל ער קען זיין האַרץ ניט ארויסרייסען און וואַרפען דאָ, און לאָזען דאָ צו אנדענקען.

דער בארג שטיינער וואַקסט און וואַקסט, צום בארג שטיינער פיהרט א וועג אן אויסגעטראָטענער, ווערט ניט פערוואַקסען און ווערט ניט פערשאָטען. פון ווייטען הערט זיך דער גערויש פון די ז י ב ע ן ו ו א ס ע ר פ א ל ע ן און דאָ שטעהן מענשען וואָס האָבען אויפ'ן הויכען בארג געקלעטערט און הערען זיך צו צום קלאַפּען פון זייער הארצען. בחור און מיידעל שטעהן ארומגע-נומען פערוואונדערט און קוקען צום בארג שטיינער. פּשוט'ע גרויע שטיינער. און ווער עס קען קוקען לאנג צום בארג שטיינער, נאָך דעם ווי זיין האַרץ האָט זיך בערוהיגט, ער פערנעהמט צום קלאַפּען פון א האַרץ דאָרטען אונטער די שטיינער. ס'האַרץ פון אמעריקא'ס א איידעלע טאָכטער...

גאָלד

צוויי מאָל אין טאָג געהט אָב דער צוג פון קאָלאָראַדאָ-ספּרינגס אהין, העכער אין די בערג אריין, צו ק ר י פּ ע ל-ק ר י ק צו. זעכציג מייל איז דער וועג און פון זעקס טויזענד פוס הויך קלע-טערט דער צוג אוועק איבער די בערג-שפּיצען ביי א הויך פון ארום עלף טויזענד פוס. ניט איין מאָל קומט אוים דעם צוג דורכצומאַכען זיך א וועג דורך וואָלקען, אָדער שאַרען דעם שניי מיט דער שטאָ-

לענער ברוסט ביז ער דערשלאָגט זיך אהין צו די גאָלד-בערג, קיין קריפּעל־קריק.

דאָרט איז דער גאָלדענער חלום פון דעם היגען לאנד. דאָרט זיינען די גאָלד-גריבער די בעריהמטע, וואָס ערשט מיט גענויע דרייסיג יאָהר צוריק זיינען זיי אויפגעדעקט געוואָרען. יענע געגענד האָבען געקענט אויסגעפינען און אויפדעקען נאָר מענשען, וואָס זיי־נען געבוירען געוואָרען מיט דעם גאָלדענעם חלום: מענשען, וואָס ביי זיי אין מוח איז א ווייזער געווען, וואָס האָט רק אהין גע־ציעלט, צו יענע בערג, אריבער צעהן טויזענד פוס הויך און וואָס די מעהרסטע טעג און נעכט פונ׳ם יאָהר זיינען זיי מיט שניי בעדעקט. אָט דער ערשטער מיט דעם נאָמען ו ו א מ א ק, וואָס איז געווען א פּשוט׳ער פּאסטוך און וואָס אלע האָבען איהם גע־האלטען פאר א משוגענעם, ווייל ער האָט פערלאָזען די סטאדע און זיך געגריבעלט אין די בערג זוכענדיג גאָלד — ער וואָלט זיך מיט זיינע בהמות ניט געלאָזען אזוי ווייט און אזוי הויך, ווען ניט דער ווייזער אין זיין מוח, וואָס האָט געציטערט און רק אהין געציעלט; א ה י ן איהם געצויגען דעם מענשען, דעם פּאסטוך, וואָס האָט געהייסען ראָבערט וואָמאַק. וואָרים אויף הונדערטער, הונדערטער מייל ציהען זיך אוועק אין דער נידער פלאכע געגענדען, וואו פּאַ־שע איז פאראַן לרוב, און איהם האָט עס אהין געצויגען, צו יענע בערג, וואָס אפילו איצטער, ווען מען קומט אהין מיט׳ן באַהן צו־פאָהרען וואונדערט מען זיך — וואָס פאַר א גוטער יאָהר אָדער בייזער יאָהר האָט געטריבען די מענשען צו זוכען זייער תיקון אין די בערג? הונדערטער מיילען ציהען זיך אוועק די בערג און איינער ווי דער אנדערער פון אויבען בעדעקט מיט שטיינער אָנגע־וואָרפענע, מיט פעלזען-שפּיצען, מיט אָרימע סאָסנעס, מיט מאָך און מיט שניי־פלעקען, — וואָס האָט זיי געבראַכט די מענשען אהער? ווי ז׳עס דאָך געשעהן?

איצטער איז אין יענעם ראיאָן, וואָס הייסט קריפּעל־קריק, פאראַן ביי דרייסיג טויזענד נפשות, וואָס די מעהרסטע פון זיי לי־

גען דעם גאנצען טאָג לעבעדיגערהייד בעגראָבען אונטער דער ערד, אין די פונדאַמענטען פון די בערג, נאָר פאַרנאַכט, אז די זון קלייבט זיך שוין צו פערגעהן הויבען זיי אָן ווי מוילוואורפען פון דער ערד ארויסצוקומען, פערשטויבטע, מיעדע, אין שווערע, הויבע שיך און מיט א בלעכען קעסטעלע אין דער האנט, וואו עסען האָבען זיי פאר'ן טאָג מיטגענומען...

קריפעל־קריק איז די רייכסטע גאָלד־געגענד דאָ אין לאַנד. און די מענשען, וואָס גראָבען די גאָלד, און די מענשען צו וועמען די גאָלד־בערג געהערען — ס'איז א פאָלק, וואָס איז אָבגעטראָטען פון דעם דורכשניטס מענשען, וואָס איהר בעגעגענט טאָג־טעגליך אין גאס — מענשען, וואָס גראבען גאָלד!

גאָלד! וואָס איז עס דען נים? אלץ. ווילט איהר איז עס א חלום; ווילט איהר איז עס די ווירקליכקייט; ווילט איהר איז עס ליעבע, און נים — איז עס האס; ווילט איהר איז עס מענש, און ווילט איהר איז עס גאָט אָדער דער טייוועל; ווילט איהר איז עס די נ ש מ ה פון אלץ וואָס עס לעבט, און ווילט איהר איז עס דער מ ל א ך ה מ ו ת פון אלע צייטען...

און דער וועג, וואָס פיהרט צו די גאָלד־גריבער אין קריפעל־קריק איז געוויס דער שעהנסטער, וואָס מיר איז ווען ס'איז אויסגעקומען דורכצומאכען. די זעכציג מייל פון קאָלאָראַדאָ־ספרינגס קומט אוים דעם צוג צו מאכען איבער די ריפען און קעפ פון די בערג. פון איין בארג צום אנדערען שלייכט זיך דער באהן אזוי קונציג בארג־ארויף און בארג־אראב, אז איהר קענט צומאָל נים בעגרייפען ווי אזוי ס'איז געשעהען, אז איהר האָט זיך צום אנדער בארג דערקליבען. אז איהר קוקט אויף צוריק, דערקענענדיג פון ווייטען דעם סליאַד אויף דעם בארג אונטען, הויבט איהר אָן צו גלויבען, אז דער צוג איז אריבערגעפלויגען פון איין בארג־שפיץ צום אנדערען. די אָבגרונדען, וואָס עפענען זיך יעדע ווייל אויף רעכטס און אויף לינקס, די גוואלדיג נאקעטע פעלזען וואָס שטעהען אויף אנטקעגען אייך — זיי ווארפען אָן א פחד קוקענדיג דורכ'ן

פענסטער. פרעגסט: ווי אזוי וועט מען עס איבערקומען און דאך קלייבט זיך דער צוג זיי ארומצוגעהן און איבערשפיצען.

ס'אי שוין זומער אין דער נידער, אין טאל; און דא אויבען, אין שאטען פון די שווייגענדיגע בערג, שטעהען די טענענבוימלעך פערשנייטע און, ס'זעהט אויס, אז אהער קלערט נאך גאר דער זומער ניט צוקומען אזוי גיך. דא און דארט א לאך אין בארג, ווי א גרויסער מוילוואורף וואלט פון בארג ארויס די בערגלעך ערד ארויסגעשארט. אימיצער האט זיך דארט געגראבען און אפשר גראבט ער זיך נאך איצטער אויך און זוכט שפורען פון אוצרות: גאלד, זילבער אדער קופער...

ביי אכט טויזענד פוס הויך און א זאווערוכע האט אונז בע-געגענט. אזעלכע זאווערוכעס האבען געוויס אין זייער וועג בעגע-גענט אט יענע, די ערשטע, וואס האבען זיך נאך צופוס אהער גע-לאזען זוכען די גאלד-אדערען אין די בערג. דער שניי האט יענע צופוסגעהער דעם וועג ניט געקענט פערשטעלען און איצטער איז שוין אומזיסט: דעם וועג געפונען; אלץ אויפגעדעקט. ס'קענען שוין איצטער שעהנע וועטערען אויך זיין. שניי צי שטורם ווינט — דער צוג קרעכצט און שלאגט זיך דורך זיין וועג, געהט פאראוים אויף דעם שטאלענעם וועג צו דעם בעשטימטען ארט.

מיר פאהרען אין א וואלקען אריין. מען זעהט ניט וואס עס טהוט זיך דרויסען און וואו מיר זיינען. רעכט, מיר זיינען באלד נאהענט צו דער לבנה, וואס צוליעב סוף חודש האט זי זיך פער-שפעטיגט צו פערגעהען.... אבער דער ווינט טראגט אוועק דעם וואלקען און וויעדער בעווייזען זיך נאקעטע בערג, שטיקלעך בלויער הימעל פון אויבען. ווארנים-וואו וואקסען פון די בערג ארימע טאסנע-בוימער. דער פעלז איז אזוי גוט געוועזן און געלאזט זיך שפאלטען און געמאכט א וועג פאר דעם צארטען וואַרצעל, וואס זוכט אין די פעלזען-שפאלטען יניקה, חיונה פאר'ן בוים מיט די

פערשנייטע צווייגען.

אַט בעווייזען זיך שוין קליינע הייזלעך צונעקלעפּטע ביים צו-פוסענס פון די בערג. און די בערג אליין פערלירען זייער נאַטיר-ליכען, לאַנגאַנעדיגען אויסזעהען. אנשטאַט איינגעפונדעוועטע פעל-זען מיט בוימלעך אַרימע בערעקט, בעווייזען זיך גרויסע וואלען, בערג. אָנגעשאָטענע; דראַבנע, צוהאַקטע, גרויע שטיינדלעך. ערגעץ ביים זייט שטאַרצען דריי, פיער שווארצע קוימענס און זיי רויכע-רען. דער רויך זאָגט עדות, אז דאָרט, אין דער טיעף איז דער עיקר לעבען און ניט דאָ אין דער הויך, וואו טוריסטען און גלאט מענשען בלאָנקען זיך ארום... די אָ נ ג ע ש אָ ט ע נ ע בערגלעך ווערען אַלץ אָפּטער. מען קען מיינען, אז ערגעץ אונטער דער ערד זיינען בעשעפּענישען מיט שטאָלענע צייהן, וואָס גריזשען דאָרט און גריי-זשען דעם פעלז און די שטיקלעך, קרישלעך שטיין טראָגען זיי דרויסען אַרוים; טראָגען גאַנצע בערג אָן... עס בעווייזען זיך דראָ-טען, וואָס זיינען פערצויגען איבער די אָנגעשאָטענע בערג. פון ערגעץ קומט אָן אַן אייזערנער קויש, וואָס גליטשט זיך מיט דער לענג פון דראָט; ער איז מיט שטיינדלעך פול. און אז ער קומט צו א בעשטימטען פלאַץ טהוט ער זיך אליין פון זיך אַן עפּען אויף און שיט אוים די משא, וואָס ער האָט מיט זיך פון אונטער דער ערד ארויסגעבראַכט. קערט זיך מיט ליידיגען אום צוריק; ווערט צווי-שען די שווארצע קוימענס פערפאַלען...

ס'לאָזט זיך ווידער אראָב פון ערגעץ א וואָלקען א געדיכטער, פייכטער און גרויער. און אז דער צוג שטעלט זיך אָב אין קריפּעל-קריק איז אזוי פינסטער, אז איך זעה ניט וואו א טריט צו שטעל-לען. ערגעץ דאָ איז א שטעטעל געווים פאַראַן און געה זוך עס אין פייכטען וואָלקען. איך בין געקומען זעהן ווי מען גראָבט נאָלד; מענשען וואָס גראָבען גאָלד האָב איך געוואָלט בעגעגענען און אפשר רעדען מיט זיי און צום סוף בין איך אין א כמארע אריין. כ'האָב געגומען נאָכגעהן די מענשען, וואָס האָבען זיך בעוויזען ארויסגעהענדיג פון צוג און וואָס א פּאָר טריט פון מיר ווערען

זיי אין וואָלקען פערשוואונדען. און מיין האַרץ האָט אַזוי הויך אָנגעהויבען צו קלאַפּען, ממש קלינגען. ניט חלילה פאַר שרעק, נאָר פּשוט — עלף טויזענד פוס הויך. ניט געוואוינט. א קינד פון דער נידער, פון טאָל איז אַרויף עלף טויזענד פוס הויך און געבליבען שטעהן אויף גאָלד. כ'האָב געפיהלט, אז איך שטעה אויף גאָלד. און די פאָר הייזער, וואָס האָבען זיך מיר רעכטס און לינקס בע־וויזען שטעהן אויף גאָלד געמויערט. ס'האַרץ האָט געקלאַפּט: טיק־טאַק־גאָלד! טיק־גאָלד, גאָלד־גאָלד...

און א ווידער קול האָט אָבגעענטפערט: גאָלד־גאָלד־גאָלד...

די כמאַרע איז געוואָרען צובּיסלעך שיטערער; זונענשטראַה־לען האָבען זיך אָנגעהויבען דורכצושלאָגען, און באַלד האָט זיך א צופלאַמטע זון בעוויזען איבער די בערג אויף איהר וועג צו מערב־זייט. ס'איז געווען אַרום פיער נאָך האַלבען טאָג און אין די בערג פון צווישען די שוואַרצע קוימענס האָבען די פאַרע־סיגנאַלען אָנ־געהויבען איינער נאָך דעם אַנדערען צו ברילען אזש די לופט האָט געציטערט און די ווידער־קולות האָבען זיך איבער די שפּיצען פון די בערג צוטראָגען. עפּעס האָט זיך גענומען ריהרען, צווישען די גרויע בערגלעך האָבען זיך טונקעלע פלעקען בעוויזען. די אַרבּייט האָט זיך אונטער דער ערד געענדיגט. מענשען האָבען זיך פון דער ערד אַרויסגעשלייכט, פריהער איינער און דערנאָך מעהר. אין די הונדערטער האָבען זיי זיך בעוויזען פון אַהינטער די פעלזען און אַלע האָבען זיך געצויגען צו דער נידער, צו דער זייט, וואו דאָס שטעטעל איז אויסגעשאָטען; געצויגען צו די שורות שווייגענדיגע הייזלעך, וואָס האָבען די דאָזיגע מענשען אָבגעוואַרט.

אין די שמאָלע געסלעך האָבען זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו בעווייזען שווייגענדיגע פיגורען, שטאַרקע, מיט סמנים פון גבורה, פערשטויבטע אין הויכע פערשנורעוועטע שיך און א לאַנגען סיגאַר אין מויל. בעגעגענדיג א פריינד, וואָס איז פון דער אַנדער זייט אָנגעקומען, ערגעץ פון אַן אַנדער גרוב אַרויסגעקומען — בע־גריסט מען זיך. אַנדערע שטעלען זיך אָב און וואַרפען זיך דורך

מיט עטליכע ווערטער. אנדערע האָבען נאָך צייט אפילו פערבייגע־הענדיג צו בעמערקען דעם פרעמדען, וואָס איז געשטאַנען אין מי־טען גאַס און בעטראַכט אָט זיי, די גאָלד־גרעבער, ווי עטוואָס אזעלכעס וואָס מען זעהט ניט אין דער נידער. געווען אזעלכע, וואָס האָבען צוגעהוסט און געשנאָרכט מיט דער נאָז, ווי זיך ווער־נענדיג מיט דער לופט...

צוביסלעך זיינען אָט די אלע פון אונטער דער ערד ארויס־געקומענע פערשוואונדען אין די זייטיגע געסלעך; אנדערע אין די קליינע האָטעלס, וואָס אין דער הויפט גאַס, אדער אין די קאַווע־הייזלעך, אין א שפּייז־קרעמעלע.

איינציגוויז האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעוויזען פון די טי־רען ארויס — פרויען, מיידלעך מיט אָנגעפּאַרבטע פּנים׳ער און פערשייטלאָך די האָר ביי די שלייפען פערקעמט; אין קורצע קלייד־לעך און וואוילערישע טריט. מיט זייער בעוויזען זיך איז עפּעס אין גאַס ליכטיגער געוואָרען. אויף די פּנים׳ער פון די שטומע שוויי־גענדיגע גאָלד־גרעבער, וואָס האָבען דאַכט זיך גאָר רעדען פער־געסען פאַר׳ן טאָג אונטער דר׳ערד — אויף די פּנים׳ער פון די פער־שטיינערטע מענשען האָט זיך בעוויזען א שמייכעל און פערבייגע־הענדיג דעם קאָפּ געניינגט צו דער אדער יענער מיידעל. צומאָל זיך אָבגעשטעלט, אין דער שטיל וועגען עפּעס גערעדט אדער אָבגע־רעדט. זי שיסט אויס מיט א געלעכטער, וואָס קלינגט אין דער שטילער גאַס, און פעריכט די האָר ביים אויער און ער שפּייט אויס און כאַפּט זי ארום ביים טאַליע גאַנץ פאַרזיכטיג, אז ער זאָל זי ניט איינשמירען אין זיינע פערשטויבטע בגדים... עס הערט זיך א געלעכטער, א פרויען געלעכטער פון דער אנדער זייטיגער געסעל און ס׳ענטפערט מיט א געלעכטער א ברייטע מענער־ברוסט...

אין גאַס צינדען זיך עלעקטרישע לעמפּלעך אָן. די נאַכט הויבט אָן פון ערגעץ אָנצוקומען און שלייכט זיך ארויף, ארויף צו די בערג־שפּיצען, וואו די לעצטע זונענשטראַהלען שפּילען זיך אויפ׳ן ווייסען שניי:

טיק־טאק־גאלד...
מען בעדארף קלערען פון א נאכט־לעגער...

* * *

די גאלד־טריבער צו וועלכע איך האב בעקומען א צוטריט, זיינען איינע פון די טיעפסטע און עלטסטע אין דעם קריפעל־קריק ראיאן. ווינדרעקיטאר, אזוי איז דער נאמען פון דער מינע. מען קען ניט זאגען, אז אזוי לייכט איז עס מיר אנגעקומען. ניט מיט גרויס חשק לאזט מען צו א זייטיגען מענשען. אגב איז עס א קאפ־דרעהעניש. מען קען דאך דעם פרעמדען ניט לאזען אליין וואנדערען אונטער דר'ערד. מען מוז דאך איהם מיטגעבען א וועג־ווייזער. און צו וואס דער גאנצער עסק? מיר איז אנגעזאגט געווארען, אז איך זאל קומען גאנץ פריה, אינאיינעם מיט די ארבייטער און מיט זיי אין איין צייט זיך אראבלאזען אין די שאכטעס. און ווייל די אויבענדערמאנטע מינע ליגט ביי א האלבע שעה מיט דער באהן פון דעם שטעדטעל, דעריבער האב איך מיר געדארפט א ביסעל פערערען.

די טראמוויען און ספעציעלע ארבייטער־צוגען הויבען אן ארום האלב נאך זעקס אבצוגעהן צו די ווייטערע, אבגעלעגטע מינעם וואו די ארבייט הויבט זיך אן האלב נאך זיבען. נאר אז איך בין ארויס ארום האלב נאך פינף אין גאס איז שוין די ארבייטער־וועלט ניט געשלאפען. די קאווע־הייזער זיינען געווען אפען און אין גאס האבען זיך ארומגעדרעהט שאכטיארען נאך פערשלאפענע אין זייערע פערשטויבטע קליידער און שווערע, הויכע שיך. ווייזט אויס אז דער חשק זיך אנצוזעטיגען מיט דעם ליכטיגען פריה־מארגען איידער מען לאזט זיך אוועק אונטער דער ערד, הויבט אויף די לייט אזוי פריה פון די געלעגערס אויף וועלכע זיי האבען נאך געקענט רוהען.

עטוואס פאר זיבען האב איך מיר אריינגעזעצט אין דעם ארבייטער־צוג וואס איז בעשטאנען פון א צעהן שמאלע, פערמאכטע וואגאנעס. אין מיין וואגאן האבען זיך געפונען ביי א זעכציג

ארבייטער, מעהרסטענס אין די יאָהרען פון צווישען צוואנציג און דרייסיג. גרויס געוואקסען. מיט א ריין אמעריקאנישען אויסזעהען. כמעט אָהן אן אויסנאהם האָט יעדער געהאַט א דיקען סיגאר צווי־שען די צייהנער, געראויכערט און געשפיגען אויף דער פּאָדלאָגע, צו די פיס פונ'ם שכן געגענאיבער. עס איז מיר זעלטען ווען אויס-געקומען צו זעהן מענשען אזוי רויכערען; צו זיצען אין אזא אָנגע־רויכערטען וואגאָן. פון דעם רויך ארוים האָב איך בעטראכט די פּנים'ער, די הענט, די פּלייצעס.

— וואָס פיהלען און טראכטען איצטער אָט די דאָזיגע מענ־שען, וואָס וועלען באלד זיך אראָבלאָזען אויף א גאנצען טאָג און אמאָל אויף א גאנצען לעבען אונטער דער ערד ארונטער?

און כ'מוז זאָגען, אז קיין זאך וואָס זאָל ארויסרופען א גע־פיהל פון רחמנות האָט זיך אויף זייערע געזיכטער ניט געוויזען. און כּאָטש כמעט ביי יעדערען האָט מען אין קאָליר פון פּנים גע-קענט דערקענען די שעדליכע ווירקונג וואָס די ארבייט אונטער דער ערד האָט אויף די מענשען; מען האָט געקענט דערקענען אין די אָנגעבלאָזענע ליפּען, אין די ראָזע אָדערלעך און די אש-גרויע באקען, אז עפּעס טאַטשעט אָט די פעסטע מענשען, טאַטשעט פאַ־מעלעך אָבער טיעף — דאָך וועקען זיי קיין רחמנות ניט. פער-פעהרט. פון אלע זייערע בעוועגונגען און געשטעלט, האָט ארויסגע-קוקט א געוויסער שטאָלץ. ניט גלאַט אזוי מענשען, נאָר מענשען וואָס האָבען מיט'ן פעלז זיך פערמאָסטען. מענשען וואָס קלייבען זיך אויס מיט'ן גוטען ווילען צו לעבען זייערע טעג אונטער דער ערד. און כּאָטש ניט פאר זיך זוכען זיי גאָלד, ניט פאר זיך רייי־סען זיי אויף די פעלזען-שטיינער — אָבער דאָך גאָלד צו גראָבען איז זייער בערוף; פעלזען אויפצורייסען איז זייער שליחות.

דער צוג האָט זיך יעדע עטליכע מינוט אָבגעשטעלט, נעבען דער אָדער יענער מינע. ארבייטער אראָבגעלאָזען. ענדליך האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט ביי דער סטאנציע ווינדעקיר־טאָר. אזוי הייסט דער נאָמען פון דער געזעלשאפט צו וועמען

די מינעס דאָ געהערען.

כ'בין אריין אין קאנטאָר און זיך פאָרגעשטעלט. מען האָט געוואוסט, אז איך בעדארף אָנקומען. דער פערוואלטער. מיסטער וואָקער, א יונגער אינזשינער, אינגאנצען א יאָהר אכט־און־צוואנ־ציג אַלט און מיט אַן ערנסט פּנים און פלינקע בעוועגונגען, ער האָט מיך בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געשמייכעלט.

— אזוי, אזוי, ווילט זיך דיר זעהן ווי אזוי אנדערע לעבען אונטער דער ערד? —

— יא, איך האָב בעזוכט קויהלען-מינען.

— אָבער ביי אונז איז פיעל אנדערש, ניטאָ קיין סכנה.

כ'האָב מיך בעדארפט איבערטאָן אין ספּעציעלע קליידער, ווייל ערטער־ווייז איז אין דער מינע נאַס. דער פערוואלטער, יעדען פריהמאָרגען לאָזט ער זיך אראָב דעם גאנצען ראַיאָן אונטער דער ערד. איך האָב עס איהם בעדארפט בעגלייטען אויף זיין שפּאציר.

— דעם מר. וואָקער איז שווער נאָכצוגעהן — האָט א צווייטער אינזשינער זיך געוויצעלט — ער דאַרף ניט קיין לייטער און ניט קיין עלעווייטאָר.

כ'האָב אָנגעצונדען מיין לעמפּעל און מיר האָבען זיך אוועק־געלאָזען צו דער געביידע וואָס איבער דער מויל פון דער מינע און וואו א גוואלדיגער לאָקאָמאָטיוו האָט געדרעהט פערשיידענע רעדער. די ארבייטער זיינען געזעסען ביי די ווענט פון דער געביי־דע דרויסען און דערררויכערט זייערע סיגארען. ס'אי נאָך געבליבען א פּאָר מינוט פרייע און זיי האָבען זיך געקוויקט מיט דעם קאַל־טען פריה-מאָרגען וואָס אין די גאָלד-בערג.

דער סיגנאַל האָט אָנגעהויבען צו ברילען און דער עולם, פּאַ־מעלעכקע, האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבען און גענומען זיך ציהען אינוועניג צום עלעווייטאָר. דער וועג דאָ אונטער דער ערד איז א גלייכער. גלייך אראָב אין דר'ערד. ניינצעהן הונדערט פוס טיעף. יעדע הונדערט פוס איז א שאכטע און דער עלעווייטאָר לאָזט אַר־בייטער אראָב. מיט דעם אייגענעם עלעווייטאָר ברענגט מען ארויס

פון אונטער דער ערד די וועגעלעך גאָלד-שטיין. די גאַנצע ניינצען הונדערט פוס מאַכט דער עלעווייטאָר אין פופציג סעקונדען.

מיר זיינען געשטאַנען און געוואַרט ווי דער עלעווייטאָר נעהמט אָן א בונט ארבייטער און נאָך דעם ווי מען גיט א עלעקטרישען סיגנאַל צום הויפּט מאַשיניסט ערגעץ, רייסט זיך דער עלעווייטאָר אַב פון אָרט און ווערט פערשוואונדען אין דער טיעף מיט די מענשען, אין א ווײַלע אַרום קומט ער אָן ווידער לעדיג און וואַרט אויף פרישע מענשען....

מיר האָבען זיך אַריינגערוקט אין דעם נאַסען עלעווייטאָר מיט די לעצטע צוויי ארבייטער און אזש מיט א פייף האָט דער עלעווייטאָר גענומען פאַלען אלץ טיעפער און טיעפער דורך א פינסטערען קאַלטען וועג און פון ערגעץ האָט גענאָסען געדיכטע טראָפּענס וואַסער אויפ'ן קאָפּ און אונטער'ן קאָלנער.

די קעלט, די אונבעקאַנטע פייכטע לופט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט, האָט געמאַכט צו פיהלען, אז איך פאַל ערגעץ אין א וואַסער אַריין. די סעקונדען האָבען זיך ווי לאַנגע מינוטען געצויגען. ביי נומער פערצען זיינען מיר געבליבען שטעהן. פערצען הונדערט פוס טיעף. מיר זיינען אַרויס. דער עלעווייטאָר בעקומענדיג דעם סיגנאַל איז מיט די צוויי אַרבייטער פערשוואונדען אין דער טיעף. אַריינגעהענדיג אין דער שאַכטע איז מיר געווען אביסעל פרעמדלאָך צו געפינען דאָ כמעט א גאַנצע וואָקזאַל-סטאַנציע מיט רעלסען, מיט וואַגאָנעלאָך מיט וועגען וואָס צולויפען זיך אויף אלע זייטען און בעלויכטען מיט עלעקטרישע לעמפּלעך....

* * *

די גאָלד אין קריפּעל-קריק ראַיאָן געפינט מען ניט אין געשטאַלט פון גילדערנע זייגערס, גילדענע פינגערלעך, שפּילקעס, בראַשקעס און אויערינגלעך; אפילו ניט אין געשטאַלט פון גאָלד זעמדעלאַך. דאָ איז דער גאָלד-אָדערל אין שטיין-פעלז איינגעוואַקסען. דורכשניטליך געפינט מען אין א גאַנצען טאָן שטיין ביי א דריי דאָלאַר גאָלד ווערט. און דעריבער ווערען גאַנצע וועלטען

שטיינערנע צוריסען, צושאָסען אונטער דער ערד און די שטיקער ווערען דרויסען ארויסגעשלעפט מיט׳ן עלעווייטאָר און מיט מיטלען בעמישע און ניט בעמישע, נאָכדעם ווי מען מאָלט די שטיינער און מען וואשט זיי בעקומט מען די גאָלד שטויב ארויס.

בעטראכטענדיג די מאסיווע גרויע ווענט פונ׳ם טונעל, די אייביגע פעלזען־ווענט, גאנץ גראָם פאנאנדערגערוקט, האָב איך מיר גאנץ זיכער דערשפירט. גאָר ניט אזוי ווי אין די ענגע שווארצע קויהלען־מינען. די ארבייט דאָ אונטער דר׳ערד טיילט זיך איין אין דרייען. ערשטענס קומען די מאשיניסטען וואָס בויערן מיט אויטאָמאטישען בויער לעכער אין שטיין, וואו מען פילט אָן דינאמיט און מען רייסט אויף. דאן קומען די אונטערבויער. אָדער ווי מען רופט זיי, די ט י מ ב ע ר־מ ע ן. זיי בויען אונטער אלע ערטער וואָס זיינען מסוגל איינצופאלען. און דאן די פשוט׳ע ארבייטער, וואָס לעגען אָן אין די וועגעלעך דעם צוהאקטען שטיין און אויף די רעלסען שטופען זיי עס צום צענטער, צום עלעווייטאָר. כ׳האָב געפרעגט פאר וואָס מען פיהרט ניט די משא מיט מויל־אייזלען, ווי כ׳האָב עס בעמערקט אין די קויהלען־מינען?

— זיי לעבען דאָ ניט לאנג די מויל־אייזלען און ס׳קאָסט טייערער ווי מענשען...

ס׳האָט זיך געהערט פון ערגעץ דער טרוקענער קנאקען פון דעם אויטאָמאטישען בויער, פונקט ווי ערגעץ ווייט וואָלט מען שיסען מיט מאשין־ביקסען. מיר האָבען זיך געלאָזט געהן מיט די לאמטערנעס אין די הענט טיעפער אין די שאכטעס אריין, צווישען די שמאָלע רעלסען. די עלעקטרישע לעמפלעך ווערען זעלטענער. דאָ און דאָרטען איז אונטערגעבויעט מיט שווערע קלעצער און זיי זיינען מיט שוואמען בעוואקסען.

ס׳אי כדאי צו בעמערקען, אז אויסער דער צענטראלער פערבינדונג פון די שאכטעס מיט דעם עלעווייטאָר איז פאראן נאָך א ספעציעלער דורכגאנג פון שאכטע צו שאכטע. א גאנץ פשוט׳ער:

— אין יעדער שאכטע איז א לאָך פאראן אויסגעהאקט, ברייט

ווי א געוועהנליכער צימער און טיעף הונדערט פוס — די הונדערט פוס וואָס טיילט אָב איין שאכטע פון דער אנדערער, און לייטערס הילצערנע שטעהען אין דער עפנונג דורך וועלכע מען קען זיך אראָבלאָזען טיעפער און אויפהויבען העכער.

אָבגעהענדיג אזוי ביי א האלבען מייל זיינען מיר געקומען צום עק פון טונעל, וואו א מאשיניסט האָט געבויערט די פעלזען וואנט. דער בויער האָט אזוי געקלאפט, אזש אין די אויערען האָט געקלונגען און געשטאָכען. מיט געפרעסטער לופט וואָס קומט אָן פון דרויסען און וואָס איז צום עקבויער דורך א רער צוגעפאסט טרייבט מען דעם בויער אלץ טיעפער און טיעפער אין שטיין אריין. אין די קויהלען-גריבער האָב איך זיי געטראָפען צוויי-ווייז מיט זייערע שפיציגע האמערס ביי דער ארבייט און דאָ איז ער איינער אליין געזעסען אונטער אברייטען שטיינערנעם געוועלב, צופור-סענס א בארג שטיין-שפּענער און געבויערט און געבויערט. ער האָט אָבגעריסען זיינע אויגען פון׳ם בויער און צו אונז א בליק געוואָרפען. כ׳האָב בעטראכט זיינע הענט, פנים און די גוואלדיגע מאסע שטיין ארום איהם וואָס איז שוין געלעגען צושאָסען, בע-טראכט די שטיינערנע וואנט וואוהין ער האָט דעם שטאָלענעם עקבויער געטריבען און כ׳האָב מיר ניט געקענט פאָרשטעלען. אז ערשט מיט א שעה פריהער איז ער געווען דרויסען און אפשר מיט מיר אין איין וואגאָן געפאָהרען. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער אליין איז פון שטאָל און מיט א שטאָלענעם ווילען, שטאָלענעם פערלאנג; און זיין פערלאנג איז — די גאנצע שטיין און פעלזען-געגענד פון קריפּעל-קריק אויף דראָבנע שטיינדלעך צוברעקלען. דער פערוואלטער האָט איהם בעגריסט. געמאכט א פנים, אז ער ער-לויבט איהם אביסעל דעם פעלז צו רוה לאָזען:

— ווי פיהלסטו זיך, טאָם?

— א, א דאנק, מיסטער וואָקער. איך שפיר מיר גאנץ גוט — נאָר דאָ האָט זיך מיר ווידער א עקבויער אריינגעהאקט אין שטיין און כ׳קען איהם ניט בעקומען. שוין דער דריטער צייט נעכטען אָן.

דער פערוואלטער האט זיך אזוי כוואטסקע ארויסגעכאפט ריי טענדיג אויף'ן עקבויער און געבראכט איהם אין בעוועגונג. גע- דרעהט אהער און אהין און ס'האט ניט געהאלפען. ער האט א שמיץ געטאן די לופט־רעהר מיט'ן בויער צוזאמען.

— אט לאז איהם — אזוי כאפען זיי ארייין פון צייט צו צייט א שטאלענעם עקבויער און ווילען ניט אבגעבען. מען וועט איהם אויפרייסען דעם שטיין, וועט ער שוין מיט בייזען ארויס.

— בענקט זיך ניט אמאל צו זעהן די ליכטיגע וועלט? — פרעג איך דעם מענשען וואס הייסט טאם און וואס בויערט דעם פעלז גאנצענע טעג לאנג.

— די ליכטיגע וועלט? מיט וואס איז דא שלעכט? רוהיג. שטיל. דא איז בעסער ווי דארט אויבען. כ'האב מיר ניט איין מאל געלאזט זוכען ארבייט צווישען פארמערס — צו טומעלדיג דאר־ טען אויבען. די גרויסע שטאט, דער שאפ — געהען זיי צו אלדע רוחות.

— אבער ניט אזוי געפעהרליך.

— ניט אמת. אין דער גרויסער שטאט, אין די גאסען אומ־ געהענדיג שטעלט מען פיעל מעהר איין דעם לעבען. דא איז פאר די לעצטע דריי יאהר בלויז צוויי מענשען אומגעקומען און דאס איז געווען זייער שולד. ניט געווען פארזיכטיג.

— ס'אי אמת — איז דער פערוואלטער ארייינגעפאלען אין די רייד — אלץ איז דא אין ארדנונג. מען פאסט אויף, אז די פערפוילטע קלעצער וואס שפארען אונטער די מינע זאלען אין צייט אומגעביטען ווערען.

— ווערען דא די קלעצער שנעל פערפוילט?

אין פערלויף פון א פאר יאהר ווערט די האלץ צופרעסען. די לופט איז דא אזא וואס פרעסט אויף די האלץ...

ס'האט זיך ניט ווילענדיג געטראכט:

— מויל־אייזלען לעבען דא ניט לאנג. די געהילצען, פעכע- דיגע, סאסנע קלעצער, ווערען פון דער לופט דא אויפגעפרעסען

און דער מענש, מישטיינסגעזאַגט, ער איז עס דער בבור.

זאָל זיין אַזוי.

ביים ליכט פון מיין לעמפּעל האָב איך בעטראַכט דעם גראַ־ניטענעם געוועלב איבער מיין קאָפּ און דעם טונקעלען, פעטען פּאַס, ווי אַנגעאָוילט, וואָס האָט זיך געצויגען אינם גראַניט. דאָס איז דער גאָלד־אָדער וואָס פלעכט זיך דורך אין פעלזען און נאָך איהם יאָגט מען זיך עס. מען היט זיך איהם ניט אַנצואַווערען און זיין שפּור ניט צו פערלירען. אמאָל ווערט מען איהם אָן, אָבער מען רייסט דעם גראַניט אַזוי לאַנג מיט דינאַמיט ביז מען כאַפּט דעם גאָלד־אָדער ווידער. איך האָב אָבגעקרישעלט אַ שטיקעלע פון יע־נעם טונקעלען פּאַס און האָב דעם שפּור פון גאָלד ניט בעמערקט. פאַר מיר איז עס געווען שטיין ווי אַלע שטיינער.

— זעהסטו, אונזער עולם איז אַ גאַנץ אַנדערער — האָט דער מיסטער וואַקער ווידער אָנגעהויבען, גאָר פערגעסענדיג זיך, אַז ער איז דער פערוואַלטער פון די אַלע גריבער דאָ און אַז ער האָט צו זאָגען אויף די הונדערטער מענשען אונטער דער ערד — פער־שטעהסט, אונזערער אַ מענש איז אַ אומעטיגער, אַ טרויעריגער — אָבער מיט אַ גוט הארץ. אונזערען אַ מענשען איז ניט אַזוי גרינג צו קויפען אָבער, אַז ער לאָזט זיך שוין צו צו דיר איז מיט הארץ און לעבען. פריינדשאַפט איז ניט אַזוי גרינג צו בעקומען פון אונ־זערען אַ מענשען, אָבער האָסטו שוין יאָ בעקומען איז עס מיט דער פולער האַנט. אונזער אַ מענש האָט פיינט אַז מען בעליידיגט איהם. מיין ניט, אַז אונזערער אַ מענש בעהט אום מיט אַ מעסער אין קע־שענע — אָבער אַן עולה האָט ער פיינט.

— יאַ, אונזער עולם קען ניט זיין ווי אַלע מענשען — האָט דער מיסטער טאַם צוגעגעבען, פּראָוואוענדיג אפשר וועט ער דאָך דעם עק־בוירער פון שטיין אַרויסבעקומען — מען לעבט אונטער דער ערד, מען שווינדעלט ניט, מען האָט ליעב צו קוקען אַ מענשען גלייך אין די אויגען, אַז מען בעגעגענט זיך. אונזערער אַ מענש פערשטעהט ווי צו בעגעהן זיך מיט אַ רעוואָלווער אויך, אָבער...

מיט אמאָל האָט דער גאַנצער פּעלזען־גרונט אונטער אונז א ציטער געטאָן, א טיפער ברומען האָט זיך דורך דער שאַכטע דורכ־געטראָגען און אין די ווענט אריין.

כ׳האָב א ציטער געטאָן און האָב אָנגעשטעלט מיינע בליקען אויף זיי, אויסדריקענדיג פערוואונדערונג.

— דאָס האָט מען אויפגעריסען דינאַמיט אין דער שאַכטע אונטער אונז.

ס׳האָט מיר אביסעל געוואונדערט, ווייל מיר האָט ער געהאט דערצעהלט, אז מען רייסט אויף דעם גראַניט ארום פיער א זייגער, יעמאָלט ווען מען האַלט שוין ביים פערלאָזען די מינע, כדי ס׳זאָל זיך איבער נאַכט דער רויך אויסלופטערען. דער געראויש האָט דערמאָנט דעם מיסטער טאָם אָן זיין ארבייט. ער האָט אָנגעשטעלט דעם עקבויער צום פּעלזען און אויפגעעפענט די געפּרעסטע לופט וואָס אין רעהר. מיט אזא שטעכעדיגען און טרוקענעם טאַ־טאַ־טאַ האָט דער בויער געגומען ארבייטען, אזש די ווענט האָבען געציטערט.

מיר האָבען זיך אראָבגעלאָזט מיט די לייטערס נידעריגער צו דער שאַכטע נומער פופצען. ס׳אי מיר ווירקליך געווען א ביסעל שווערליך נאָכצוהאַלטען מיין פלינקען בעגלייטער ווען ער איז פון איין לייטער צום אנדערען איבערגעשפרונגען אין דער הונדערט־פופציגער עפּנונג. דער רויך פון פּולווער, אָדער אויפגעריסענעם דינאמיט האָט א שלאָג געטאָן צום נאָז, און אז מיר האָבען דער־גרייכט די שאַכטע האָט עס אזש אין די אויגען און אין האלז געריסען. דאָ איז עס מיט א פּאָר מינוט פריהער דער אויפרייס געווען און דער בייסעדיגער רויך איז געווען געדיכט ווי א וואַנט. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען טיעפער אין רויך אריין. ס׳האָבען זיך בעוויזען רויטע פייערלעך און קלאָר האָט מען געקענט הערען שטימען פון מענשען.

ווייזט אויס, אז פאַר דעם מיסטער וואָקער איז דער רויך גע ווען א גאַנץ נאַטירליכע זאַך, ווייל ער האָט אפילו ניט געפונען פאַר

נויטיג עפעס צו בעמערקען ווען איך האב זיך שטארק צוהוסט איהם נאכנעהענדיג מיט מיין לעמפעל, וואס האט ווינציג געלויכ־טען. קוים וואס מען האט געקענט בעמערקען די צוויי מענשען וואס האבען זיך געקלאטשעט אין א הורבע צוריסענע גראניט־שטיקער. ווי שאטענס האבען זיי אויסגעזעהען אין דעם טריבען שיין פון זייערע לעמפלעך. עס איז מיר גאר ניט איינגעפאלען זיי עפעס צו פרעגען, וויסענדיג אז אין דעם שטיקענדיגען רויך וועלען זיי זיך דא אומדרעהען דעם גאנצען טאג. מיין בעגלייטער האט אויך געשוויגען. ווען מיר האבען זיך שוין געהאלטען ביים אראב־לאזען צו דער שאכטע נומער זעכצען, האט ער בעמערקט:

— ניט אומעטום איז אזוי אנגערויכערט. מיינסטענס רייסט מען דעם שטיין אײדער מען פערלאזט די מינע און דאצו — ניט אלעמען שארט דער רויך.

מיר האבען זיך דורך די לייטערס אראבגעלאזען אלץ נידעריגער און נידעריגער, גליטשענדיג זיך דורך די הונדערט־פוס לאנגע לעכער, וואס אין גראניט. די ארבייט אונטען האט געקאכט. וועגע־לעך נאך וועגעלעך זיינען פערביי אונז דורך צום הויפט־אריינגאנג און הינטער זיי די אונטערשטופערס. צווישען זיי זיינען שוין פאר ראן סלאווען און איטאליענער, ווייל א קלענערען פרייז צאהלט מען דערביי...

ס'האט זיך דערהערט א קרעכץ אין די קלעצער ווען מיר זיי־נען פערביי אן אונטערגעבויטען ארט. האט דער פערוואלטער אויפ־געהויבען זיין לעמפעל און בעטראכט די קלעצער:

— ערשט נעכטען איז נאך גאנץ געווען און איצטער שוין צופלאצט — האט ער בעמערקט.

די דיקע קלעצער האבען זיך געקרימט אונטער דער שווערער משא וואס האט פון אויבען געפרעסט, און איין קלאץ, א דיקע, ניט ארומצונעהמען, איז ווי א פלעצעל צוקוועטשט געווארען.

ס'אי ניט קיין געפאהר, נאר מען וועט עס דארפען גלייך פער־ריכטען. זעהסט, וואס פאר א שטארקע האלץ נאך? האט ער צום

צודריקטען באלקען אויפגעהויבען זיין לעמפעל — צעהן אויגען בעדארף מען האבען.

ביי א פלאץ וואו מען האט אונטערגעבויט א דורכגאנג זיינען פיער יונגען געשטאנען איינגעבויגען און מיט זייערע קארקס האבען זיי אונטערגעהויבען א בעליק אין דער הויך און איינער אן עלטערער האט איהם אונטערגעשפארט. דער אלטער, א האלענדער, שוין דרייסיג יאהר ביי אזא ארבייט. ס'אי געווען ניט ווייט פון דער עפנונג צו דער שאכטע נומער אכצעהן און ער האט עפעס בעדארפט פון דארט בעקומען א ברעטעל, האט ער ווי א יונגער איינגעל ארויפגעקלעטערט איבער דער לאך און אויף א שמאלען בעליק דורכגעגאנגען.

— ווערסט נאך ארונטערפאלען צו אלדע גוטע יאהר — האב איך צו איהם א געשריי געטאן.

— שוין דרייסיג יאהר, מיסטער, אז מיר בויען אונטער שאכטעס און מען פאלט ניט ארונטער, כא־כא — אט זעהסטו מיין זוהן — אזוי בין איך געווען מיט דרייסיג יאהר צוריק, כא־כא-כא!

— א גוטער עולם אט די האלענדער, האט מיין בעגלייטער צוגעגעבען. א געדולדיגער, ניטא קיין עגמת נפש פון זיי, כע־כע— האט ער דערצעהלט ווען מיר האבען געקלעטערט דורך דער עפנונג צו דער שאכטע נומער אכצען — אט די סלאווען, די איטאליענער, איינער צוויי איז נאך צו דערליידען; קומען זיי אבער אן אין א גרויסער צאל איז ניט גוט. דערפיהלען זיי זיך נאר שטארק האבען זיי ליעב צו נעהמען די אויבערהאנט. כע-כע — ביי א דריי הונדערט האבען זיי זיך אהער אמאל ארונטערגעלאזען קיין קריפעל-קריק. געוואלט זיך דא אבשטעלען. האבען מיר זיי ארייגעזעצט אין ב א נ י ס און געהייסען פאהרען פון דאנען. קריפעל־קריק פערטראגט ניט אזעלכע.

אז מיר זיינען אריין אין דער שאכטע נומער אכצעהן, וואס מיינט אכצעהן הונדערט פוס טיעף, איז אונז אנטקעגען געקומען פון ערגעץ אזא מין גערויש און געפילדער און קלעפ פון האמערס

איבער אייזען, אז מיר האָט זיך אויסגעוויזען — ניט קיין מענשען זיינען דאָרט אין דער שאכטע נאָר רוחות און ניט אנדערש ווי זיי שמידען עס דאָרט די גאָלד. כ'בין שטעהן געבליבען און זיך צוגעהערט צו דעם אונגעוועהנליכען רעש.

— דאָרט איז אונזער קוזשנע וואו מען שארפט די עקבויערס און מען פעררי־כט די פערשיעדענע געצייג צו דער ארבייט.

וואָס ווייטער מיר זיינען געגאנגען אלץ שארפער און שווערער איז דער רעש אונז אנטקעגען געקומען. א רויטער שיין האָט זיך פון ווייטען בעוויזען.

ביים סאמע עק פון דער שאכטע, אכצעהן הונדערט פוס טיעף האָט מען עס די קוזשנע איינגעאָרדענט. א גרויסע ברייטע קוזשנע. ווענט פון ש ט י י ן; פעלז — דער געוועלב און ג ר א נ י ט — דער גרונט. א העלישער פייער ניט פון קוילען, נאָר פון א גאזשטראָם האָט זיך געריסען איבער דער האָרנע מיט אזא אימפעט און ווילדער זשוזשעריי, אזש די הויט אויפ'ן לייב האָט געציטערט. פיער שמידען, איינער אן אלטער און דריי יונגע אין לעדערנע פארטוכער און לעדערנע לאנגע הענטשקעס און מיט א אָפענער, אויסגעבראשטשעטער ברוסט א פערברוינטע, זיינען זיי געשטאנען און זיך געררויטיגט אנטקעגען פייער. הונדערטער עקבויערס ליגען אין ווענעלעך נעבען זיי. א שטעק אריין אן עקבויער אין העלישען פייער. א רגע — איז ער שוין צונטער רויט; אונטערגעלעגט אונטער אן אוטאָמאטישען שווערען האמער, א חריק — טאַ־טאַ — צוגעקלאפט און אוועקגעוואָרפען. געשווינדט געהט די ארבייט די היץ איז ניט איבערצוטראָגען פאר אונזערען א מענשען, ס'ווילט זיך עפעס זאָגען, נאָך דער גערויש פון פייער און האמער אין דער שטיינערנער הייל איז אזוי גרויס, אז אומזיסט איז גאָר די פראָבע עפעס צו זאָגען. ס'בילד זעהט ניט אויס ווי אין דער ווירקליכקייט, נאָר עפעס ווי אין א מעשה פון טויזענד און איין נאכט. אונטערערדישע פייערדיגע שמיעדען וואָס שמיעדען און שמיעדען און וואַרפען די אָנגעגליהטע אייזענס פון האנט צו האנט.

כ'האָב נאָך געוואַרט, אַז די אַלע פייער שמירען זאָלען אויסשיסען מיט א שאַלענדיגען, פייערדיגען געלעכטער און איך זאָל זיך אויפּכאַפּען און זיך וואונדערען פון דעם וואונדערליכען חלום...

— — — צו דער שאַכטע נומער ניינצען זיינען מיר ניט דערגאַנגען.

— ניט לאַנג נאָך האָט מען זי אויפגעעפענט און זי איז מיט וואַסער פערגאָסען. וואַסער זיך בעוויזען און שטערט די אַרבייט.

— פאַראַן דאָרט גאָלד?

— רייך.

* * *

ס'איז שוין געווען אַרום האַלבען טאָג ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין שפּאַציר. אַז מיר זיינען געקומען צום צענטער האָבען מיר געטראָפען די אַרבייטער פערזאַמעלט זיצענדיג ווער אויף א שטיין און ווער אויף א וועגעל און ווער די פיס אונטער זיך און געניסענדיג פון דער האַלבער שעה רוה און קייענדיג דעם טרוּקענעם עסען וואָס יעדערער האָט זיך אין א בלעכען קעסטעלע מיטגענומען. מען נעמט זיי ניט אַרויף אויבען צו דער ליכטיגער וועלט. זיי האָבען שטיל געקוקט צו אונז. ערנסט און שטום.

מיין בעגלייטער האָט ביים עלעווייטאָר געגעבען אַן עלעקטרישען סיגנאַל וואָס האָט לייכט געקלונגען צוויי־צוויי דריי איינס. אין א וויילע אַרום איז ווי א ווינט פון אויבען אַנגעקומען דער עלעווייטאָר. אויף איהם א לעדיגער אייזערנער וועגעלע און מיר האָבען זיך אין איהם אַריינגעזעצט. ווי פריהער האָבען שווערע, קאַלטען טראָפּענס געקאַפּעט און געפּאַלען אונטער'ן קאָלנער. דער עלעווייטאָר האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, נאָך דעם ווי מיסטער וואָקער האָט א סיגנאַל געגעבען, און זיך געטראָגען מיט א נאַסען פייף אַלץ העכער, העכער...

כ'בין נאָך געגאַנגען אין די מילען וואו מען וואַשט די שטיי־

נער, מען מאָלט זיי און כ׳מוז מודה זיין, אז קיין גאָלד האָב איך
ניט געזעהען...

זילבער

אומעטיג. עפּעס טהוט באנג נאָך דעם, ווי מען לאָזט זיך אראָב
צוריק פון די הויכע בערג, שפּירענדיג, אז דאָרט אויבען, צווישען
שטיינער, איבער די וואָלקענס, האָסטו געלאָזען מענשען אין דיין
געשטאַלט, וואָס גראָבען זיך אין די בערג, זוכען קאַלטע, שווערע
מעטאַלען; זוכען גאָלד, זילבער, קופּער, צין, אייזען. צומאָל ווילט
זיך אפשר מקנא זיין זייער גורל. האָבען דאָך א ווילען. זייער
אויסוואהל...

קומסטו אָבער שפּעטער אין גאס אריין, אין לעבען אריין, וואו
דיין אויג זוכט דעם תוך פון לעבען און דיינע בליקען, וואו זיי זאָ-
לען ניט פאַלען, טרעפען זיי — דאָ א בליץ פון גאָלד, דאָ — דער
בלאַסער אָבשיין פון זילבער, דאָ — רויטעלט זיך קופּער און
ס׳געלט מעש, גרויט זיך בליי און ס׳זשאַווערט אייזען; זעהסט ווי
ווייט אָט די אלע קאַלטע מעטאַלען האָבען זיך אין אונזער לעבען
אריינגעריסען, ווי ווייט זיי האָבען זיך אין אונזער נשמה אריינ-
געריסען; מערקסט ווי ביים קלאַנג פון די אלע מעטאַלען ווערט
דער טאָג צום לעבען ארויסגעפיהרט און ביים אייגענעם קאַלטען
קלאַנג פיהרט מען דעם געשטאָרבענעם טאָג צו דער קבורה —
אָ, ווען מען טראַכט זיך גוט אין דעם אריין, נאָך דעם ווי מען
פערברענגט אין די בערג, צי אין אנדערע ערטער, וואו די קאַלטע
מעטאַלען ווערען פון די פינסטערע בעהעלטענישען אויף דער ליכ-
טיגער וועלט ארויסגעבראַכט — דאָפּעלט טרויעריג ווערט אויפ׳ן
הארצען.

אין צפון־זייט פון קאָלאָראַדאָ, אין די גרויסע פעלזען־בערג,

צעהן—צוועלף טויזענד פוס הויך, וואו ס'האט זיין בעט דער ק ל א ר ע ר ט י י כ ע ל — דארט זיינען זילבער־אוצרות פאר־ראנגען. און כ'וויים נים, אויב אזוי לייכט וואלטען מענשען אהין דעם וועג אויסגעפינען, ווען נים אט דער קלארער וואסער־שטראם, וואס האט די פעלזענשטיינער, זייער הארץ אויף צווייען צושפאל־טען. ס'וואסער קומט פון די פערשנייטע קעפ און נאקען פון די בערג און ציהט זיך צו דער נידער, מורמעלט דעם גאנצען וועג, סודות ענטפלעקט עס:

— ציהט זיך אהין פון וואנען איך קום; מיט זילבער־שטויב און זילבער—קערענדלעך איז מיין בעט אויסגעשאטען.

ס'קלייבט זיך דער צוג בארג ארויף אויף זיינע שטאלענע רעלסען, שלענגעלט זיך ביים ראנד פון טייכעל. ס'וואסערעל האט קאפריזען, קרימט זיך, בויגט זיך, שפרינגט ארויף און אראב, און אזוי מוז דער צוג זיין וועג מאכען. ווארים דער פעלזען־שפאלט איז טיעף, די וואסער־בעט, ערטערווייז, צווישען צוויי קיהלע ווענט, וואס ווארפען זייערע שאטענס צום וואסער. די שטיין־ווענט זיינען הויך מיט'ן אויג נים אבצומעסטען זייער הויכקייט. דער בלויער הימעל ליעגט אויף זייערע שפיצען אנגעצויגען און ס'דאכט זיך, אז דער הימעל האט זיך איבער'ן טייכעל אראבגעבויר־גען נים צו דערלאזען דעם שטויב אהער אראבצופאלען. אבער ס'ק ל א ר ע טייכעל איז דא גאר נים אזוי קלאר. אומזיסט וואכט דער הימעל דארט פון אויבען.

ערגעץ דארט העכער אין די בערג גראבט מען זילבער. מען רייסט אויף די פעלזען און די שטיקער זייערע צומאלט מען אין אזעלכע מילען, וואס קענען שטיינער צומאלען. מען וואשט דעם צוקרישעלטען שטיין אין אזעלכע וואש־קארעטעס, וואס אין יענע מילען, און ס'וואסער פון דעם ק ל א ר ע ן טייכעל ווערט אין יענע מילען אריין פערנארט. ס'וואסער קומט אריין קלאר ווי קריסטאל און מען לאזט עס פון מיל ארויס בלאטיג־גרוי. ס'טרעפט נאך, אז א פארמער, וואס האט ערגעץ־וואו ביים צופוסענס פון א

פעלז א פאסיקעל פרוכטבארע ערד געפונען, נאר דער רעגען קומט אהין נים אין דער צייט, האט ער דעם טייבעל צו זיך אויפ'ן פעלד פערנארט, בעפרוכפערט זיין פעלד און ס'וואסער אבגעלאזען, נאך דעם ווי ער האט איהם דעם שטויב פון פעלד אין וועג אריין מיטגעגעבען. בלויז, אז מען קומט העכער, העכער אין די בערג אריין, וואו ס'איז צו קאלט, אז ברוים זאל וואקסען און דער שפור פון זילבער איז פערשוואונדען, דארטען איז ס'וואסער לויטער און קלאר, פון זיין בלויקיים קוקט די שנייאיגע קאלטקיים ארויס, און פון זיין קאלטקיים קוקען די בלויע-הימלען ארויס. און ס'מאלט דער געדאנק זיך אויס די צייט, ווען דער מענש האט פון דעם וועג דא נאך נים געוואוסט; ווען זיינע תאוות האט נאך דער מענש אהער נים אריבערגעטראגען — אך, ווי קלאר האט יעמאלט דא דער קלארער-וואסער געמוזט זיין! קלאר און ריין, ווי דער געלעכ־טער פון א יונג קינד...

זילבער... גאלד...

ס'האט דער מענש אבגעשאצט זייער ווערט און זילבער א קלענערען ווערט געגעבען. ווייל דער זילבער-גלאנץ איז מער בעשיי־דען. און אין דער צייט, וואס דער פרייז פון גאלד איז כמעט ווי פעסטגעשטעלט אין אלע שטעט, אין אלע לענדער, וואו מענשען ווייסען חכמת-החשבון, וויגט זיך אבער זילבער אין זיין פרייז און זיין ווערט האט נים שטענדיג דעם אייגענעם ווערט. דער ווערט פון זילבער געהט פון האנט צו האנט; מיט איהם שווינדעלט מען שוין, ספעקולירט מען שוין. און ווי דער פרייז פון זילבער אין טאל, אין שטאט, אזוי איז דער פולס פון לעבען אין דער הויך, וואו די זילבער אוצרות ווערען אויסגעפארשט און אויפגעדעקט. געווען א צייט, וואס דא אין די גרויע-בערג ביים קלארען-וואסער האט ווי אין א בינשטאק זיך גערודערט. אין די וואלקענס האבען זיך איבער נאכט שטעטלעך אויסגעבוים; איז אבער א צייט געקומען, ווען אין די בערג, צו מערב-זייט, אין קריפעל-קריק, האט זיך גאלד בעוויזען און אלצדינג האט אהין די אויגען, געווענדעט, אהין האט מען זיך

א לאז געטאן גליק זוכען. איינציגווייז האבען די מענשען זייערע שאכטעס פערלאזען, אין דער שטיל פון זייערע נארעס זיך ארויסגעשלייכט, מיט׳ן האמער און עקבויער אוועקגעלאזען זיך אהין, צו די בערג, וואס נעהענטער צו מערב־זייט — צום גלאנץ פון גאלד.

זילבער, אליין ביי זיך, איז פונקט אזוי יחסנ׳דיג דא, ווי גאלד אין קריפעל־קריק. איז אויך, אין קליינע שטויבעלעך, איינגעוואקסען אין דעם סאלידען גראניט. צו בעקומען זילבער דא, בעדארף מען זיך אזוי מטריח זיין, ווי גאלד צו ענטפלעקען. אויך דא האט מען אין יענע גוטע צייטען גאנצע בערג אונטער די בערג אויפגעריסען; פון אונטער דער ערד וועלטען גרויע שטיינדלעך ארויסגעבראכט, אויפגעשאטען לאנגע, הויכע וואלען — האט מען עס ניט געוואשען און ניט געמאלענערהייט געלאזען און צום גאלד זיך אוועקגעלאזען. און דא וואו ס׳איז אמאל א שטעטעל געווען, הייזער געשטאנען, פון דעם לעבעדיגען איז כמעט קיין שפור ניטא. בלויז ביים ראנד פון קלארען טייכעל, דא און דארט שטארצט א שטייגערנע מצבה ארויס אדער א הילצערנער פשוט׳ער צלם שווארצט זיך און שפיגעלט זיך אין וואסער. ס׳איז א צייכען, אז דא איז אמאל א לעבען געווען, אז דא האט אמאל אין אווענט געלעכטער געקלונגען, פונקט ווי אין קריפעל־קריק, די גאלד-געגענד. פונקט ווי אין קריפעל-קריק האבען זיך יעדער פארנאכט די בחורים פון אונטער דער ערד ארויסגעקומענע, געקליבען זיך אין שטעטעל אריין אין די שמאלע געסלעך זיך אויפגעטראפען מיט די בליקען פון די אנגעפארבטע מיידלעך, וואס האבען זיך דעם גאנצען טאג זליין געלאנגווייליגט און געגעניצט אין די שטילע גאסען; אט די מיידלעך אין קורצע קליידלעך, וואס האבען זיי אבגעווארט אין די שטילע געסלעך און מיט אויגען אנגעצונדענע צוגעזאגט נעכט פון לעבענסלוסט אנשטאט די טעג אין די פינסטערע שאכטעס....

ס׳איז איצטער א מלחמה אויף דער וועלט און די אלטע ווערטען פון זאכען, וואס האבען ניט קיין ווערט האבען זיך שטארק געביטען. דעם ערשטען פלאץ — ניט אין פרייז, נאר אין

וויכטיגקייט — פערנעהמט קופער, שטאָל און אייזען; שפּעטער ערשט קומט גאָלד און זילבער, און גאָר שפּעטער ערשט קומט דער מענש מיט זיינע תאוות. ס'איז דער ווערט פון קאַלטע מעטאַלען שטאַרק געשטיגען. אפשר קופער איז דער גרעסטער יחסן, אָבער זילבערס־ווערט האָט דאָך אין לאַנד גאַנץ פיין געשטיגען. שטאָל־צע ארבייטער פון קריפּעל־קריק האָבען דעם גאָלד־גלאַנץ פערלאָזען, ווייל ביי קופּער קען מען איצטער מעהר פערדיענען. אויך די האַרען פון די פערלאָזענע זילבער־מינען האָבען זיך אומגעקערט צו זייערע פערלאָזענע שאַכטעס, בעטראַכטען די אַנגעשאָטענע וואַלען ביים מויל פון זייערע שאַכטעס, וואונדערען זיך וואו די הייזער זיינען אהינגעקומען, וואָס האָבען זיך געשפּיגעלט אין שאָטען פונם וואסער דאָרטען אונטען...

ק אָ לאָ ר אַ ד אָ־צ ע נ ט ע ר. אזוי הייסט דער פּלאַץ, ביז צעהן טויזענד פוס הויך. ס'ציטערט די ליכטיגקייט איבער די שניי־בעשפּריינקעלטע בערגלעך ארום.

— זעהסטו — ווייזט מיר אָן דער פורמאַן, וואָס האָט מיך אהער געפיהרט מיט זיינע ווייסע פערד, ווייל אהער געהט דער באהן נים. — זעהסטו דאָרט אין דער נידער, וואו דער טייכעל איז? נימאָ קיין שפּור פון קיין הויז. און דאָ איז נאָך גאָר נים לאַנג אפשר דריי הונדערט הייזער געשטאַנען. א לעבעדיגע שטעטעל געווען, א פרעהליכע שטעטעל. נאָך ווי האָט מען דאָ געהוליעט.

— וואָס איז דאָס פאר א מצבה, וואָס שטאַרצט ארויס ביים זיים פון בערגעל, דאָרטען נעבען וואסער?

א קבר פון אונזערען א מענשען. געווען מעהר מצבות. נאָר ס'וואסער ווערט דאָ שפּעטער טיעפער: און זומער ווען דער שניי שמעלצט זיך אויף די בערג, יעמאָלט איז דער שטראָם דאָ, אָט ווי הויך! ביסלעכווייז האָט ער די מצבות און די צלם'ס אראָבגע־טראָגען.

— וואו־זשע זיינען די הייזער אהינגעקומען?

— צושלעפּט. קומט אימיצער זוכען אין די בערג, גראָבט זיך

איין, דארף ברעטער האָבען — צורייסט מען א הייזעל; אדער אז מען בעדארף א פייער אָנלעגען זיך אָנוואַרימען.

— פאַרוואָס נעהמט מען ניט אַרויס די ביינער פון די קברים דאָ?

— ווער בעדאַרף זיי דען?

— כ'מיין צונעהמען פון דאַנען און ערגעץ אויף א בית־עולם ווי געהעריג איז בעהאַלטען.

— ווער ווייס דען פון וואַנען אָט די מענשען קומען אָן... ווער ווייס וואו זייער היים איז? האָט דען א מ י י נ ע ר א היים, הא? כ'ווייס אזעלכע וואָס זיינען אהער געקומען בלויז אין די איינע קליידער, וואָס אויפ'ן לייב און מיט א האמער און ריי־דעל; האָבען זיך אזוי לאַנג געגראָבען אין בארג אריין, ביז זיי זיי־נען שוין פון דאָרט ניט אַרויסגעקראָכען: ווינטער געקומען — פער־פרוירען געוואָרען. דאכט זיך דיר, אז דו זעהסט גאָרניט אויף די בערג, קענסט דאָ גאָרניט דערקענען; אבער זיי — זיי דערשמעקען שוין דעם זילבער. ס'דאכט זיך דיר, אז קיינער איז דאָרט ניטאָ; וואַרט ביז דער טאָג וועט אריבער, וועסטו זעהען ווי איינציגווייז וועלען זיי פון די לעבער אַרויס, ווי מייז. אָט די אלע בערג אַרום — קוק זיי אָן — פוסט זיינען זיי אינעווייניג, אויסגעהוילט, ווי מוראשקעס וואָלטען אין זיי טאָג און נאכט ארבייטען. לענג און ברייט, אַרויף און אַראָב, האָט מען דאָרט די שטיינער אויפגעריסען, זיי צובראַכען און זייער שטויב האָט דער טייכעל אונטען אוועק־געטראָגען. וויפיעל מענשען זיינען דאָ אומגעקומען! אָט וואַלגע־רען זיך זייערע ביינער, זילבער שטייגט — איצטער ציהט זיך דער עולם ווידער אהער. אפשר וועט דאָ פרעהליכער ווערען...

אין דער לאַבאָראַטאָריע, וואו א אידישער אינזשעניער מאכט עקספּערימענטען מיט דער רודע, אז כ'בין אהין אריינגעקומען האָ־בען די שאַרפע כעמישע שטאָפען מיר אָנגעהויבען צו שניידען אין האַלז און אין די אויגען. מען האָט אויסגעפונען נייע כעמישע מיט־לען, ווי אזוי אָבצוטיילען דעם מעטאַל פונם שטיין. און דער גרוי־

סער וואָל גרויע, דראָבנע שטיינדלעך, וואָס ליעגט דערביי איז שוין לאַנג געווען פערלאָזען. נאָר איצטער האָט די צייט צום זילבער א שמייכעל געטאָן און מען האָט זיך צו דער רודע גענומען.

— אין דעם וואָל איז פאַראַנען ביי פינף הונדערט טויזענד טאָן רודע און ווען ס'זאָל געלינגען צו בעקומען פאַר צוויי דאָלער מעהר זילבער פון טאָן, איז עס א גאַנצער מיליאָן.

א גאַנצער מיליאָן. א גרויסער פערמעגען. און די בעמישע שטאָפּען מאַכען מיר די אויגען טרערען, און ס'גראַבעלט אין האַלז ווי שמעק־טאַבאַק וואָלט מען מיר אין האַלז אריין אריינגעשטויבט.

די שאַכטע וואָס כ'האָב בעזוכט איז אַן אַלטע א פּאָר יאָהר זי ניט געטשעפּעט. כ'האָב מיר אָנגעטאָן אין הויכע גומענע שיך און עפּעס אויף זיך ארויפגעוואָרפען און מיט אַן אָנגעצונדענער ליכט געלאָזט זיך געהן אין באַרג אריין. די אויבערשטע שאַכטע און — מען דאַרף זיך ניט אראָבלאָזען אין דער טיעף. בלויז געהן, געהן מיט דעם ענגען, פינסטערען טונעל. פון אויבען טריפען קאַל־טע טראָפּענס און אונטען איז וואַסער. גאַנץ טיעף. איבער די שיך. פון ערגעץ קומט אָן א ווינט און וויל די ליכט אויסלעשען. אָבגע־העגדיג ביי א פערטעל מייל קומט מען צו א פּלאַץ, וואו די קלע־צער, אונטערגעבויטע, זיינען איינגעפאַלען. דאָ צוגעהן זיך צוויי וועגען. ס'איז אָבער שווער דורכצוגעהן. קומט אויס אין וואַסער צו געהן.

— ווילסטו געהן ווייטער — פרעגט מיך דער אינזשענער.

— קען שוין זיין גענוג.

— דאָ זיינען צוויי ארבייטער ערגעץ אינוועניג פאַראַן.

— וואָס טהוען זיי?

— זיי זיינען אוועק זעהען, אויב מען קען די ארבייט אָנהוי־בען. מיר דאַכט איך הער זיי — טאָמפּסאָן!.. מען הערט ניט.

— איז ניט קיין געפאַהר, וואָס דאָ איז איינגעפאַלען?

— דאָס איז שוין די קלענסטע געפאַהר. אָט די אַלע קאַטאַס־טראָפעס, וואָס טרעפען אין די מינעס זיינען גאָרניט. נאָר, אַז א

שאכטע רייסט אויף, א מענש ווערט געהרג'עט, דאס לאזט זיך הערען, אבער אז די גאנצע ארבייט איז נים פאר'ן כח פון מענשען אויף דעם קוקט מען זיך נים אום. פאראן אזא זאך ווי שווינדזוכט, מ י י נ ע ר ס-ק א נ ס א מ פ ש א ן, דאס איז ער דער שונא פון די אלע, וואס מאכען א לעבען אונטער דער ערד...

כ'וויים נים פארוואס כ'האב מיר אזוי מיעד געשפירט ארויס־קומענדיג פון אונטער דער ערד. דער בלענדענדיג-ווייסער פלעק, וואס אין מויל פון דער שאכטע און צו וועלכען כ'האב מיר דער־נעהענטערט מיט דער ליכט אין האנט, איז אלץ ברייטער געווא־רען און ליכטיגער געווארען, ווי אן אויג פון דעם ליכטיגען שטי־לען טאג, וואס האט זיך אויסגעברייט איבער די בערג. די ליכ־טיגקייט האט אריינגעשטראמט אין מיר, ווי נאר כ'בין פון דער שאכטע ארויס, און די ליכטיגקייט האט אויסגעלאשען דעם רויט־ליכען מיעדען פלאם פון דער ליכט אין מיין האנט.

כ'בין הינטער'ן בערגעל געבליבען זיצען, נעבען דער מויל פון דער שאכטע און ס'ליכט האט זיך אויף מיר געגאסען און געגאסען. ס'הארץ האט הויך געקלאפט, ווי מיט א זילבערנעם האמער וואלט דארט אימיצער געהאמערט...

זילבער... גאלד... קופער.. שטאל און אייזען — — —

די ווערטען פון אונזער צייט. ירושה פון פריהערדיגע דורות און אזוי וועט עס זיין אין די קומענדע צייטען.

די זון געהט אויף יעדען בעגינען, בעלייכט די בערג, בעלייכט דעם טאל. ליכטיגער איז אין די בערג ווי אין טאל. אבער א סך רו־היגער איז דעם מענשען'ס הארץ אין טאל און זיכערער שפירט ער זיך אין טאל. פון צייט צו צייט לאזט ער זיך ארויפשטייגען אויף די העכסטע בערג. ברענגט ער די זון פון דארטען אראב? מאכט ער יעם לעבען אין טאל ליכטיגער?

— גאלד, זילבער, קופער, אייזען —

דאס אלץ, וואס ער ברענגט אויף זיינע פלייצעס. ער טראגט

די שווערע משא און זינקט אונטער איהר לאסט, אזש דער רוקענ־
ביין ברעכט זיך אונטער דעם יאך...

אויגען

יעדע געגענד דא אין לאנד לאזט איבער א צייכען און נעדע־
בעניש ווען איהר רייזט דורך איהר. איינע שפרייט אויס גרינע
פעלדער פאר דעם דורכגעהער אדער דורכפאהרער; די אנדערע
גרויסט זיך מיט איהרע וועלדער. איין שטאט לאזט דעם שטויב
פון זיין טרוקענעם גרונט אויף אייערע קליידער, דער אנדערער —
די סאזשע פון די פאבריק־קוימענס. איין געגענד ווינקט מיט איה־
רע בערג, וואס שטענדיג וואוינט דער ווינטער אויף זייערע שפי־
צען, און די אנדערע — קומט אנטקעגען מיט איהרע שטראמינע
טייכען.

פאראן אבער דא געגענדען, וואו **אויגען** טונקעלע
בעגעגענען דעם וואנדערער אויף זיינע וועגען; אויגען, וואס שניי־
דען זיך אויף אייביג איין אין זכרון. אויגען טונקעלע, שווארצלעך־
ברוינע און מיט א טיעפען פייער אין זיך; אויגען, דאכט זיך, וואס
גיבען צומאל קיין פינטעל ניט ווען זיי קוקען.

אז מען דערנעהענטערט זיך צו דרום־זייט פון קאלאראדא, צו
די גרעניצען פון ניו־מעקסיקא, נאהענטער צום ראנד פון לאנד,
וואו די געגענד איז א טרוקענע, א ברענענדיגע, א שטויביגע און
זוניגע, וואו בוימער שמאכטען, טייכען טריקענען אויס און פריי
טראגען אויף מוראשקעס זייערע בערג און בויען זייערע פאלאצען,
אט דא קוקען ארויס יענע אויגען צום וואנדערער פון אלע ווינ־
קעלעך.

די געגענד האט נאך דעם אויסזעהען גשווים, ווי אין די צייר־
טען פון קאלומבוס. די הייזלאך לייטענע, וואס מען טרעפט דא,

האבען דאכט זיך מיר קיין שום שייכות ניט מיט דער היינטיגער אמעריקא. אבער די, וואס קוקען ארויס פון אהינטער די הייזלעך, אדער פון די פענסטער — פשוט'ע לעכער אין די ליימענע ווענט — דאס זיינען לעבעדיגע מענשען; קינדער פון דעם לאנד; אט דא אין די הייסע זאמדען, צו די אנגעגליהטע פעלזען האבען זיך צו־געטוליעט אינדיאנער אדער אינדיש און שפאניש בלוט אינאיינעם געמישט.

אפשר זיבעציג בעזונדערע שבטים זיינען זיי דא געווען, מיט אפשר זיבעציג בעזונדערע לשונות. פאר דעם אבער, וואס זוכט ניט צו פערשטעהן זייערע לשונות און לאזט זיך ניט פארשען זייער היסטאריע, פאר דעם איז גענוג זייערע אויגען; אין זיי קען ער לעזען אלץ וואס ס'איז פון דעם לאנד ניט דערצעהלט געווארען צווישען די קינדער פון דער ווייסער ראסע. זייערע אויגען דער־צעהלען פון זאכען וואס רופען ארויס אזא טרויער אין הארצען; אזא בענקשאפט צו די צייטען וואס זיינען שוין פערגאנגען און קיין מאל, קיין מאל וועלען זיי זיך שוין צוריק ניט אומקערען.

די, וואס שרייבען און האבען געשריבען די היסטאריע פון אמעריקא, פרעגען:

— פאר וואס האבען די אינדיאנער ניט געקענט זיך שטעלען אנטקעגען דער ווייסער ראסע?

— דערפאר וואס זיי זיינען געווען פערנומען מיט פיהרען מלחמות צווישען זיך; און ווייל זיי האבען זיך ניט געקענט שטע־לען אנטקעגען דער ציוויליזאציע.

יא, ס'איז זעהר קלאר.

וואס האט ווירקליך צו טאן די ה י ס ט א ר י ע מיט אויגען — ברענענדיגע, בעוועגונגען — ווי פון דער פאנטערע, בוי־גיגע, זאנפטע און זיכערע; און וואס האט די צ י ו ו י ל י ז א־צ י ע צו טאן מיט ליעדער אהן ווערטער, טענץ און עקסטאז־ארויסגעשרייען, מיט השתפכות הנפש, מיט געזאנג צו יעדען נייעם, געבוירענעם טאג און פארכט פאר דער טונקעלער נאכט?

— נאָר ניט!

אז דו לעבסט אין מזרח־טייל פון לאַנד, געניסענדיג פון דער שטיין און שטאָלענער קולטור; געניסט פון דער פינף-צעהן־סענטיגער און קוואָדערדיגער ציוויליזאַציע — פערגעסטו נאָר פון אמעריקא'ס יוגענד.

די מענשען פון דער ווייסער ראַסע, אז זיי ווילען זיך אבי־סעל פערטיעפען אין זייער עבר און פון דאָרט זיך עפּעס דערמאָהנען, דערצעהלען זאכען. וואָס פאַר קינדער אזוי גוט ווי פאר אלטע זאָל עס זיין נאָהענט צום הארצען; זאכען וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אויף דער גרעניץ פון וואָר און ליגען, לעגענדען און טרוקענע פאַקטען; וואָס קען אייך א קינד פון דער ווייסער ראַסע דערצעהלען?

— אז מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק איז נאָך דאָ אין לאַנד ניט געווען קיין אייזענבאהנען; קיין עלעקטרי אויך ניט געווען. מיט אויל־לעמפּלעך האָט מען די הייזער בעלויכטען. ניט געווען קיין וועב און שפּין-מאַשינען; נאָר מיט א פשוט'ען שפּין־רעדעל האָט מען וואָל און פלאַקס געשפּונען און ביי א פשוט'ען וועבשטול איז מען געזעסען און געוועבט א געוועב צו מאכען קליידער פון דעם. און כמעט דאביי ענדיגט זיך אלץ.

וואָרים די אריבערגעקומענע פון דער אלטער וועלט זיינען שוין געווען קינדער פון דערוואַקסענע פעלקער, שוין מיט קנייטשען אויפ'ן פּנים און מיט "טריקאָענע" הויזען און ווייסע שפּיצען-קעלנערלאַך ארום האלז. די ווייסע ראַסע, יעדער פון זיי, האָט זיין היסטאָריע געלאָזען אויף יענער זייט ים און די בענקשאַפט אהין האָט דער ים־ריח אויסגעוועבט; די זכרונות אבגעקראַכענע, דעם פארב פערלאָרען. אהער זיינען אריבערגעקומען דערוואַקסענע מענשען, וואָס דאָ ערשט האָבען זיי בעדאַרפט צוריק יונג ווערען. און ארויסגעקומען איז דאָס, וואָס מען בעקומט פון אלט'געבאַקען ברויט ווען מען פרישט עס אָב אין א הייסען אויווען. און דעריבער פעהלט דאָ די בענקשאַפט אין די אויגען פון דעם ווייסען מענשען; דעריבער

פעהלט דאָ דער פערבאָרגענער פייער אין די אויגען און אין די בלוטען פון דעם ווייסען מענשען.

זאָל דאָ די ווייסע ראַסע פּרואווען צומאַכען די אויגען און וועלען אביסעל חלום'ען: אזוי זיך אוועקטראָגען אויף די פליגלען פון דעם דמיון, אזוי זיך דערוויטערען פון די ה י ס ט אָ ר י ש ע געשעהעניששען, וויכטיגע און ווענינער וויכטיגע, אזוי זיך פערבלאָנדזשען אין פער'כשופ'טע, אין צויבער־וועלטען, קינדער־וועלטען — זאָל עס פּרואווען דאָ די ווייסע ראַסע — ס'וועט ניט געלינגען.

די היסטאָריע פון דער ווייסער ראַסע דאָ איז מ ז ו מ ן. איהר בעדאַרפט ניט טרויען אדער גלויבען אויפ'ן וואָרט. ס'אי ניט די היסטאָריע און לעבען פון די אַלטע וועלטען, מזרח אדער מערב. די פּאָרשטעהער פון דער איצטיגער אמעריקא ווייסען ניט פון קיין קינדער־יאָהרען; און דאָס וואָס ס'האָט צו טאָן מיט די קינדער־יאָהרען פון ל א נ ד, דאָס שפּיעלט פאַר דער ווייסער ראַסע קיין ראָלע ניט. ס'אי דער אויפגעקומענער קצין אבער ניט — דער איינגעבאָרענער. ס'זיינען דאָ פאַראן לעבעדיגע און ניט־לעבעדיגע סמנים פון אמעריקא'ס קינדער־יאָהרען און אלע ווערען אויף איין אופן בעהאַנדעלט און בעטראַכט:

די ניאַגראַ־וואַסער־פאַלען וואָס רוישען און שרייען: „אונזער לאַנד איז יונג, אונזער לאַנד איז שעהן, אונזער לאַנד איז גרויס, אונזער לאַנד איז פריי — און זעהט ווי הויך מיר פאַלען פראַנק און פריי"... אָט די פרייע וואַסער־פאַלען ווערען ארומגעבוימט און זייער לויף ווערט פערהאַלטען; מיט זייער כח בעשאַפט מען ע ל ע ק ט ר י צ י ט ע ט פאַר דער געגענד. די בוימער אין אָרע־גאָן ווערען אויסגעהאַקט און די פעלזען־ווענט פון אַריזאָנא'ס פעל־זען־שפּאַלט, ניט קענענדיג זייער פּנים פערדאַרבען אויף אַן אַנדער אופן, האָט מען באַטש אויף זיי פּסוקים פון ברית חדשה אָנגעשרי־בען. און די אייגענע בעציהונג איז צו די לעבעדיגע סמנים, צו די אינדיאַנער, וואָס די ווייסע ראַסע ברעכט זיך דעם קאָפּ זיך צו דערוויסען אויף קלאָר פון וואַנען זיי זיינען אהער אָנגעקומען.

מען קלערט אַלץ פון וואַנען זיי זיינען אהער אָנגעקומען און מען פערגעסט, אַז קאָלומבוס האָט זיי שוין דאָ געפונען; אַז זיי האָבען דאָ די ערשטע א פייער אָנגעלעגט און דער מוטער ערד געוואַרעמט.

זיי זיינען אַזוי אַ ל ט ווי די מיסיסיפּי, אַזוי אַלט ווי די בערג פון קאָלאָראַדאָ און ווי די בוימער אין אָרעגאָן און זיי זיי־נען אַזוי י ו נ ג ווי דער האָדסאָן, אַזוי י ו נ ג ווי די ניאַגראַ פאַלען, ווי דער ג ר י נ ע ר ט י י ך אין די בערג פון ווייאָמינג. די קינדער פון דער ווייסער ראַסע האָבען זיי ביים אָנ־קומען געטראָפען אויף אַלע ברעגעס, ביי אַלע אַמעריקאַ'ס וואַסער־ראַנדען: ס'האָבען די שפּאַניער זיי געטראָפען ביי די דרום-ברעגעס פון לאַנד. ס'האָבען זיי האָלענדער געטראָפען ביים שעהנעם האָד־סאָן וואָס אין מזרח זייט פון לאַנד. ס'האָבען די ענגלענדער, די דייטשען זיך געוואַרימט ביי זייערע פייערען און גע'חנ'דעלט זיך צו זייערע פלינקע טעכטער. ביי אַלע טייכען, ביי אַלע שטראָמען זיינען זייערע שפּורען געווען און פון אַלע זייטען, דרום און מזרח, האָט מען זיי גענומען ברענגען זייערע טריט. ווער מיט שיס-פּולווער און ווער מיט אַ נייער אַ מ ו נ ה, מיט אַ נייעם גלויבען אין תורה וועגען ליעבע און רחמנות האָט מען זיי פון אַלע טייכען, פון אַלע ים'ען פערטריבען. אַרויס פון די גרינע טאָהלען, אַרויס פון דעם שאָטען פון די בערג; ווייטער, ווייטער האָט מען זיי, מיט קאַנאָנען און ווערטער פון אייביגען לעבען און ליעבע, ביז אין די מדבריות פון קאָלאָראַדאָ, אַריזאָנאַ און קאַליפאָרניאַ פערטריבען, ווייט אהין אין די קאַכעדיגע זאַמדען פון ניו-מעקסיקאָ.

„מיינע הויכע בערג".

ווער נאָך דאָ אויסער דעם אינדיאַנער קען אַזוי זאָגען: מ י י־נ ע ה ו י כ ע ב ע ר ג.

די אינדיאַנער זיינען דאָ די איינציגע ביי וועמען אין די אוי־גען אָט די הויכע בערג שפּיעלען זיך אָב; אָט די אַלע וואַסער־פאַ־לען און אור־אַלטע וועלדער שפּיגלען זיך אָב אין זייערע טונקעלע אויגען, די אויגען פון די איבערגעבליבענע אינדיאַנער שבטים דאָ

אין לאנד.

און ווען עס טרעפט דא אמאל, איין מאל אין א יובל, איינער פון דער ווייסער ראסע האט פון דעם אמת'ן קוואל דא געטרונקען; צי אין דער פרערי, צי אין די בערג. און זיין הארץ האט זיך אנגעצונדען, און זיינע אויגען האבען אויפגעפלאקערט — זיין נשמה האט אויפגעפלאמט, א ליעד האט זיך פון זיין הארצען ארויסגעריסען — א ליעד מיט ווערטער, א ליעד אהן ווערטער אליין איינס מיט די יוגענד-קלאנגען פון דעם אינדיאנער'ס ליעד קלינגט די ליעד פונ'ם ווייסען מענשען. זעלטען, גאר זעלטען טרעפט עס. ביי איינעם פון מיליאנען איינמאל אין א דור...

און ווי טרויעריג ווערט אויפ'ן הארצען טראכטענדיג, אז אט די שבטים דא אין לאנד, וואס טראגען די יוגענד פון לאנד אין זייערע אויגען, אט די פרייע קינדער אמעריקא'ס, וואס זינגען נאך און טאנצען אין די טעג פון זייער לעבען, אז אט די אלע פויגעל-פייע, הירשען-פלינקע — זינגען אויס זייערע לעצטע ליעדער, טאנצען אויס זייערע לעצטע טענץ. זיי שטארבען דא אויס טאנצענדיג און זינגענדיג. ווי קינדער קליינע, גאר קליינע זיינען זיי געבליבען.

ניט ביי זיי קענט איהר געפינען א געשיכטע פון אמעריקא, וואס זאל זיך אנהויבען: "אין דעם און אין דעם יאהר"... זיי זיינען ווי קליינע קינדערלעך וואס ווייסען ניט קיין סדר פון זייער לעבען, ווייסען ניט די היסטאריע פון זייער ז י י ן. ניטא קיין קאלטע ציפערען פון זייער לעבען. זיי קוקען נאך אלץ מיט שרעק ווען דער טאג קומט אן און מיט שרעק ווען ער פערגעהט. און מיט דער קינדערשער תפילה אויף די ליפען שטארבען זיי.

כ'האב געזעהען די מ ו ש ק א ק י ס אין אקלאאמא, דער איינציגער פלאץ וואו זיי זיינען שוין באלד כמעט מ ע נ ש ע ן געווארען. כ'האב געזעהען די ה א פ י ס אין ניו־מעקסיקא, די מ א ה א ו ו י ס אין אריזאנא; איינס אין אנדערען ניט געראטען, ניט מיט זייער וואוקס און ניט מיט דעם געבוי, אבער אויגען און אין די אויגען — אלץ דער אייביגער פייער, אלץ די איי-

נענע בענקשאפט, אלץ דער איינגענער טרויער פאר אונזערען א מענ־שען.

— ווי לאנג ביזטו דא אין לאנד? — פרעג איך איינעם.

— שטענדיג געוועז.

— ווייסטו וואו דער שעהנער האָדסאָן איז? ווייסטו, אז דאָרט איז אמאָל דיין היים געווען און, אז די וואסער דאָרט איז קלאָר און טיעף?

— האָסטו אונזערע טענץ געזעהען? קום צו אונז אין דאָרף אריין, ביי דער ריא־גראנדע.

ביי דער ריא־גראנדע איז זיין ליימען הייזעל. דאָרט שטעהט און קיהלט די פיס אין דער ריא־גראנדע זיין דראָבנע פערדעל, רויט און ווייס געפלעקט. אך, ווי פלינק ער טראָגט זיך צו די בערגלעך יעדען אווענט אויף דער רעכטער זייט פון דער ריא־גראנדע. דאָרט פערגעהט די זון. אויפ'ן פערדעל, רויט און ווייס געפלעקט — ער, ווי דער פערד, ביידע וואכען, קוקען ווי די זון פערגעהט; ווי די נאכט קומט אָן. און אָהן דעם פערדעל איז זיין טריט געמאָסטען, לאנגזאם, בויגיג שפאנט ער ארום זיין ליימען הייזעל מיט דער שווערער דערע אויף די פלייצעס. זאָל אָבער נאָר דער ווינט איהם עפּעס אין אויער איינרוימען — ווי דער הירש איז ער פלינק, ווי דער לעמפּערט איז ער בויגיג.

און די טענץ. גרויסע טענץ. לוסט און לעבען; לעבען און טויט.

דער זונען־טאנץ; דער אדלער־טאנץ. דער טייכען־טאנץ. גיט דער ניגון נאָר דער טאנץ. זייער טאנץ איז געזאנג. זייער תנועה, זייער בויג מיט'ן האנט און וויעג מיט'ן קערפּער איז ג ע ז א נ ג ס'טאנצט דער מענש דעם זונען־טאנץ. דאַרף די זון אין טאנץ דאָך לעבען. דארפען שטראהלען שיסען פון דעם טענצערס אויגען. אָהן א נגון איז דער טאנץ, בלויז מיט א "הא" אויסגעשריי פון צייט צו צייט, ווען די ארומיגע אין קאראאָד צינדען זיך אין זיין פייער אָן, און בויגען זיך צו זיין זייט, שליידערען זייערע הערצער צו

זיינע פּיס. אלע אינאיינעם ברענען מיט די העלישע זונענשטראהלען און צווישען זיי פּאלט דער טענצער; טאנצענדיג געהען איהם די כחות אויס. ס'געהט איהם ס'חיות אויס...

— ווען ביזטו אהער אין לאנד אריינגעקומען?

— געה פרעג דעם ווינט: פון וואנען ווינט, ביזטו אהער געקומען?...

און כאטש מען האט זיי פונקט ווי שעפּסען אויף איין אָרט צונויפגעטריבען, און כאטש ענג זיינען די ראמען וואו מען האט איהם מיט זיין פייל און בויגען איינגעפּאסט — דאָך פערליערט ער נים זיין פּנים.

די אויגען אָבגעפרישט ווען מען קומט אין זייער מחנה אריין און מען זעהט זייער קלייד. ווי דער פויגעל אין די וועלדער פּוצט דער מאן זיך אין די שעהנסטע פעדערען. און ווי דער פויגעל איז ער גרינג און פלינק.

ער מאכט זיין ציערונג. ער מאכט זיינע שפּיעלעכלעך און ברענגט זיי צו די וואָקזאלען, וואו די ווייסע ראסע טראָגט זיך דורך, אין געיעג נאָך א נארישען און נישטיגען לעבען. ברענגען ארויס געפּארבטע שיסעלעך ליימענע, רויט און בלוי; האנט־געוועבטען, טעפּיכער, און קוקען דער ווייסער מענש זאָל עס קויפען. ברענגט ער אדער זיי פּאטשערקעס אויף שנירלאך אָנגעצויגענע; שטיקלעך הימעל־בלויע טורקיי-שטיינער אויף שנירלעך אָנ־געצויגענע. — קויף עס, קויף עס, מיסטער.

ס'קוקט דער מ י ס ט ע ר.

זאָגט איהם עפּעס ס'ליימענע שיסעלע מיט רויט און בלויע פּארבען? דערצעהלט איהם וואָס דער טעפּיך, זיינע גרוי און בלויע ראנדען פון שטייף-געדרעהטען וואָל, מיט די פינגער אויסגעוועבט?

און וואָס זאָגען איהם די אויגען א י ה ר ע, אדער ז י ינ ע, וואָס קוקען ארויף צו איהם — א, די אויגען פון די אינ־דיאנער אין די היגע מדבריות פערטריבענע?

אויגען, אמעריקא'ס אויגען...

אריזאָנא׳ם גרויסער פעלזענשפּאלט.

מען קען מיינען, אז דאָס האָט די ערד איהר מויל אויפגעעפענט און א גאנצע שורה בערג איינגעשלונגען און זיי זיינען איהר אין שלונג געבליבען שטעהן; ס׳מויל איז אָפען געבליבען און די בערג-שפּיצען קוקען ארויס און בעטען זיך, מען זאָל זיי בעפרייען.

מ׳קען מיינען, אז דאָ איז די פורעם פון דער נאטור וואו בערג ווערען בעשאפען, פעלזען־בערג, און איין מאָל אין א יובל, אין דער שטילסטער, שטילסטער נאכט, קומט די אלמעכטיגע האנט פון אויבען געשיקט, וואָס נעהמט פארזיכטיג ארוס אָט די בערג און טראָגט זיי אוועק און פלאנצט זיי איין דאָ און דאָרט אונטער׳ן הימעל...

מ׳קען מיינען, אז דאָ איז די פורעם פון דער נאטור וואו בערג שעפּענישען, וואָס מאכען צו לאסט דער מוטער ערד מיט זייערע מעשים; א צייכען צום מענשען, וואָס האָט אויגען און די אויגען ווילען אלץ בעטראכטען, דעם זינען פון אלצדינג אויסגעפינען — ער זאָל אין דער עפנונג דאָ אין פעלזען אריינקוקען און זעהן ווי נישטיג איז זיין ווילען, שוואך און נישטיג איז זיין השגה און זיין גאנצע גרויסקייט איז ווי דער רויך און נעבעל, וואָס הויבט זיך אויף פון דער ערד און פערשווינדט...

מען דאַרף דאָ לענגער פערברענגען; פריהמאָרגענס און אוועגטען, — טעג און נעכט כדי משיג צו זיין כאָטש דעם שאָטען פון דעם גרויסען, גרויסען וואונדער אויף גאָטס וועלט. אז מען פערברענגט א ביסעל לענגער אין שכנות פון אריזאָנא׳ס גרויסען פעלזענשפאלט, מיט די פעלזענבערג וואָס קוקען פון איהם ארויס, בעשענקט ער דיר אמאָל מיט זיין גענאָד און פריינדליכקייט; ער לאָזט דיך צו נאָהענט צו זיך; ער שענקט די אייגענע פריינדליכקייט וואָס די קאָלאָראדער בערג, אדער די א ל פּ ע ן אין דער אלטער וועלט, אָדער די א נ ד ע ן אין זיד־אמעריקא. ס׳אי נאָר גע-

ווענדעט ווי אזוי די זון איז אויפגעגאנגען און פערגאנגען און ווי אזוי דער טאג מיט זיין בעגינען און מיט זיין שקיעה האט זיך צו דיין הארצען דערנעהענטערט. ס'אי נאר געווענדעט ווי וויים דיין הארץ קען זיך פעראייניגען, כאטש אויף א רגע זיך דערנעהענטערען צו דער הארץ פון דער וועלט...

...די ערד איז דא אפען אויף א לענג פון אריבער צוויי הונדערט מייל; אריבער א מייל טיעף, און ערטער-ווייז ביז פינף־און־צוואנציג מייל ברייט. פון איין זייט שפאלט, צו דרום זייט, געדיכטע וועלדער, דאכט זיך, אז נאר די האנט בעדארף מען אויסשטרעקען און מען קען מיט'ן פינגער אנריהרען דעם אנדערען ראנד וואס איז גאנצע צוואנציג מייל וויים. אזוי מערקווירדיג איז די ליכט וואס שפיעלט צווישען די בערג־שפיצען, וואס קוקען ארויס פון אריזאנאס גרויסען פעלזענשפאלט אז די שטראהלען הויבען אן צו שפילען איבער דער עפנונג, הויבען יעמאלט אן די פעלזענבערג, וואס קוקען ארויס פון אבגרונד, צובייטען זייערע קאלירען; ווערען צובראכען אין טויזענדער פערשידענע ליניען, אין טויזענד פערשיעדענע פארמען; געפארבט מיט טויזענד פערשיעדענע פארבען, וואס מינגלען זיך, און טויזענד מאל א רגע בייט זיך פארב מיט פארב, קאליר — מיט קאליר...

אז איך בין אהין אנגעקומען האט זיך שוין די זון נעקליבען צו פערגעהן. די וועלדער פון דער רעכטער זייט האבען זיך געבאדען אין ליכטיגקייט און דער שניי אויף די סאן פראנציסקא בערג שפיצען האט ווי א גאלדענער שטראם אויסגעזעהן, וואס שטראמט און גיסט זיך פון די בערג אראב. און דא איבער'ן פעלזענשפאלט האט זיך די לעצטע שעה פון טאג צושפיעלט; אויפגעלויכטען, אויפגעשפיעלט און אויפגעזונגען מיט איהר ליכט, געזאנג און קלאנג. אט די לעצטע זונענשטראהלען, וואס פאנגען אין זייערע נעצען אונזער נשמה, זיי האבען א נעץ אויסגעשפרייט פון ראנד ביז ראנד; א שלייער אריבערגעצויגען איבער די בערג־שפיצען וואס זיינען פון פעלזען־שפאלט ארויסגעקומען. אונטער דעם

ליכטיגען, דורכזיכטיגען שלייער איז דער פארבען־שפּיעל פאַרגע־קומען; די קאָלירען זיינען פון דער טיעף ארויסגעקומען און פון דער טיעף ארוים האָבען די בערג אין כאָר געזונגען.

ס'האָט מיר אויסגעוויזען, אז די נשמה פון די בערג האָט זיך פון דער טיעף צו די הימלען געריסען; די בערג אָטעמען, זיי הויבען ארוים זייער פערלאנג, ארויף צו די הימלען. ס'איז דאָרט אין דער טיעף א גאָטעס־דיענסט פאָרגעקומען; די דינסט איז געווען מיט פארבען־טאנץ און פארבען שפּיעל. יעדע רגע איז דאָרט א נייע וועלט בעשאפען געוואָרען — אָבער קיין איינע איז ניט חרוב גע־וואָרען. יעדער נייע וועלט איז ביים זיים געבליבען א ווילע און באלד, מיט איהר גאנצער עהרליכקייט צו די הימלען זיך אויפגע־הויבען; אוועק אהין צו דער זון, בעגלייטען זי אין וועג אריין...

פריהער איז א ראָזיגער שטראָם אזוי אונבעמערקט און ניט אָנצוריהרען, איבער די פעלזענשפּיצען, אינ'ם פעלזענטאָל, פון ער־נעץ אָנגעקומען און מיט א ליכטיגער ראָזיגער פארב־געוועב אלץ אריבערגעצויגען, און באלד איז פון דעם ראָזען קאָליר א גרינקייט ארויסגעקומען, אזוי ארויסגעקוואָלען, און די פעלזען האָבען אָנגע־הויבען צו גרינען ווי עס גרינט א קאָרען־פעלד נאָך דעם ערשטען ווארימען פריהלינגס־רעגען. פּלוצלונג האָט א בונטער שטראַחלען־בונט זיך אריינגעריסען און אויף צווייען א פעלזען־צווילינג אי־בערגעשניטען און דאָס גרינע פעלד האָט אָנגעהויבען צו בלוטי־גען און דער בלוט־שטראָם האָט פון אויבען אלץ טיעפער, טיעפער אראָבגעשטראָמט אזש די שאָטענס דאָרט אין דער טיעף, דער נאכטס ערשטע שלוחים, אזש צו זיי האָט דער רויטער שטראָם דערגרייכט....

ס'האָט א פייכטער וואָלקען־פליגעל דאָרט אויבען דער זון פער־שאָטענט און אליין זיך אָנגעצונדען, זיך צושמאָלצען אין א ליי־דענשאפטליכען שטראָם, און ברושטין־פלעקען ליידענשאפטליכע זיינען אויף דעם טונקעל רויטען, פערגליווערטען בלוט געפאלען; זיך פון בלוט ארויסגעלעגט; ארויסגעהעלט...

ס׳וויל די נאכט פון גאר ניט וויסען. פריהער שיקט זי איהרע גרויע שלוחים. פון דער טיעף קומט א גרויקייט ארויף און קלייבט זיך העכער, העכער. קומען אבער איינציגע שטראהלען, אט די לעצ-טע שטראהלען, וואס ציגדען אלץ אין זייער וועג צום פערגעהן — זיי פאלען אין דער גרויקייט אריין און מאכען גלייך, ווי פייערדיגע פליגען וואלטען זיך אין לופטען, אין דער נידער דארטען טראגען, שוועבען: זשומען שוועבענדיג...

ס׳האט דער טאג בלויז א טייל פון זיין ליכטיגען פנים א רגע אויף דער זייט געלאזען. אין שורות שורות שטעלען זיך די בערג אויס אין דער נידער. ס׳ווארפט איין פעלזען-ריעז זיין שאטען אויף זיין נאהענטען שכן, און איינער לעשט די פארבען אין די קליידער פון זיין צווילינג-ברודער. ס׳ווארפט אויף זיי פון וויימען אן די נאכט א קלייד. בלויליך-גרויליך איז די קלייד און מיט טוי בעפערעלט; און נאך דעם קומט די נאכט אליין. זי קומט פון אלע זייטען אן. קומט נאר נאהענט און שווער בלוי, שווער-גרוי, שלייכט זי זיך אויף די פעלזען; בויגט זיך אריבער איבער דעם פעלזענשפאלט און אליין, אליין פערנעהמט זי אלע זיינע וואונדער, אלע זיינע סודות...

* * *

ס׳האט דער מענש אבער פיינט צו זיין ארומגערינגעלט מיט סודות-וועלטען; שטעלען זיין שטוהל אויף דער גרעניץ פון חלום און ווירקליכקייט. און כאטש ער לעבט זיין לעבען אב ווי אין חלום, דאך מאכט ער דער גרויער ווירקליכקייט הערשען איבער זיינע שעהנע חלום-וועלטען. גלייך מיט אלע האב איך מיך אויף דעם אנ-דערען טאג אויסגעניכטערט, און מיט א דרייסטער הארץ און מיט א קלוגען וועלטליכען פערשטאנד זיך ארויפגעזעצט אויף אן אנגע-זאטעלטען אייזעל און פון א טיכטיגען, ערפאהרענעם פיהרער, אייזעל-טרייבער, זיך געלאזען פיהרען אין דער טיף צו בעטראכטען דעם וואונדער איבער אלע וואונדער — א ר י ז א נ א ס ג ר ו י-ס ע ן פ ע ל ז ע נ ש פ א ל ט. דארטען אין דער טיף האט זיין בעט דער טייך קאלאראדא און ס׳ציהט אהין, זעהען יענעם

טייך, בעגריסען יענעם שטראם. ביז צום טייך איז גאנצע זיבען מייל ווייט אין דער טיף. ניטאָ קיין וועג אהין — בלויז א קאפריז. א מענשענס שעהנער קאפריז. א שטעגעלע אין פעלז ביי זיינע זייטען אויסגעהאקט, אזוי ארויף און אראָפּ פון פעלז צו פעלז ברעכט זיך דורך דאָס שטעגעלע און בלויז אייזלען מיט זייערע דינע פיס און זיכערע טריט, מיט זייער אייזערנעם גערולד און כלומר׳שדיגע עקשנות, נאָר זיי און מיט זייער הילף קען מען זיך לאָזען אין וועג אריין צו בעגריסען דעם טייך קאַלאַראַדאָ אין זיין קעניגרייך, אין זיין בעט פון שטיין. און אויפ׳ן אייזעל זיצענדיג מוז מען זיך דעם אייזעל אין רשות איבערגעבען, לאָזען איהם שטעלען זיין טריט אויף דעם ארט, וואו ער האָט אויסדער-וועהלט. און כל־זמן דער מענש וואָס זיצט אויפ׳ן זאָטעל, איז מענש און דער אייזעל אונטער׳ן זאָטעל איז אייזעל — איז דער צווילינג גאָר קיין גלייכער נים. ס׳קלאפּט דאָס הארץ ביים מענשען אויף׳ן אייזעל זיצענדיג, ווען די אויגען לאָזען בלויז איין בליק פאלען צו די אָפּגרונטען שטיינערנע, וואָס עפענען זיך אויף אין דער נידער. ס׳קלאפּט דאָס הארץ און עס שווינדעלט פאר די אויגען. דער וועג איז אָבער א לאנגער. ער ציהט זיך שטונדען-ווייז, און יעדע שעה ציהט זיך לאנג, גאָר לאנג; און ס׳טרעפט דער נס, אז דער זאָטעל פון צווישען אייזעל און רייטער, גלייך ווי אן אונ-בעקאנטע האנט וואָלט איהם פון אונטער׳ן מענשען ארויסגעצויגען גאָר אונבעמערקטערהייד, און מענש און אייזעל — איז איינס געוואָרען; אָט ווי יענער צענטויער, וואָס דער גאנצער גוף איז פערד, בלויז דער קאָפּ נאָר איז — מענש.

דער זאָטעל איז פון אונטער מיר ווי פערשוואונדען און מיין אייזעל האָט אויפגעהערט צו קרעכצען, שטעלענדיג זיינע טריט אויף׳ן ראנד פון אפּגרונד. ער האָט אויפגעהערט צו שפּירען דעם מענשען, וואָס איז געזעסען אויף זיין רוקען, דאמאָלס, ווען איהם שטעהט פאר אזא געפאהר. און איך האָב אויפגעהערט צו שפּי-רען מיין אונרוהיג הארץ, און מיין צוטרייסעלטער געמיט איז איינ-

גאנצען גאר פערשוואונדען. בלויז דער קאפ האט צו מיר געהערט. און די אויגען מיינע האבען אזוי ניכטער אנגעהויבען אלץ בעטראכטען, ווי נאר עס קען ניכטער זיין א טוריסט מיט א נאטיץ־ביכעלע און מיט א בלייפעדער אין האנט...

אין פעלזענשפאלט, איז ניט געווען דער כשוף, וואס די זון האט נעכטען אנגעווארפען אויף אלץ ביי איהר שקיעה. ניט געווען דער פארבען־שפיל פון נעכטיגען בין־השמשות. מאכענדיג מיין וועג בשותפות מיט'ן אייזעל, האט אלץ ארום אויסגעקוקט גרויס און נאקעט. נאקעט האבען זיך ארויסגעהויבען פון דער וויטער טיפעניש די ווענט פון גראניט און געריסען זיך אלץ העכער, העכער. שטרענג אויסגערעכענט און שטרענג צומאסטען זיינען די קאלירען פון די פעלזען. מיט א שנור געמאסטען און מיט א שארפען מעסער האט מען געשניטען גראניט־ווענט פון אלערליי קאלירען; איין וועלט אויף דער אנדערער געלעגט. העל־גרוי אויף טונקעל־גרוי געלעגט. ווייס אויף געל ארפגעלאזען און שפעטער מיט א שארפען מעסער אין דער ברייט א שניט געגעבען הין און הער און מיט צוויי מעכטיגע, אלמעכטיגע הענט דעם שניט פונאנדער־געריסען ביז צום אפגרונד. און אזוי זעהט מען די אלערליי פארבען, ווי זיי ליגען איינס אויף'ן אנדערען.

קומענדיג פון אויבען אין דער נידער, נידערט מען פריהער צווישען ווענט אלעבאסטער־ווייס. שפעטער, אין א גלייכער ליניע אפגעשניטען, געהט אוועק א גרויער מירמעלשטיין. קומט א רויטער, גלייכער שנור און שניידט עס איבער, און רויט, גאנץ רויט, ציהט זיך די וואנט אין דער נידער אוועק. שפעטער ווערט עס ברוינער; — רויטער שטיין און פערזשאווערטע אייזען האבען זיך פעראייניגט, די גרויסע לאסטען אויפצוהאלטען. שפעטער קומט א גרינלאך־שווארצלאך גלייכער שנור און ס'הויבען אן טונקעלען די ווענט, וואס ליגען טיפער, אין דער נידער. און וואס וויטער, טיפער, אלץ נייע פעלזען קומען ארויס, גאר אהן חשבון, גאר אהן א צאהל, גאר אהן א סוף. דאכט זיך, ס'וועט זיך קיינמאל גארניט ענדיגען.

נייע שפּאַלטען. נייע מיילער צווישען שטיינער, און דער אייזעל, טריט ביי טריט, טריט נאָך טריט, געהט אַלץ טיפער, טיפער, אמאָל אַרומרינגלענדיג אַ פעלז, אמאָל אויסמיידענדיג אַ פעלז — דאכט זיך, ס'וועט דער וועג זיך גאַרניט ענדיגען. מיט די אייזעל-טריט וועלען מיר זיך אזוי פּאַמעלאַך לאָזען ביז מיר וועלען אַרויסקומען אויף דער אנדערער זייט פון אונזער ערד; אויף דער אנדערער זייט פון אונזער וועלט...

איך הויב אָן צו גלויבען, אז די אַלע, וואָס האָבען פאַר מיר אָט דעם וועג דורכגעמאַכט, האָבען אויך אויף אייזלען אדער מויל-אייזלען געריטען, און זייער קאָפּ איז פּונקט ווי מיינער ניכטער געוועזן, און אפשר נאָך פיעל ניכטערער, ווייל:

דאָ און דאָרט, אויף די פעלזענוועגט, וואָס העגגען איבער אָפּ-גרונטען, האָט מען זיך ניט געפּוילעט מיט אותיות גרויסע אָנצושריי-בען קלוגע רייד, פרומע רייד, דעם זינדיגען מענשען חכמה און יראה צו לערנען. די אותיות זיינען גרויסע. אָהן אַ פּינזעל און אָהן פאַרב, אייל-פאַרב, האָט מען אזעלכע אותיות ניט געקענט בעגרייפען צו מאַכען; אזעלכע שווערע פיער-עקעדיגע ווייסע און רויטע אותיות:

— אוי, דו רייזענדער, לעקעש, זינדיגער, וואָס איז פון מענ-שען-בויך אַרויסגעקומען! קוק אריין אין בוך פון ל י ע ב ע. זעה, וואָס ל ו ק א ס זאָגט אין יענעם קאַפּיטעל, אין יענער שורה. קוק אריין אין קאַפּיטעל דרייסיג, פסוק אכט — ביים היי-ליגען י אָ ה א ן...

ס'טוט דעם אייזעל וועה די פיס. ער שטרויכעלט. און איך פיהל, אז מיינע פיס טוען מיר אויך וועה. איך בין ניט אליין. איך בין בלויז דער לעצטער, דער סאַמע הינטערשטער אין דער שורה. אכט זיינען מיר. אכט בעוואונדערער פון גאָט'ס גרויסע וואונדער. מענער און פרויען. אונזער פיהרער, אויף אַ ווייסען אייזעל, שפּאַנט פאַראויס, און איך שליס די שורה.

ביז אהער האָט בלויז דער אייזעל-טריט בעשטערט דער גרוי-סער שטילקייט, וואָס אין דער נידער; צומאָל אַ שטיין, וואָס האָט

זיך פון אויבען אפגעריסען און פון פעלז צו פעלז געפאלען. איצ־מער טראגט זיך א געדויש פון דער טיעף. גלייך, א וואלד וואלט דארט רוישען; גלייך א ווינט וואלט רוישען איבער די שטיינער־שפיצען, וואס אין דער נידער.

אונזער צוג שטעלט זיך אפ. אזוי בעפוילט אונזער פיהרער, אונזער וועג איז געענדיגט. ס'טיילט זיך אפ מענש פון אייזעל. איך קריך אראפ און גלייך אוים מיינע ביינער. איך הער מיך צו צום ווייט־נאהענטען געדויש און עס דאכט מיר א גוואלדיגער וואסער־פאל איז ערגעץ גאר נאהענט. ס'קעהרט זיך אום צוריק צו מיר מיין אייגען הארץ. ס'ציטערט איידעל אויף די הויט אויף מיין גוף. זיבען טויזענד פום טיף. הימלען בלוי בלויע דארטען אויבען ליעגען אויף די פעלזען־שפיצען. א קלאר־וויים וואלקענדל שווימט זיך, גליטשט זיך פון איין פעלזען־ראנד צום אנדערען.

ס'ציהט אהין, נעהענטער צום וואסער־געדויש. אפשר א הונ־דערט און אפשר א צוויי הונדערט טריט געמאכט אהינטער א פעלזען־פלייצע און ס'ענטפלעקט זיך דער לעצטער סוד, דער סוד פון אלע, אלע סודות דא:

ס'איז די בעט פון דעם גרויסען, גרויסען, שטארקען, שטאר־קען קאלאראדא־טייך! דאס איז ער, דער אויסדערוועהלטער פון אלע טייכען, וואס אויף דער וועלט. ניט מיט'ן אויג צו דערגרייכען צו די שפיצען פון די ווענט פון זיין בעט. ביז די הימלען גרייכען זיי. די ווענט זיינען צובראכען, ציהען זיך אין צובראכענע שורות איין וואנט פון אהינטער דער אנדערער אפיר.

און דער שטראם — מיט אמאל קומט ער אן. מיט אמאל קומט ארוים דער גרויסער שטראם פון אהינטער א שטיינערנער וואנט, מיט זיין גאנצער גרויסקייט. און זיין געדויש איז ניט פון יענע וואסער־מאסען, וואס קומען אן פון ווייטען און פאלען פלוצלונג אין דער נידער און ווערען אין א וואסער־שטויב פער־וואנדעלט — ווי יענע ניאגרא־וואסער־פאלען. ס'איז ניט דער גע־רויש פונ'ם ים, ווען ער טרייבט זיינע כוואליעס צו די פעלזענ־

ברעגעס און צושלאָגט זיי אין א ווייסען שוים. —

ס'איז א נצחון-אויסגעשריי. ס'איז א פריידּ־אויסגעשריי. אלץ איז אין דעם ווילדען וואסער-געשריי. ס'קלינגט מיט גבורה, ווילען, ליידענשאפט און א ווילדען געזאנג צו די הויכע הימלען, וואס אוי-בען, איבער זיין בעט, זיינען זיי אַנגעצונדען. אָט דאָ, צווישען די פעלזען אריבערגעבויגענע און אויסגעבויגענע, וואס בעגלייטען דעם טייך אין זיין לאנגען וועג, אָבגעשיידט פון דער וועלט, אליין אין זיין איינזאמקייט, זינגט ער זיין ליעד פון נצחון; זינגט ער זיין ליעד פון פרייד, וואס אזא וועג איז נאָר איהם אליין גענעבען גע־וואָרען. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואס ארויסרייסענדיג זיך פריי פון צווישען די פעלזענבערג ארויס, פון אהינטער פעלזענשלעסער ארויס, פון פער'כשוף'טע היילען ארויס, אין דעם פרייען מדבר אריין — דאכט זיך דיר, אז דעם גאנצען מדבר וועט ער אין זיינע ארעמס ארייננכאפען און פערטראָגען צום ש ט י ל ע ן י ם. ער וועט דער ווייסטע צונויפוויקלען און אזוי אויף זיינע כוואליעס אוועקטראָגען — — —

— — — אָבער דאָ איז ער פער'כשוף'ט. צווישען די פעלזען פער'כשוף'ט. און עס וואכען די הימלען פון אויבען. זון און לבנה וואכען פון אויבען, ווען זיי ציהען פערביי און קוקען צום שטראָם אראָפ. ס'וואכען די שטערען פון אויבען אין די קיהלע נעכט, און ס'דערשלאָגט זיך א פויגעל אהער. ס'געלינגט אויך דעם מענשען אהער צו קומען, אויף א ווילדע זיך פערגעסען...

...דען וואס קענסטו נאָך, אָ, הארץ, פערלאנגען, אויב ביי דער שקיעה האָט דיין ליעד אָהן ווערטער ארויסגעשאלט אנטקעגען שטראָם פון דעם דערהויבענעם ק אָ ל אָ ר א ד אָ, ביים בעט פון דעם אויסדערוועהלטען שטראָם, אָט דאָ, אין דעם גרויסען פ ע ל ז ע נ ש פ א ל ט פ ו ן א ר י ז אָ נ אָ?...

אריזאָנא'ס מדבר

גלייך ווי פון הימעל האלט מען דא אין איין שיטען די שטיי־נער און גראָבען זאמד און מען הורבעט עס אויף אין גאנצע בערג, גאנצע וועלטען. אָט אזוי זעהט אויס די וויסטעניש פון אָריזאָנא. זי איז ניט שעהן; זי איז ניט העסליך — זי איז ג ר ו י ס און ווארפט א פחד אויף'ן מענשען מיט איהר גרויסקייט און גרוי־זאמקייט. דאָ הוליעט דער ווינט און מאכט די זאמד־בערגלאך אויסזעהן רונד, געטאָקט. ס'קען דער ווינט דעם שניי אין די שניי־וועלדער אזוי שעהן און אזוי רונד ניט אויסטאָקען און אויסקיילע־כען ווי דאָ, דעם גראָבען זאמד ארום די אָנגעוואָרפענע שטיינער.

פאראן מדבריות דאָ אין לאנד, וואָס מאכען טרויעריג אויף'ן הארצען. דאָס זיינען טיילווייז די פלאכע מדבריות אין יוטא, וואו אונזערע וויסע מענשען שלאָגען זיך פון די כחות ארויס, ווילען מאכען די וויסטעניש זאָל גרינען. און די הייזלאך זייערע, און די מענשען און די פערד, די קיה און אפילו דער וואָגען און אקער־אייזען ביים זייט, ווארפען א טרויער אָן אויף דער געגענד ארום. דער פלאכער, קאלך־ווייסער און פערברענטער גרונט ארום מאכט חוזק פון זייער ווילען און זייער יכולת. אָט דער צוטריקענטער וואָ־גען מיט דער צורִיסענער בויד און די אפגעריסענע קינדער אין וואגען; די צוויי אָדער דריי אויסגעמאטערטע, אויסגעטריקענטע פערד וואָס שלעפען דעם וואָגען, און דער אָנטרייבער אויף'ן דייקסעל, און דער הונט, וואָס שפרייזט הינטער'ן וואָגען מיט איינגעצויגענע זייטען און מיט א לאנגען, טרוקענעם, רויטען צונג ארויסגעשטעקט — אָט דאָס אלץ מאכט דאָך די געגענד אויס־זעהן וויסט און ווי פערשאָלטען.

אנדערש אָבער, ווען דעם מענשען'ס שפור איז פערשוואונ־דען; ווי נאָר דער ווינט האָט זיינע טריט פערטראָגען — דאמאָלס לייכט אויף דער מדבר אין זיין אייגענעם גלאנץ; גרויסט זיך

מיט זיין איינענער טרויסקייט. דאָ, אין אריזאָנא, גליהט די זון דער זאמד אזש שמעלצט זיך; שטיינער אזש פלאצען און ווערען צושפּאָלטען; זיי גליהען זיך אָן און שיסען מיט פייער אנטקעגען דער זון.

פאראן צייטען, גוען אויף דאָ גיסען רעגענס, גאנצע שטראָמען פאלען פון אויבען און מאכען אזוי, אז דאָ און דאָרטען זאָל זיך דורכשלאָגען א שטאַרקער וואָרצעל פון אהינטער א שטיין, דאָ און דאָרט זאָל א מדבר־בוימעל ארויסוואקסען; אָבער קורץ איז זייער צייט פון ג ר י נ ע ן און ב ל י ה ע ן. בלויז דער קאקטאָס האָט אזוי קונציג זיינע וואָרצלען בעהאלטען, בלויז ער, ס'קינד פון דער וויסטע, ער דערנעהרט זיך און גרינט און בליהט, ווען אלץ ארום איז שוין פערשמאכט און פון דער זון פערברענט:

דאָ וואקסט דער ה ו נ ד ע ר ט־י אָ ה ר י ג ע ר, קיי־לעכדיג, דיק און מיט דראָבנע נאָדעלאַך ארומגעשטעקט. דאָ וואקסט דער קאקטאָס, וואָס ווי הירשען־הערנער צעוואָרפען זיך ארום זיינע צווייגען. דאָ וואקסט דער קאקטאָס, וואָס ווי לאנגליכע גרינע פלעצלאַך זעהען אויס די צווייגען — איינס פון אנדערען ארויס און מיט שפּילקעס ארומגעשטאָכען... ס'וואקסט א מימאָזען־בוים דאָ און דאָרט, וואו מיט פלאמען אטעמט די געגענד. און אזוי ליידענשאפטליך האָט זיך די מימאָזע צובליהט מיט איהרע פוכיגע בלימלאַך, ווי שפּילקע־קעפּעלאַך, אזש פער'חלש'ט הענגט איהר קאָפּ אראָפּ פאר ליידענשאפט. צו די קינדער פון דער וויסטע גע־הער דער י ו ק א ן, אמעריקא'ס א שעהן בוימעלע. אפשר עט־וואָס העכער פון א מענשען איז זיין וואוקס. זיין שטאם אויבען, אונטען כמעט איין דיק. און בלויז אויף'ן סאמע קאָפּ, דריי אדער פיער פאלמען־בלעטער, בינטעלאַך גרינע; ווי דער קאָפּ פון א יונגען הירש, וואָר נאָר וואָס האָבען זיינע הערנער זיך ארויסגע־שלאָגען...

און, אז מען פאָהרט א טאָג און אמאָל גאנצע צוויי דורך דעם מדבר, זעהט מען, ווי ניט שטענדיג איז זיין פנים אלץ דער איינע־

נער, בילדער, קומען אַן און זיי פערשווינדען, און נייע, נייע קומען אַן אנטקעגען און רייסען די בליקען, און מאַכען דיך וואַך און אויפ־געדעגט; מאַכען דיך איינזאַפּען אין זיך די אייגענע מיעדקייט, וואָס איז אויף אַלץ ארום דאָ אויסגעגאָסען.

פון צייט צו צייט, ניט גאָר אפט, שטעלט זיך אָפּ דער צוג — וואסער נעהמען, אמאָל, אמאָל אַ מענשען אויפנעהמען. דאָ וואוינען בלויז די שומרים פון דער ליניע. אָט דאָ, וואו דער צוג שטעלט זיך אָפּ, איז זייער נעסט. אין אַלטע פראַכט־וואַגאָנעס, אָהן רעדער, וואָס שטעהן ביים זייט. צוויי דריי משפחות זיצען אין אזעלכע נעסטען. די מענער, מעהרסטענס מעקסיקאַנער אדער האַלבע אינדיאַנער דראָב־נע, שוואַרץ־פערברענטע, פערשטויבטע, מיט בלאַסע פערקראַכענע, האַלב נאַקעט, שאַרען זיי אָפּ דעם זאמד, וואָס דער ווינט האָט צוויי־שען די רעלסען אַנגיטראָגען; און די ווייבער, ווינטיגע, עפּעס ניט דערוואַקסענע, שוואַרץ און מיט נאָך שוואַרצערע, ברענענדיגע אויגען, אין צוריסענע און אפּגעריסענע קליידלאַך, שטעהען אין טיר אָדער ביים ווינקעל פון נ ע ס ט און שיסען מיט זייערע פייער־אויגען צום באַן. איינע ניאַנטשעט איהר נאַקעט קינד און פּאַטשט עס מיט איהר ברוינליכער האַנט אויפ'ן נאַקעטען לייב... ס'קינד געוואַלדעוועט מיט אַ ווילדען קוויטש. אנדערע קינדערלעך בראַטען זיך אין שטויב און אין מיטן אַ גרויסער גרויער קאַלטענעוואַטער הונט מיט אַ דינעם רויטען צונג אויף אַן אייל ארויסגעשטעקט. קוקען אַלע נייגעריגע צום צוג און צו די מענשען אין די פענסטער. און מיט זייער וועזען, מיט זייער לעבען רופען זיי ניט ארוים קיין רחמנות. קינדער פון דער וויסטע. זיי גיסען זיך צונויף מיט'ן הייסען מדבר און האַסט אויף זיי ניט קיין מיטלייד, פּונקט ווי ס'רופט ביי דיר קיין מיטלייד ניט ארוים דער שטיין, וואָס ברענט זיך אונטער'ן הימעל...

און, אז שעה נאָך שעה געהט פערביי, בארג־ארויף, בארג אראָפּ, שלאָגט מען זיך אַן אויף גרינע פלעקען, גרינע געקרייזעלטע שטריי־פען, געוויס אַ טייכעל דאָרטען, וואָס זיין וואסער איז נאָך אין גאַנ־

צען ניט אויסגעטריקענט געוואָרען, און פון זיינע בוּיעגעס ארויס גרינען בוימעלאך. ס׳בעווייזען זיך, העט ווייט, נעבען דער גרינער בוימער־סטענגע, רויטע פלעקען. קיה רויטע און רויטע אָקסען, קליינע רויטע קעלבלאך. און די קיה און די אָקסען מיט אזוינע לאנגע הערנער. ניטאָ קיין שומר, ניטאָ קיין שטאלען. אָבע דאָך צו אימיצען געהערען זיי. ווייל דראָטענע צאמען ציהען זיך אוועק דאָ און דאָרט. און כאָטש אין מדבר וואקסען זיי, דאָך לעבען זיי. זיי זיינען ניט מאָגער; זיינען ניט פעט. ווינטיג, ווי פון ווינט וואָלטען זיי וואקסען. פאראַן קליינע קעלבלאך. דאָ פרוכפערט מען זיך. דאָ פערמעהרט מען זיך אָהן צאָהל, אָהן חשבון. אָבער אימיצער איז געוויס פאראַן, וואָס קומט חשבון אָפנעהמען. געוויס קומט אמאָל אהער א מאַן אויף א פערד צו רייטען, פאָכט אין לופטען מיט זיין לאנגען שטריק, מיט דער לאַסא, און מען פערטרייבט זיי אין די ק א ר א ל ע ן אריין, וואָס ביי די קליינע אייזענבאַן־סטאנציעס; פון די קאראלען אין די וואגאָנעס אריין און פון דאָרט צו די שלאכט־הייזער צו...

דערווייל אָבער איז די מדבר זייער היים, ס׳קומט קיינער ניט מעלקען זייער מילך, ווען די איינגעצויגענע אייטערס נ י ־ ס ע ן זיך אָן. און דעריבער זעהט מען דאָ און דאָרט א מאמע, נאָך גאָר יונג, און איהר קינד, שוין באלד ווי די מאמע גרויס, שטעהט איינגעבויגען און זויגט נאָך פון דער מאמעס מילך. איהר קענט זעהן, ווי איין קוה זוכט צו זויגען ביי דער אנדערער; און — ווי די קוה זויגט אליין איהר אייגען מילך ארויס: אפשר איז איהר קינד פון היץ געפאלען, און אין דער היץ פון דער וויסטעניש טיילט די צרה׳דיגע מאמע איהר מילך צו איהרע שוועסטערס ארום.

דאָ און דאָרטען ביינער פון געפאלענע בהמות, ביינער ווייסע, ווי מיט קאלך בעקאלכט. ס׳טרעפט דער סקעלעט איז אזוי גאנץ געבליבען. ריפען, קאָפּ און פיס — אלץ אויף אַן אָרט, און ס׳גלויבט זיך גאָרניט, אז אָט אזוי וועט עס בלייבען. דאכט זיך: ווינטער, רעגענס וועלען דאָ אָנהויבען גיסען; ווען פערדאָרטע וואָרצלען הינטער די שטיינער וועלען זיך אויפכאַפּען, און צווייגע־

לאָך, בלעטעלאָך וועלען זיך פון אהינטער דעם שטיין ארויסשלייכען — דאָמאָלס וועלען אָט די ביינער ווידער ווערען פייכט, מיט אדערען בעצויגען, פליישיגע טיילען, א רויטע פעל געדיכט מיט האָר בעדעקט; און אין פריהמאָרגען, ווען א צוגליהטע וועט די זון אויפגעהן, וועט זיך פון דער ערד אויפהויבען א ניי-געבאָרענע קוה אדער אקס...

אביסעל אָן א זייט, אליין פאר זיך, מיט איינגעצוינענע זייטען, געהט אום דער פ אָ ט ע ר פון דער גאנצער סטאדע. דער זכר. א רויטע פעל מיט א ווייסען שטערען און לאנגע, לאנגע הערנער. גרעסער איז ער ווי זיין גאנצע משפחה, קינדער און אפשר אייניקלאָך. אָבער אזוי גשראָטען אין איהם זיינע אלע קליינווארג, וואָס בעהאלטען זיך אין שאָטען פון די שטיינער: ע ר איז געווים ניט א קינד פון מדבר. פון ע ר ג ע ץ געבראכט אהער. א גוטע יוגענד געהאט, און איז אזוי גרויס געוואקסען. א קינד פון פעסטע טאטע־מאמע. פון גרינע זאפטיגע אלפאלפא-פעלדער — האָט מען איהם אהער געבראכט, אין מדבר אפגעלאָזען, אין דער אָנגעגליהטער געגענד... היים איז דאָ, היים. ס'ליגט איהם ניט אין זינען די מטשערערע, זיין משפחה; ניטאָ קיין חשק איצטער לאָזען זיך ערגעץ א טרוקענעם, גראָבען גראָז הינטער א שטיין אויסצוזוכען; האָט ער זיך אָפגעטיילט בעזונדער פון דעם כלל, פון דער סטאדע. און אז דער צוג געהט פערביי גלייכט ער זיך אוים, פעררייסט דעם קאָפּ מיט זיין ווייסען שטערען און די צוויי גרויסע אויגען קוקען צו דעם צוג, וואָס געהט פערביי. ער טרייסעלט מיט'ן קאָפּ, מיט די גרויסע הערנער. עפּעס זאָגט איהם אָט דער שטאָלענער געוויש. — אפשר דערמאָהנט עס איהם אָן יענע גרינע אלפאפא־פעלדער, פון וואנען, מיט אָט אזא געוויש, האָט מען איהם אהער געבראכט...

דער געלבער-גרויער אָנבליק פון דער וויסטעניש הויבט זיך אָן צו רויטלען. קאקטאָסען האָבען זיך צובליהט. אליין, פאר זיך; אליין, פאר זיך. וואו דו ווארפסט אָן אויג, ווי ווייט דאָס אויג קען

נאָר פערכאפּען, פון אהינטער שטיינער, פון זאמד־בערגלאך, פון פעלזען־שפּאַלטען — קאַקטאַסען בליהען! און די בלומען — רויט ווי צונטער. דאכט זיך די רויטקייט רינט צום זאמד אראָפּ און פארבט דעם זאמד צונטער־רויט. גרין און רויט! די רויטע בלומען אויף די דיקע קאַקטאָס־צווייגען — ווי גרויסע בלוט־טראָפּענס פערגליווערטע; בלוט־טראָפּענס, וואָס זיינען אין בלומען פערוואנדעלט געוואָרען; ס'האָבען זיי די הייסע זונענשטראַלען אין בלומען פערוואנדעלט... פון אהינטער א צובליהטען קאַקטאָס ציהט זיך א גרויער קלאפּער־שלאַנג; דרעהט זיך צונויף און קלאפּט מיט זיין עק, ווען אונזער צוג געהט פערביי. עפּעס וואַרענט ער מיט זיין ניפּטיגען צאָרן.

ווייטער, ווייטער... אַ שטוב אין מיטען מדבר. ברענט זיך אין דער זון. פערשטויבט און האלב איינגעבויגען. אין שאָטען פון דער שטוב, ביי דער וואַנט, וואָס צום באַן ארויס, ליגען ק א ו־ב א י ס. אין זייערע שעפּסען־פעלענע הויזען, מיט קליינע וואוילערישע קעפּלאך אונטער גרויסע קאַפּעליושען. אין איין בינטעל ליגען זיי, קוקען צום באַן ארויס. אין א בינטעל שטעהען זייערע פערדלאך אַנגעזאָטעלט, קיהלען זיך, איינער אין דעם שאָטען פון דעם אנדערען. ק א ו־ב א י ס. ערגעץ־וואו בראַדזשעט אום זייער סטאַדע און דאָ האָבען זיי זיך פערקליבען, א בליק צו ווארפען צום צוג, וואָס טראָגט זיך אמאָל פערביי.

ס'קומט פון ערגעץ אָן א מיידעל אויף א פערד צו רייטען. אויך אין הויזען פון ווייסע שעפּסען־פעל, פון דער טאַליע קוקט די מיידעלשקייט ארויס און מיט א זעלנער־קאַפּעליוש אויפ'ן קאָפּ. ס'האָט דער צוג זי אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט. און זי פּרעסט דעם פערדיל'ס זייטען מיט איהרע שפּאָרען; סטראָגט ווי א ווי־כער זיך דאָס פערדיל און ווירבעלט אויף דעם שטויב אין א לאַנגען וואָלקען. און ווען זי יאָגט זיך פערביי די יונגען, טוט עס זיי פון אָרט א ריס — ווי וואסער וואָלט מען אונטער זיי געגאָסען. אײדא, אויף די פערד ארויף! אלע נאָך דער מיידעל, אלע נאָך'ן

צוג, אין איין גאלאפ; און דער וואלקען־שטויב וואקסט און וואקסט און יאגט זיך אויך נאך אונזער צוג. ס'נעהמט אונזער צוג אן דעם וועט און ער געווינט: ווייט אהינטער בלייבט די מיידעל און די יונגען און דער לאנגער שטויביגער וואלקען...

אונזער וועג געהט צו מערב־זייט. אויך די זון ציהט זיך צו מערב־זייט. אויך דער טאג, ער נויגט זיך שוין צו מערב־זייט, און אלץ גלוטיגער זעהט אויס די וויסטעניש. דא, זעהט אויס, האבען זיך אינדיאנער געוואלט בעזעצען. קענטיג זייערע שפורען. ליימענע הייזלאך מיט לעכער אנשטאט פענסטער און דער דאך מיט גארניט געדעקט. אבער ווי נאר זיי האבען דעם ארט פערלאזען, האט דער מדבר זיינע שלוחים געשיקט און די הייזלאך איינגעבראכען, די ווענט איינגעווארפען; בלויז שטיקער ווענט שטארצען. שלאגט זיך א גראז א ווילדער פון דער וואנט ארויס. האט זיך א גרויסער קאקטאס הינטער'ן וואנט צובליהט...

נידריגער, נידריגער לאזט זיך אראפ די זון. זי איז איבער אונז. ניט צו זעהען דער זון. אבער איהר ליכט פארבט רויטער און רויטער די שטיינער, מאכט נאך פייערדיגער אויסזעהען די קאקטאס־בלומען, גלוטיג ליידענשאפטליך מיעד זעהט אויס דער מדבר. מיט זיינע צוגליהטע קאקטאסען אין דער וואונדערליכער שעה. עס זיצט געגענאיבער א מוטער, יוגענדליך און מיט שניי־ווייסע האר און מיט איהר טאכטער בלאנד, אין איהר גרויס. האט די טאכטער דער מאמען אויפ'ן האנט ארויפגעקלעטערט, זיך דער מאמען מיט די ליפען אין האלז איינגעגעסען און ליידענשאפטליך קוקען די אויגען צום אנגעצונדענעם מדבר ארויס... עס דעקען זיך אפ און ס'בעוויזען זיך רעכטס בערג, א לאנגע קייט, וואס ערגעץ ביז צום שטילען ים פערלויפען זיי. און ווען די זון נידערט אלץ נידריגער קען מען מיינען, אז די בערג האבען אנגעהויבען צו טאנצען האלטענדיג זיך האנט ביי האנט, און וואס מעהר זיי טאנצען אלץ ליכטיגער און ליכטיגער ווערט זייער אויסזעהען...

דער בין־השמשות צופלאמט זיך און אנטקעגען איהם, און

מיט איהם צופּלאָמט זיך דער גאַנצער מדבר. און מיט אמאָל, גאָר אונגעריכט — — — א גרינער פליגעל, א גרינער צווייג בויגט זיך ארויס פון דער זייט, וואו די בערג גליהען אין ליכט פון בין-השמשות, און שניידט זיך אריין אין הארץ פון דער וויסטער געגענד:

— דאָרטען איז דער קאָלאָראדאָ-טייך און זיינע גרינע, גרינע, ברעגעס! ער האָט זיין וועג דעם שווערען צווישען פעלזען-בערג שוין דורכגעמאכט, און איצטער רייסט ער זיך וואָס גיכער אָנצוקומען צו די ברעגעס פון ש ט י ל ע ן י ם, צו זיינע ברעגעס קומען מיר. דאָס קיהלט ער זיך אין דער בעט פוןביידע זייטען מיט גרינע בוימער. ברייט איז ער, ברייט. פון ברעג ביז ברעג זעהר ווייט. ער האָט זיך פון צווישען די שטיינערנע ווענט ארויסגעריסען, און ס'ווילען די וואסערען פון קיין גרענעצען ניט וויסען. און וואוהין זיי קומען, וואוהין זיי גרייכען גרינט דער מדבר.

און אז מען קומט גאָר נאָהענט צו איהם קען מען מיינען, אז ניט קיין וואסער שטראָמט צווישען זיינע ברעגעס, נאָר די וויסטעניש האָט פון דער הייסער זון זיך שמעלצען אָנגעהויבען, שטראָמען אָנגעהויבען, און דער שטראָם, ער האָט דעם אייגענעם אויסזעהען, ווי דער מדבר ארום. אזוי געלב-גלוטיג; אזוי הייס-בלוטיג דאכט זיך ווערט דער שטראָם אלץ ברייטער און ברייטער; אָט באלד וועט דער גאנצער מדבר צושמאָלצען ווערען אין דעם פייערדיגען בין-השמשות, און די בערג, וואָס אין דער רעכטער זייט, וועלען באלד אָנהויבען צו שווימען אהין, צו מערב-זייט, נעהענטער, דאָרט וואו די זון נידערט אראָפּ פערנעהמענדיג די לעצטע שטראַלען פון טאָג...

מיר קומען אָן צום שטראָם, צו זיין ברייט. א בריק, ביים בריק א שטוב. דאָרט וואוינט געוויס דער שומר פון בריק. שטעהט אין טיר א מיידעל ברוינלאך, יונג מיט שווארצע אויגען, אין א גרויסער קליידעל, און באָרוועס זיינען איהרע פיס און — שפּילט אויף א

פידעל. ס'רוישט דער צוג. ניט צו הערען איהרע קלאנגען. איך זעה איהר פנים, איך זעה איהרע אויגען, איך זעה איהר רעכטע האנט בעוועגענדיג דעם ב ו י ג ע ן און די פינגער פון דער לינקער, וואָס ציטערען אויף די סטרונעס...

זיי געבענשט דאָרט אָהן א סוף, דו שעהן, ליעב מיידעל, מיט דיין שפּילען אין גרויסען בין-השמשות, אין פייערדיגען בין־השמשות, אין דער וויסטע, ביי די ברעגעס פון דעם טייך ק אָ־ ל אָ ר א ד א!...

קאַליפאָרניא

דער ש ט י ל ע ר י ם וואשט דעם זוים פון קאַלי־פאָרניא, ס'הארץ פון דער גאָלדענער וועסט. קאַליפאָרניא איז אזוי ווייט פון ניו יארק, אזוי ווייט... ניט קוקענדיג, וואָס בלויז פינף מעת-לעת נעהמט מיט'ן באהן צו קומען אהער. ס'איז א סך ווייטער ווי פון ניו יאָרק קיין לאָנדאָן און דער וועג איז פיעל שווערער אהער כאָטש מיט דער יבשה דערקלייבט מען זיך קיין קאַליפאָרניא.

דעם נאָמען ג אָ ל ד ע נ ע ו ו ע ס ט האָט קאַליפאָר־ניא בעקומען אין יאָהר טויזענד אכט הונדערט אכט־און-פערציג. ישמאָלט ווען א מענש מיט'ן נאָמען ס ו ט ע ר און נאָך א מענש מיט'ן נאָמען מ א ר ש א ל, וועלענדיג בויען עפּעס א מיהל ביי א טייכעל, אין צפון זייט פון קאַליפאָרניא האָבען זיי פּלוצלונג גאָלדענע זעמדעלעך בעמערקט אויפ'ן גרונט פון קלאָרען וואסער.

— גאָלד!

פון זייער הארצען האָט זיך דער כשוף-וואָרט ארויסגעריסען מיט אזא כח, אזש פון עק וועלט ביז עק וועלט האָט זיך דער אבקלאנג צוטראָגען. און פון וואנען האָט מען זיך אהער ניט גע־צויגען? פון כינא און יאפּאן דורכ'ן שטילען ים, און פון די ברעגעס

פון אטלאנטיק דורך די קאָלאָראַדאָ'ר בערג, דורך די מדבריות פון יוטא און אריזאָנא האָט מען זיך צו פוס און אין בוידען געצויגען. מען איז געלאָפען פון אלע עקען איראפא און פון אלע אמעריקא'ס ווינקעלעך. אפשר נאָך איצטער קען מען געפינען דאָ און דאָרטען, אין די מדבריות, ביינער פון אָט יענע בראווע מענשען, גליק־זוכערס.

יא, אמאָל, נאָר אמאָל איז עס געשעהען מיט ניין־און־זעכציג יאָהר צוריק. דאָ אין לאנד איז ניין־און־זעכציג יאָהר שוין ה י ס־ ט אָ ר י ע. און וויכטיגע היסטאָריע. ווארים בלויז א צוואנציג מיליאָן איינוואוינער האָבען יעמאָלט די פעראייניגטע שטאטען פערמאָגט. און, אז שפעטער מיט איין־און־צוואנציג יאָהר האָט מען די ערשטע אייזענבאהן־ליניע דורך דער לענג פון לאנד דורכגע־ פיהרט, פון אטלאנטיק ביז צום פאסיפיק, האָט מען דעם לעצטען משוואָק אין שוועל פון רעלס אריינגעשלאָגען — א ג י ל ד ע ר־ נ ע ם. מיט דעם פערזיעגעלט און פעראייבינט דעם נאָמען פון קאליפאָרניא:

די גאָלדענע וועסט.

ביי היינטיגע צייטען שטראָמט ניט דער עולם אזוי שטארק קיין קאליפאָרניא דאָ זיך צו בעזעצען. דער גרעסטער עולם קומט אהער צו פערברענגען ביי די ברעגעס פון שטילען ים. אין צאָהל פון מענשען איז קאליפאָרניא ניט דער גרעסטער שטאט פערמאָגט ביי א דריי מיליאָן איינוואוינער. אפשר גראָבט מען דאָרט גאָלד אין צפון זייט פון קאליפאָרניא, אָבער ניט דערפאר פערדיענט קא־ ליפאָרניא צו הייסען — די גאָלדענע וועסט.

די קינדער פון לאנד ווען זיי זעהען קאליפאָרניע אין חלום איז עס ניט דער קלאנג פון גאָלד אין דעם שולדיג. זיי חלום'ען פון דער גאָלדענער וועסט און אין חלום זעהען זיי גאָלדענע אפעלסינען, וואָס שיינען ארוים פון צווישען גרינע בלעטערדיגע צווייגען; פון צווישען מיעף־גרינע און זאנפטיג־גרינע קאָלירען ארוים. ס'איז נאָר אנאנדער מין גאָלד. ס'איז נאָר אנאנדער מין חלום פאר די

וואָס וואוינען ביי די ברעגעס פון ברוגז'ען אטלאנטיק און ס'איז א שעהנע ווירקליכקייט פאר די וואָס האָבען זיך אריבערגעקליבען די קאָלאָראדאָ-בערג דורכגעשניטען מדבריות און געקומען אהער צום פרוכטבארען פאס לאנד, וואָס ציהט זיך ביים ראנד פון שטילען ים, וואָס באָדט זיך די גרעסטע טייל פון יאָהר אין זונען-שטראהלען.

אין יענע צייטען, ווען מען האָט אין קאליפאָרניא גאָלד ענט־דעקט, איז די געגענד נאָך געווען וויסט, ביז צום ים איז דער מדבר פערלאָפען. א סך-הכל פון פופצען מיליאָן דאלאר האָבען די פעראייניגטע שטאטען בעצאָהלט אין יענער צייט מעקסיקא פאר קאליפאָרניא און בעקומען נאָך א צולאג דעם שטאט ניו מעקסיקא. אפילו נאָך היינט איז דער גרעסטער טייל פון קאליפאָרניא, וואָס צו מזרח זייט וויסט. שטיין און זאמד ווי אין אריזאָנא. און דאָך האָט די וועלט א בעגריף פון קאליפאָרניא ווי פון דעם שעהנסטען זאטסטען ווינקעל אויף גאָט'ס ערד, א גן־עדן אויף דער ערד וואו אלץ בליהט, אלץ איז גרין און צוואוואקסען. ס'איז אָבער ניט אינ־גאנצען אמת.

זומער געהען דאָ קיין רעגענס ניט. זומער איז אלץ אויסגע־טריקענט, אויסגעברענט — אויסער דאָרט וואו דער מענש האָט זיין מיה צוגעלעגט. און ס'איז אזוי הארציג צו טראכטען, אז ווען ניט דער מענש און זיין גוטער ווילען, זיין שעהנער פערלאנג, וואָלט נאָך איצטער קאליפאָרניא געווען אזוי וויסט ווי אריזאָנא; און דער רייזענדער וואָלט דאָ בעגעגענט זאמד און שטיין און אפשר וואר־ניט-וואו א מענשען מיט א פרעמדען פייער אין די אויגען, וואָס זיין נשמה איז איבערגעגעבען געוואָרען צום טייוועל, וואָס ווערט געגערט אונטער דר'ערד מיט'ן שטויב פון גאָלד. און די אפעלסי־נען און ציטרינען-ביימער דאָ רופען אין הארצען ארויס א גאנץ אנדערען געפיהל ווי די פרוכט-גערטנער אין דער אלטער היים.

ביי אונז, אין דער אלטער וועלט, ספּעציעל אין רוסלאנד, אז מיר טראכטען אונזערע שעהנע געדאנקען וועגען פעלד און פויער

— קומען אונז אנטקעגנען ווייץ און קאָרען־פּעלדער, וואָס ערב ווינטער האָט מען געדראָפּט אקערען און זייען, און ווינטער צי־טערען, אז פון פראָסט זאָל חלילה ניט די זריעה אויספרירען; אין פריהלינג — וואַרטען, אז דער שניי זאָל זיך שוין צושמעלצען און לאָזען דעם גרינעם גראָז אביסעל זיך אויסגלייכען; און זומער וואַר־טען, אז דער רעגען זאָל קומען אין צייט, און דערנאָך אזוי פיעל פראצע, אזוי פיעל פראצע ביז מען דערלעבט שוין די תבואה צו האָבען אין זאשעק אדער אין זעקלעך פערבונדען — ביז מען איז שוין זוכה צו עסען ברויט פון נייעם קאָרען... אין פרוכט־גערטנער, אדער אין ס ע ד ע ר ווי מען רופט זיי ביי אונז, האָט מען קיין פראצע ניט אריינגעלעגט. זיי האָט א י מ י צ ע ר גע־פלאנצט. א זיידע אדער אן עלטער־זיידע. און פאַר'ן יורש איז בלויז געבליבען צו היטען, אז דער צאם זאָל זיין ניט צובראָכען; קיין גנבים זאָלען ניט קריכען ביינאכט טרייסלען די עפּעל פון די בוי־מער. ס'איבעריגע האָט ער איבערגעגעבען אין די הענט פון פריה־לינג, אין רשות פון זומער. זיי האָבען די ארבייט אָבגעטהאָן. גאָר זעלטען האָט מען געקענט זעהען ביי אימיצען אין סאָד א בוים אבגעקאלכט ביז צו די צווייגען — א שמירה פאר בייזע ווערים.

אנדערש אָבער אין קאליפאָרניע, וואו רעגענס גיסען בלויז אין ווינטער און מען בעדארף, אז אלץ זאָל גרינען און בליהען א קיי־לעכדיגען יאָהר לאנג. ס'איז צו קומען און צו זעהן מיט וואָס פאר א צערטליכקייט מען געהט אום ארום די חנ'עוודיגע אפּעלסינען־בוימלעך, וואָס שטענדיג בלייבען זיי יונג און שיינענדיג; זעהען שטענדיג אויס ווי ע ר ש ט ל י נ ג ס; ווי ערשט דעם ערשטען יאָהר האָבען זיי זיך בעדעקט מיט בליהעכץ, שפּעטער מיט גרינע־גרינע פירות וואָס האָבען געקוואָלען, מיט זאפט זיך אָנגעגאָסען און אין גאָלד זיך ליכטיג בעקליידט. ארום אן אפּעלסינען־בוים געהט מען ארום ווי ארום א בת־יחידה, ווי ארום א יונגער קינפּעטאָרין. ס'ציהען זיך אוועק אויף צעהנדליגער מיילען שורות, שורות אפּעל־סינען־בוימער, אין הויך פון א מענשען, מיט גרויסע, געדיכטע, גע־

קרייזעלטע קעפ — גרינע בלעטערדיגע לאָקען. אין די לאָקען זיינען געדיכט גאָלדענע פאָמעראַנצען איינגעפלאָכטען. יעדער בוימעלע איז אין צייט ארומגעצופט געוואָרען, די ערד אונטער איהם ארומגעגראָבען און ווייך צוגראָבען; יעדען ווילדען גרעזעלע ביים צופוסענס פון בוימעלע אויסגעריסען. און ווינטער, כאָטש קאליפאָרניא, דאָך טרעפט אמאָל א לייכט פרעסטעלע, און אמאָל א קאלטער, קאלטער ווינט און די בוימעלעך, וואָס האלטען פונקט אין רעכטען גרינען, קענען זיך חלילה פערקיהלען — מאכט מען, אז זיי זאָל ווארעם זיין: אונטער יעדען בוימעלע א קעראָסין-אויוועלע, וואָס דורך נעכט וואכט מען איבער דעם ס'זאָל ניט אויסגעהן; און אזוי דערהאלט מען דעם גאָרטען ביים לעבען.

און וואָס וואקסט דען דאָ ניט, אז מען בעמיהט זיך, און, אז מען האָט אָנגעטראָפען אויף א גוט שטיקעל ערד? עפעל, בארנעס פלוימען, קאָרען, ווייץ, גערשטען, איילבערטען און פייגען, האָבער, מערען און בוריקעס — אָבער קיין שום געגענד שמעקט ניט אזוי זיס ווי די אפעלסינען געגענדען, ציטרינען און אתרוגים-גערטנער. זייער פיינער ריח רייסט זיך ארויס איבער די גרעניצען פון זייער ממשלה, טראָגט זיך ארויס צום דורכפאָהרער אדער דורכגעהער מיט דעם בריטען וועג.

אויף דעם שטאַט קאליפאָרניא ליגט עשירות אויסגעגאָסען. אויף די מענשען, פעלדער — רחבות, זאטקייט; און אויף דעם שטאָטישען מענשען זעהט זיך ניט אָן די זאָרג וואָס קוקט ארויס פון אונזערען א מענשען אין דער א י ס ט. אויך דאָ איז דער עולם שטארק אינטערנאציאָנאל. אין די גרעסערע שטעט פיעלפאָ-ביג. דאָ טרעפט מען דעם כינעזער נאָך מיט זיין לאנגען צאָפ און די רוסישע מ אָ ל אָ ק א נ ע ס אין זייערע לאנגע בערד. אפשר דער איינציגער פלאץ אין די פעראייניגטע שטאטען, וואו מען רייסט ניט דעם כינעזער פאר זיין לאנגען צאָפ און מען לאָזט דעם מאלאקאנער צורוה זיין לאנגע באָרד.

די צוויי גרעסטע שטעט אין קאליפאָרניא, סאן פראנציסקא

און לאָס אנדזשעלאָס, כאָטש איינגאַנצען ביי א צוועלף שעה רייזע איינס פון אנדערען, דאָך זיינען זיי אַזוי פערשיידען איינס פון אנ־דערען מיט זייער כאראקטער און אויסזעהען. סאַן פראַנציסקאָ זעהט אויס ווי איין גרויסער אינטערנאציאָנאל-האָטעל, וואו מענשען פון דער גאנצער וועלט קומען בלויז אויף איין נאכט איבערצונעכטיגען; און לאָס אנדזשעלעס — א שעהנע דירה פון א רייכען פעטער, מיט טעדער, מיט גערטנער, מיט בלומען און מיט א סך מילכיגס. ארום סאַן פראַנציסקאָ קלינגט נאָך מיט דעם קלאַנג פון גאָלד און ארום לאָס אנדזשעלאָס שמעקט מיט בליהעכץ, גליהט דער קאַליפאָרניער מאַן און עס רויטלען זיך זשיראַניען אָהן א שיעור ביי די ווענט פון די הייזער...

אבער דאָ אין דעם פרוכטבארען פאָס לאַנה, וואָס ביי מערב־ראנד פון לאַנה, וואקסט אויסער פרוכט און ברויט נאָך א זאך, א זעהר נים אנגענעהמע זאך — עס וואקסט א דאגה פאר די קינדער פון לאנה, וואָס קענען זיך נים בעפרייען פון ראַסען־האַס.

אז מ׳שטעהט ביים ברעג פון ש ט י ל ע ן י ם קוקענדיג ווי די כוואליעס קומען אָן צום ברעג און וואשען דעם זאמד פון ברעג, טראכט זיך, אז אָט אזוי פונקט רוישען די כוואליעס דאָרט אויף יענער זייט ים, ביי די ברעגעס פון ווייטען מזרח וואו ס׳וואוי־נען קינדער פון דער ג ע ל ע ר ראַסע; וואָס ווערען דאָ אין לאנד פרעמדלעך בעהאנדעלט און, וואָס דאָ אין קאַליפאָרניא ספע־ציעל, וויל מען זיי, די קינדער פון דער ערד דערווייטערען. פילסט ווי איבער׳ן אויבערפלאך פון וואסער וואָס שפרייט זיך צווישען די ביידע וועלט־טיילען, שוועבט דער גייסט פון קנאה, שנאה און אפשר דער גייסט — פון קריעג.

ווען נים די יאפאנעזער, וואָלט דאָך קאַליפאָרניא געווים נים האָבען דעם פרוכטבארען אויסזעהען; וואָלט קאַליפאָרניא געווים אזוינע שעהנע פירות נים ארויסגעגעבען. זיי האָבען דעם וועג גע־וויזען ווי זיך מיט דער היגער ערד צו בעגעהן. און ביי היינטיגע צייטען מאַרען זיי דאָ קיין ערד נים קויפען. ס׳איז ווערט צו דער־

צעהלען, אז מיט פינף-און־זעכציג יאהר צוריק זיינען די פעראייניגטע שטאטען געווען די, וואס האבען מיט זייערע קריעגס־שיפען געצוואונגען יאפאן, אז זי זאל עפענען די טויערען פון לאנד פאר פרעמדע און זייערע סחורות, וואס ביז יענער צייט איז האלאנד געווען די איינציגע מלוכה וואס האט געהאט די זכיה צו בעטרעטען יענע ברעגעס. אמעריקא האט אויסגעפיהרט. און אמערקא איז אפשר שולדיג וואס מען האט דעם שד פון זאק ארויסגעלאזען; וואס יאפאן איז אזוי איינראפעאיש-מלחמה־פעהיג געווארען, און וואס יאפאן האט אזעלכע נישטיגע, ביליגע סחורות אנגעהויבען צו פאבריצירען פאר דער וועלט. און דוקא געגען יאפאן און כינא האט מען דא אזעלכע אויסנאם-געזעצען.

די כינעזער האבען זיך נאך ניט אויסגעטשוכעט פון שלאף, דער ביקס פאלט נאך אראב פון אקסעל, אבער דער יאפאנעזער...

כ'וויים ניט אויב אין קאליפארניא וואלט מען האבען אזוי פיעל מאלינעס, זיסע מערעלעך און שווארצע יאגדעס, רויזען, כריזאנטעמען, קרויט און פאמעדארען ווען ניט יענע יאפאנעזער, וואס זיינען אהער געקומען נאך גאר אמאל — גאלד זוכען. און וואס איצטער — בעלי בתים אויף דער ערד קענען זיי דא ניט ווערען. די כינעזער אין די וויכע פאנטאפעל, וואס וואשען גרעט און שווייגען — געהען פערביי אייך און הויבען צו מאל די אויגען ניט אויף אויף אייך א בליק צוגעבען.

דער יאפאנעזער שווייגט אויך, אבער ער טוט שוין אמאל אויף אייך א קוק, שענקט אייך א בליק.

אט דער יאפאנעזער, עלעגאנט געקליידט, זיינע שווארצע דיקע האר פערקעמט מיט א שרונט אן דער זייט און מיט פאמאדע אנגעשמירט, אז דער שרונט זאל זיך האלטען און, אז זיינע שמאלע, קרומע אויגעלעך קוקען אייך אן לויפט אייך א פרעסטעלע דורך דורך די ביינער:

— אך, דו נארישער יענקי! מיט וואס האלסטו זיך אזוי

גרויס? קענסטו אונזערע קריעגס-שיפען אונזער ארמעע? זעהסטו ווי מיר נארען דיך אב פון קאפ ביז די פיס פערקויפענדיג אונזערע ביליגע פארצעלייען וואס זיינען ערגעץ אין א פערווארפען ווינקעל ביי דיר אין לאנד געמאכט געווארען און דו, שוטה, ווייסט אפילו ניט פון דעם...

אט די אלע יאפאנעזער דא ביים ברעג ים מיט זייערע לאטאַרייעס און מיטלען ווי אזוי צו מאכען מענשען עפענען די קעשענעס און ארויסנעהמען זייערע סענטען, וואו מען קען געווינען א פושקע קענדי, שאקאלאדלעך, צאצקעס, ליאלקעס, שטיינדלעך און ביינדלעך — יאפאנעזישע און כינעזישע אלע קונסט ווערק נאר וואס פון פורעם ארויס — ס'איז צו שטעהן פון וויטען און זעהען ווי דער יאפאנעזער מיט זיין קנאקעדיגען ענגליש בעהאנדעלט דעם אמעריקאנער — ווי קליינע, נארישע צולאזענע קינדער, וואס האַבען פון דער מאמען בעקומען קליין-געלט אויסצוגעבען:

— בלויז צעהן סענט, א ציה טאן, אט דעם שנירעלע, ועסטו געווינען א גאנצע שאכטעל קענדי, אט אזא פושקע קענדי וועסטו געווינען! — שרייט א שנעק א יאפאנעזער צו א שווערען, צופריעדענעם יענקי, וואס איז אתער געקומען הנאה האבען פון ים.

דער יענקי ציהט דעם שטריקעל און פערשפיעלט.

— ציה נאך אמאל. צום צווייטען מאל איז מזל'דיגער.

דער יענקי ציהט צום צווייטען מאל און — פערשפיעלט.

דא ביים ברעג ים איז די שפיעל א קליינע, ניט קיין געפעהרליכע. דער יענקי וויל א קעסטעל שאקאלאדלעך צו פערזיסען דעם לעבען און דער יאפאנעזער — צעהן סענט.

אבער ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט ים, האט דער דראבנער יאפאנעזער א פאטערלאנד, האט מיניסטארען, שטאטסלייט; האט אויך א מיקאדא, און דא אין וואשינגטאן זיצט א שטעל-פערטרעטער פון יענעם לאנד. און שוין לאנג ווי זיין פאטער-לאנד דינגט זיך מיט אונזערע פיהרער דא אין לאנד, וואס זיצען אין וואשינגטאן, מען דינגט זיך לאנג און ערנסט. ניט איבער צעהן סענט

און א קעסטעל שאָקאָלאַדלעך איז דער סכּסוך נאָר איבער דעם וואָס אין קאליפאָרניא וואקסען מאַלינעס און עס בליהען כריזאַנטעמען צוליעב דעם זכות פון יאפּאנעזער, און ער, דער יאפּאנעזער, קען קיין בעל־הבית ניט ווערען איבער זיין גאָרטען... און די נאַאיווע, אונשולדיגע קינדער פון לאנד דא, גלויבען און האָבען מורא, אז יאַ־פּאַן מיט פינף־און־זעכציג יאָהר צוריק... מען האָט מורא, און די שנאה וואקסט און דער תהום וואקסט צווישען דער געלער און ווייסער ראַסע...

אבער דער ראַסען־האַס איז ניט אימשטאַנד צו פערטיליגען דעם שעהנעם ריח וואָס טראָגט זיך פון די אַפּעלסינען־גערטנער, קען ניט פערדאַרבען דעם גוטען געשמאַק וואָס די היגע פּירות האָבען, קען ניט אויסלעשען די זונען שטראַהלען וואָס גיסען זיך דאָ אי־בער דער געגענד; קען ניט אָבשטעלען די כוואַליעס וואָס קומען וואַשען די ברעגעס פון דער גאָלדענער וועסט...

א וועלט אויסשטעלונג
(יוני 1915)

— סאַן פראַנציסקאָ

ניט לאַנג דורכגעמאַכט ערד־ציטערניש. ס'בעסטע דערצעהלט מען, איז חרוב געוואָרען.

אבער א שטאָט — ווי א לעבעדיגע בעשעפעניש; ווערט פער־וואונדעט, די וואונדען פערהיילען זיך, וואו ניט וואו א צייכען און מעהר גאָר ניט. אפשר זיינען אביסעל עגזאַיסטען אנטלאָפען געוואָ־רען נאָכ'ן אומגליק —

— ווער ווייסט פון זיי? די שטאָט איז ווידער אויפגעבויט!

וואו ניט וואו, צווישען צוויי מאַסיווע הייזער א פּלאַץ לע־דיג... א אָפענער געמויערטער קעלער און פון קעלער וואקסען הויכע

גראָזען... מעהר גאָר ניט.

אָבער ווער בעמערקט עס, ווער זעהט עס? די שטאָט זעהט אוים ווי א יונגע כלה וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט געסט צו בע-געגענען.

און געסט — שטראָמענדיג, ציהען זיי זיך אהער. מענשען פון אנדערע געגענדען, וויימע לענדער, און דאָך, ניט פרעמד קוקט איי־נער צום אנדערען. ניט קיין ערנסטער, גיכער א לייכטזיניגער גע־פיהל טרייבט דעם עולם אהער פון אלע עקען לאַנד און צומאָל — פון אלע עקען וועלט.

סאַן פראַנציסקא ווי נויאָרק,ביידע פערמאָגען די הויפּט־טוי־ערען, וואָס עפענען דעם וועג אהער אין לאַנד אריין. ביים אטלאַנ־טישען — דער "טרערען־אינזעל" און די "פרייהייטס סטאַטוע"; ביים פּאַסיפיק — דער "גאָלדענער טויער".

דורך ניו יאָרק קומען צום מייסטען דאָס גרויסע פאָלק פון פראַצע. העננט צום מאַשין. זעלטען ווער מיט א גרינג געמיט.

דורך דעם "גאָלדענעם טויער" אָבער קומט נאָך און עולם גליק זוכען. אין יענער געגענד טראָגט זיך נאָך אין לופטען דער גאָלד-שטויב. דער ווינט־מענש געהט אום אין די גאַסען מיט שטאָק און צילינדער. די שטאָט, קען מען מיינען, לעבט אין האָטעל און ניט אין געמיטליכע פאַמיליען-הייזער.

און איצטער — קאָכט עס און עס רוישט. די בעוועגונג צו גרוים פאַר אזא קליינער שטאָט. די גאַסען צו ענג פאַר אזא ברייטען שטראָם מענשען; די האָטעלען ניט גענוג מאָדערען-גרוים פאַר אזוי פיעל געסט, און די געסט — ניט גענוג גרוים־שטעטיש פאַר אזעלכע האָטעלען.

סאַן פראַנציסקא איז אינטערנאַציאָנאַל. אפילו דער כינעזער שפּירט זיך דאָ היימיש, טרעט די גאַסען אין זיינע היימישע ווייכע שיכעלאַך; די פרוי אין בלוזיכע הויזלאַך, ווייסע זאָקען און א קאַפּטען ביז די קניה מיט א הויכען שטייפען אויפגעשטעלטען קראַ-גען.

יאפּאנעזער, נאָר וואָס אָנגעקומענע "מענשלען" זיך. ע ר טראָגט אַנ'ענגען קראגען און ז י קניהט אונטער דער שווערער משא פון דער לעצטער מאָדע.

אָט די לייט קומען אהער גליק זוכען. די ערשטע — וואשען וועש, און די צווייטע — בעפּוצען מיט בלומען די הייזער און מאַכען אויך אז די גערטנער זאָלען גרינען.

סאן פּארנציסקא האָט א וועלט אויסשטעלונג. אָבער דער "גאָלדענער טויער" אינ'ם געשטאַלט פון צוויי שורות פעלזען, וואָס בעגלייט די שיף ביז צום האפען — דער "גאָלדענער טויער" איז עלטער פון דער איצטיגער וועלט אויסשטעלונג...

* * *

מיין האָטעל.

ניט צו קריגען קיין צימער מיט א פענסטער אין דער ליכטיגער וועלט. אלץ בעזעצט.

— גיט מיר א פענסטער כ'זאָל זעהען א שטיקעל הימעל.

— מיר פערדינגען צימערען אָבער ניט קיין הימעל.

— זאָל איך קוקען אויף א שווארצע וואנט?

— ביזט דאָך געקומען זעהן די אויסשטעלונג, ניט זיצען אין צימער.

— אלץ אמת, אבער דרויסען רעגענט דאָך —

— דאָ רעגענט ניט לאנג.

— זאָל זיין אזוי.

און אין ווארט-זאַל פון האָטעל — הימעל און ערד און גאָר ניט. א בירזשע, מען טומעלט זיך. דער אריין, דער ארויס. דער עלעוויטאָר קומט פון אויבען, שפּייט אויס א בונט מענשען, שלינגט באַלד פרישע איין און פערשווינדט. ס'קומט אָן א גרופּע ווייבער, אויסגעווייקטע פּנים'ער — לעהרערינס פון דער פּראָווינץ געוויס. פון ווייט געקומען; אויף דער נאָז אָנגעשריבען.

א קליין־דאָר ווייבעלע "הענגט" אויפ'ן האנט פון א ריעז, ערגעץ פון קענזעס — און א ריזיגע פרוי פון אירלאנד — ביים

אַרים פון אַן אויפגעבלאָזענעם פראַנצויז פון קאַנאַרא. מענער מיט צילינדערס, מיט בלומען, מענער מיט איינגעבויגענע רוקענס און שפּאַקולען אויף די נעז. מיטגליעדער פון פעראַיינען מיט אויפשריפטען אויף די היט; אַנדערע מיט כבוד־צייכענס אויפ'ן ברוסט. מענשען מיט מעדאַלען פון אַלע מינים: ווער פאַר זיין איינגענע פערדינסטען, ווער ס'האָט גוטע פערד אויפגעצויגען אויף זיין פאַרם, ווער ס'האָט גוטע היהנער אויסגעבריט אָהן דער טרחה פון דער קוואָקע. איינער פירט אַנ'אָנגעפרעסענעם בולדאָג אויף אַ רימען מיט אַ מויל־שלאָס אויפ'ן פּרצוף, און איינע טראָגט אַ צופּיעסטשעט ווייס פודעלבראַזועלע אויפ'ן האַנד. ווער...

* * *

אויף דער גאַס...

אין איין זייט גיסט אַ רעגען און פון דער אַנדערער — שיינט די זון. אַ ברייטע בעוועגונג. אויבען וועהען פאָנען. אונטען טראַמווייען, אויטאָמאָבילען און מענשען.

"צו דער אויסשטעלונג".

אָבגעקומענע אָטאָמאָבילען האַנדלען מיט זיך: בלויז צעהן סענט צו דער אויסשטעלונג. טראַמווייען שלעפּען זיך בעל־הבתיש: בלויז אַ ניקעל צו דער אויסשטעלונג. יום־טוב אין די גאַסען. שוין עטליכע חדשים ציהט זיך דער יום־טוב. פרעמדע ברענגען איהם, די פרעמדע יאָגען אַזוי. האָבען קיין צייט נים. פרעמדע האָבען עס די שעהנערע קליידער אָנגעטאָן. דער גאַנצער עולם — ווי אַ פרעמדער וואַסער, וואָס איז פון ערגעץ אָנגעקומען, ציהט זיך ברייט און פלאַך. דער היגער האָט זיינע אַלטעגליכע זאָרגען; געהט וואָכעדיג געקליידעט און פאַמעלאַך.

געבען אַ קאַפּע מיט אַ ווייסען שילד שטעהט אַן אייזעל, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, אָנגעשפּאַרט אויף דריי פיס און די פיערטע איינגעבויגען, זי אויסצורוהען. די פעל ערטערווייז אויסגעקראַכען. אויפ'ן אייזעלס שאַרפען רוקען — צוויי טאַוולען הענגען אַראָב פון ביידע זייטען און אויף די טאָוולען איז אָנגעשריבען:

"געהט ניט אין די ו ו י י ס ע קאפע־הייזער, זיי בעשעפ־מיגען ניט קיין יוניאָן לייט".

צוויי מענשען געהען פארביי. שטעלען זיך אב, בעטראכטען דעם אויפשריפט. איינער געהט אוועק; דער אנדערער — שפייט אויס און געהט אריין אין קאפע הויז.

דער אייזעל כאפט א דרימעל.

* * *

די אויסשטעלונגס־פאלאצען....

ביים ברעג ים. געווען דאָ אמאָל א זומפּ, דערצעהלט מען; דעם זומפּ פערשאָטען, אויסגעטריקענט. א סימבאָל פאר דער גרויסער מעגליכקייט אין אמעריקא. די פעלזען פון דעם "גאָלדענעם טויער" הויבען זיך ארויס פון ים און קוקען אריבער אהער צום פלאץ פון דער אויסשטעלונג. א קריעגס שיף דרימעלט אין די וואסערען, די קאנאָנען אהער געווענדעט — ס'איז כבוד; אָבער אפשר א שמירה פון אלדאָסבייז.

אמאָל דאָ א זומפּ געווען. איצטער קיין שפור פון דעם. אלטע בוימער וואקסען. ניט פון אָט דער ערד האָבען זיי די ערשטע יניקה געצויגען. אויף א ן א נ ד ע ר ע ר ד ג ע ו ו א ק ס ע ן. האָט מען זיי פאָרזיכטיג אויסגעוואָרצעלט און אהער געבראכט. א לוסט־פלאץ און פאלאצען פון דער ברייטער האנט. איידער מען געהט אינווייניג אריין, קען מען מיינען, אז דאָ איז אן אויסשטעלונג פון פאלאצען. ריזיגע פאלאצען אין ראָזיג־געלבליכען קאָליר. יעדער פאלאץ איז א מיש־מאש פון עטליכע סטילען. גאָטישער סטיל, אלט רוימישער און איטאליענישער רענענסאנס וואקסען איינס פון אנדערען ארויס.

ביי די פאלאצען סימבאָלישע פיגורען, וואס דייטען אָן אויף דעם "תוך" פון דעם אדער יענעם פאלאץ. און ווי מען האָט זיך ניט בעמיהט, אז יעדער בנין זאָל זיך אָנזעהען, דאָך פערשטעלען זיי איינס דעם אנדערען. איין פלאץ וואקסט פון א הינטער דעם אנדערען ארויס מיט זיין גאנצער גרויסקייט. די מאסיווע קאלאנא-

דען און די גראנדיעזע קאָרניזען איבער זיי ווינקען מיט גדלות און ברייטקייט.

מען קען מיינען, וועלטען מיט גראניט האָט מען אהער אריי־בער געפיהרט די אלע בנינים אויסצושטעלען. טהוט איהר אָבער א שנעל מיט'ן פינגער אין דעם "גראניט" קלינגט עס פוסט.

— ברעטלאך און פאפיר. אפשר אויך א סימבאָל, א בעדייט אויף עפעס...

* * *

"מאנופאקטור"...

אין דעם פאלאץ פאל איך אריין צום ערשטען.

ס'איז א וועלט־אויסשטעלונג. די גרויסע, אלטע וועלט, די מאמע פון דער מאָדערנער מאנופאקטור, איז אָבער איצטער אין מלחמה. ס'אייגענע קינד האָט דער מאמען אויפ'ן שלאכט־פעלד ארויסגעפיהרט. איז קיין בייז:

— אמעריקא האָט אלעמען גוט פארטראָטען. דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך אפילו רוסלאנד —

די פעראייניגטע שטאטען האָבען גוט זייער פלאץ אין דעם פאלאץ פערנומען. אלץ איז דאָ פאראנען. פון א שפילקע פאָדים ביז צו די מאָדערנע און גרעסטע וועב־מאשינען וואָס בעוועגען זיך ביי זייער ארבייט; פון דער נאָדעל ביז צו דער נייעסטער טאר־פידא, געמאכט ביי "רעמינגטאָן ענד קאָ."

ניט נויטיג געווען, אז אייראָפּא זאָל איהרע חפצים שלעפען איבער ימים.

אָבער דער צופאל, וואָס האָט ניט געלאָזט די אייראָפעאישע מלוכות אפיציעל זיך דאָ צו בעטייליגען און וואָס אייניגע פאטריא־טען און קויפלייט פון פרעמדע לענדער איז געלונגען יא עפעס צו בעווייזען אויף דער אויסשטעלונג אונטער דער היימישער מארקע — דאָס אלץ בעווייזט אויסגעצייכענט אפילו ביים ערשטען אוי־גענבליק אז —

די מאשין האָט דאָס אינדיווידועלע איינגאנצען אומגעבראכט.

די מאשין וועבט איין געוועב פאר דער קולטורעלער וועלט. פארב, קאליר — אמאל געווען אייגענשאפטען פון פעלקער, היינט האבען זיך די פארבען אויסגעמישט. מען האט זיך מיט די קאלירען פער־ביטען. אין די פעראייניגטע שטאטען מאכט מען אלץ אדער מען מאכט נאך אלץ — קיין גרויסער חלוק נים. קיין איין מאדערען פאלק איז איצטער נים בעסער. נים מעהר וואס איצטער איז די מלחמה דארטען, אבער ביז דער מלחמה איז אין דעם ענין פון נא־לאנטריי סחורה, אייראפא שוין געווען אויפ'ן פלאכען און גראדען וועג ווי די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא — — —

די מאשין, די איינציגע שאפונגס קראפט און אזוי ווענינ לידער ווערט לכבוד איהר געזונגען.

זיצט א דאמע ביי א וועב-מאשין, וואו עס וועבען זיך אויס קליינע האנטוכלאך, סערוועטען; די מאשין טהוט זיך איהר ארבייט אליין. די דאמע פוצט די נעגעל מיט א קליין פיילכעלע.

און א צווייטע מאשין שטיקט אויס בלימעלאך אויף א הער־לען געוועב, ברייט ווי א וואנט. און פּוֹפּציג, אפשר הונדערט בלי־מעלאך מיט א מאל שטיקט די מאשין אויס אויף דעם געוועב. איין בלימעלע אין אנדערען געראטען, אויף א האר נים געמינערט; אויף א האר נים צוגעגעבען. אנ'אנטיק פון א חופה-קלייד קען דער פון זיין. די כלה וועט פערשפארען דורך נעכט נעבעך, איהרע אויי־גען בלענדען און בלימעלאך אויסשטיקען...

ווי געזאגט, נים אפיציעל האט דא יעדע לאנד פון אייראפא צו ביסלעך סחורה מיט דער אייגענער מארקע.

ענגלאנד —

אביסעל "קעניגליכע" פארצעליי. דער סטיל געפּוּשט. שמעקט מיט "קאפענהאגען" און אביסעל "ווינעריש" צונויפגעמישט. האנט שטיקעריי. גאנץ גראבלאך געמאכט. דאס אלץ. מעהר קיין אריגינעלע זאכען איז דא נימא. עפעס האט ענגלאנד יא געהאט אויסצושטעלען, אבער דאס איז געווען פאר דער מלחמה. און דא־צו ווייסען דאך רייזענדע, אז פון לאנדאן קיין פאריז לויפט אנ'־

עקספרעס־צוג בלויז אכט שעה... און צוזאמען מיט די מענשען פיהרט דער צוג איבער די לופט פון איין לאנד אין דער אנדערער...

— פראנקרייך

און די שעהנסטע קונסט — ס'איז איין זאך.

נאר, אז קויפלייט האבען זיך מיט דעם אבגעגעבען און, אז היימישע פאטריאטען האבען דאצו מיטגעהאלפען איז ארויסגעקור־מען: עטליכע סקולפטורען, אביסעל מאדערען, אביסעל קלאסיש און זעהר פיעל בולווארמעסיג, און נאך אזעלכע קליינינקייטען וואס זע־נען האלב קונסט און האלב — גאר ניט מיט נישט.

און ווייל פראנקרייך גרעניצט זיך מיט איטאליען וועל איך נאך צוגעבען אביסעל מאזאאישע זאכען און יוצא מיט איטאליען.

— דייטשלאנד, עסטרייך

אביסעל "דרעזדען" פארצעליי. אביסעל פיינקייט פון האַ־נאווער; פיינע גלאזווארג, וויענער פארצעליי מיט גראציעזע גאל־דענע פיגורען און ווידער גלאז און ווידער פארצעליי און גלאט קליי־ניגקייטען וואס האט צו טאן מיט אונזער אויסערליכקייט.

— האלאנד

לויטער פריערען. שווערע שטיוועל מיט גראבע פאדעשוועס, גרויסע פאנטאפעל מיט האלץ אונטערגעשלאגען. גרויסע שווערע קיה מיט גרויסע, מילכיגע אייטערס; ווייבער אין ווייסע טיכלאך מעלקען די קיה. היימישע פאנאראמעס. און ווידער קיה און ווינט־מיהלען און עכטע האלענדער לייוועגט...

— שפאניען

פוצאכטע פאר ווייבער. פיעל פארביגע טיכער די ברוסט ארומצואוויקלען און נאך די טאליע צו פערבאפען. וואויל־יונגעריי־שע־סחורות. אין יענעם לאנד פרוכפערען זיך לעדיגגעהער און סע־רענאדען זינגער; רויטע טיכער, גיטארעס און קאסטאנעטען — די נשמה פון יענעם לאנד.

— יאפאן

אין דעם אינטערנאציאנאלען פאלאץ פאר מאנופאקטור איז

יאפאן דער גרעסטער דיסאנאנס. מיט פאנטאסטישע געוועבען הא־בען זיי זיך פון דער איבעריגער וועלט דא אבגעצאמט. פון אלטעג-ליכע זאכען האבען זיי געמאכט א קונסט גאלערעע עס ליגען די געוועבען מיט דער איידעלער און פיינער צייכנונג. די האפטונגען — פיהלסטו נאך די פינגער וואס זיינען איבער'ן זייד אומגעגאנ־גען. יאזיי און אייזאן, סאנצומא שטאלצע וואזען. אפשר אימיטירט; האבען זיי דאך פארלויפיג בלויז זייערע גאנץ נאהענטע און אלטע שכנים, די כינעזער נאכגעמאכט. אין דער שעהנע קונסט ניט קיין גרויסער בייז.

מעבעל געשניצט פון קאיקא־האלץ און בעפוצט מיט עלפאנט-ביין און פערלמוטער. וואסער־פאלען-לאנדשאפטען, מיט זייד אויף זייד געהאפטען, קוקען פון אומעטום ארויס... א גלאט-ראזירטער יאפאנישער דזשענטעלמאן — זיין בליק בעגלייט אייך מיט העפ־ליכקייט. ס'הייסט:

— איהר מעגט נאך עפעס ביי אונז לערנען.

— "כינעזישע רעפובליק"

דו קוקסט אויף דעם אויפשריפט און טראכסט:

— איז אפשר דער אויפשריפט דאס שעהנסטע וואס די כי־נעזער האבען דא געקענט ארויסשטעלען?

אבער דאך ווארט דיין בליק פערבלאנדזשעט צווישען זייערע וואזען און געלב-גרין קאלירען. די פארבען — געלב און גרין זענען דאך אונזערע אויך, און דאך עפעס פון אנדערע וועלטען. אלטע וועלטען. א קיהל ווינטעלע בלאזט פון דעם און ארום דעם.

און די פרימיטיווע צייכנונגען אויף זייערע געוועבען!

דעם ערשטען פרייז קומט זיי און ניט די יאפאנעזער.

דער צווייטער דיסאנאנס דא אין דעם פאלאץ.

און קוקסטו אויף דעם אויפשריפט אויבען, און דערמאנסטו זיך, אז ערגעץ אויף א בילד האסטו געזעהען זייער פרעזידענט יואן־שי־קיי אין יוניפארם פון אונזערען א גענעראל — פאר קוועטשט ס'הארץ קוקענדיג אויף די עכטע, עכטע קאלירען אויף

זייערע פארצעלייען.

— "ארגענטינער רעפובליק"

א יונג הענדעלע. אבער קרעהט הויך. וויל זיך בעווייזען. די גרויסע סטעפּעס איז אבער שווער צו ברענגען. דאך געקליגט זיך צו בעווייזען אלץ אונטער א גלאז. פּאנאראמעס, מיט פאנטאסטיש ליכט בעלויכטען. יערע פּראווינץ בעזונדער. גאט'ס ברייטע וועלט. אהן צאהל בהמות, פערד און רינדער מעהר ווי מענשען. וואס קען זי נאך בעווייזען?

דעם היישעריק וואס פארצערט די פּראצע פון ערד ארבייטער? די טריקענישען און פערפלייצונגען? די שלעכטע אייזענבאהן וואס די ענגלענדער האבען איינגעפיהרט?

דער אקער אייזען און דער וואגען צום פערד וועדט געבראכט פון נארד אמעריקא. לעדער? שיקט מען קיין דייטשלאנד בעאר־בייטען די "איינענע" פעל; ציבעלעס און בעבלאך פון שפאניען, נעלד ברענגט מען פון ענגלאנד און....

— "רוסלאנד"

האט אויך א קליין ווינקעלע אין דעם גרויסען מאנופאקטור־פאלאץ. אבגעצאמט ווי א קרעמעלע. די גרויסע רוסלאנד פער־נעהמט דא דעם קלענסטען פלאץ.

אויפ'ן וואנט — פוטערוואַרג: סאבאל, פוקס, טכויר, מארדער און באבער. אויף א טיש, אונטער א גלאז "היימישע" שטיקערייַ־ען, דאכט מיר פון אירלאנד. רויט-געפארבטע "האלץ־פיקערס" מיט לאנגע שנעבעלאך; "וואנקא-ווסטאנקא'ס" א פאר קאפּיעס פון בי־ליבינס צייכנונגען און עטליכע אלטע רוסישע מטבעות.

אויפ'ן צווייטען טיש זיצט א לעבעדיגער טשערקעס אין זיינע נאציאנאלע קליידער און קלאפּט זילבער־טשוועקעלאך אין ליול־קעס צו בעפּוצען זיי. בעפּוצט הענטלאך צו שטעקענס מיט די איי־גענע טשוועקעלאך. קאווקאזער קונסט.

דאך וואלט רוסלאנד אפשר נאך ע פ ע ס געקענט אויס־שטעלען ווען נים די מלחמה...

און שטעהענדיג שוין אויפ'ן שוועל פון דעם מאנופאקטור־פאלאץ און ווארפענדיג נאך אמאל א בליק צו די אלע שטומע זאכען וואס זענען אזוי קונציג אויסגעלעגט געווארען, זעהסטו ווי די פלאכקייט איז ארויס קאנקורירען מיט דער אייגענארטיגקייט. די גרויקייט — מיט דער פיעלפארביגקייט...

* * *

מאשינעריי!

איך בלייב א ווײלע אויף דער שוועל פון אט דעם פאלאץ. שטאל און אייזען; אייזען און שטאל. א קעלט בלאזט דא פון די אלע אייזערנע ברואים, קאלטע און שטומע. דער בנין איז ברייט און הויך, און די מאשינען, פון אלערהאנד און אלער גרויס, זעהען אוים צווישען זיך פיעל היימישער, ווי מענשען צווישען מענשען.

קומסט אריין טיפער, טרעפסטו, ווי אנדערע מאשינען בעווע־גען זיך; די עלעקטרישע קראפט טרייבט זיי, און זיי דעמאנסטרירען פאר די בעזוכער זייער ל ע ב ע ן און ו ו י ר ק ו נ ג. עפעס אונהיימליכעס טראגט זיך דא ארום אין לופטען. די בעזוכער אליין זיינען דא שווייגענדיג, צי ווייל זיי ווערען בטל דא, אין דער וועלט פון שטאל און אייזען, צי, ווייל ס'איז א מלחמה אויף דער וועלט, און יעדער איינציגער פיהלט דעם צוזאמענהאנג פון אט די אלע שטומע בעשעפענישען מיט דעם וועלט־קריעג ערגעץ ווייט פון דאנען....

די אלע לאקאמאטיווען, וואס טראגען זיך פארביי מיט א גע־פייפעריי יעמאלט, ווען עס קומט אוים צו זיין ביי א באהן-סטאנ־ציע, זיי רופען דאך אין אונז ארויס א בענקשאפט; צומאל מאכט עס אונזער בלוט טרייבען שנעלער, וועקט ענערגי אין אונז; וועקט א חשק צו לאזען זיך וואנדערען אין ווייטע וועלטען. דא אבער, אין דעם מאשינען-פאלאץ, אט דער ריעזיגער לאקאמאטיוו, פון לעצטען מאדעל, ער ווארפט א פחד אן מיט זיין קאלטען שוויי־גען. די אייגענע גרויסע לאקאמאטיווען, וואס שלעפען דורך דעם צוג דורך די קאלאראדער בערג, דורך די וויסטענישען פון יוטא.

אדער אריזאָנאַ, ווען זיי קומען אָן צו א סטאַנציע פֿערשוויצטע, פֿערשטויבטע, סאָפּענדיג און בלאָזענדיג מיט אלע כחות די היץ פֿון זיך — צומאָל דאכט זיך אוים, אז זיי זענען ווייטע ברידער מיט דיר דאָ אָבער, אין פּאַלאַץ, רופֿט ער אַרוים, דער אַלמעכטיגער לאָקאָמאָטיוו, א פֿערדאכט. אויסגעפּוצט, ער בלאַנקט מיט זיין גאנצער גרוים. כמעט אייער געזיכט שפּיגעלט זיך אָב אין דעם שטאָלענעם שפּיגעל...

עס ציהען זיך שורות אוטאָמאָבילען; נייע, אויסגעפּוצטע; מען לאָזט קיין שטויבעלע ניט פֿאַלען אויף זיי. ס'מאכט דעם איינדרוק, אַז איינגעוויקעלט אין וואטע און אין פּאַפּיראָס־פּאַפּיער האָט מען זיי אין פּאַפּירענע שאכטלאך אהער אריינגעפֿיהרט, צו דער אויסשטעלונג געבראכט. זיי בעדאַרפֿען עס אָהן ווערטער עדות זאָגען אויף דער עהרליכקייט פֿון זייערע פֿאָטערס, ווען נעמען די מאַשינען טראָגען אויף זיך. און צווישען די אויסגעפּוצטע — דער "רעקאָרד ברעכער"...

צווישען דעם בלאַנקענדען, אויסגעפּוצטען אוטאָמאָבילען־עולם געפֿינט ער זיך. ער האָט דורכגעמאכט דעם וועג פֿון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפֿיק, און דער שטויב, מיט וואָס דער וועג האָט איהם בעדעקט, איז נאָך אויף איהם. מען האָט זיך געהיט, קיין שטויבעלע זאָל פֿון איהם ניט אראָבפֿאַלען, כדי דער איינדרוק פֿון זיין טיכטיגקייט זאָל בלייבען גאַנץ.

דורכמאכענדיג אזא שווערען און לאַנגען וועג, איז ער צוטרייסעלט געוואָרען, די שינעס — בלאָטיג, ליימיג און מיט לעכער, — ס'הייסט:

— "ווייסטו גרינהאָרן, וואָס פֿאַר א וועג איך האָב דורכגעמאכט? דאָס האָב איך נאָך, ווי ס'איז, מיינע ביינער אהער געבראכט. זאָלען אָט די אלע אויסגעפּוצטע חברים מיינע פּרוּוען אין אזא וועג אריין זיך לאָזען!"

ער רופֿט אַרוים אינטערעס ביי די בעזוכער. אנדערע טאַפּען מיט די פֿינגער דעם שטויב אויף דער מאַשין און בעטראַכטען דעם

בלאָטיגען פינגער, אנדערע פּראוועז די דיק פון די אויסגעריבענע שינעס; ווער עס נאָטירט עפּעס ביי זיך אין א ביכעלע, קוקענדיג מיט גרויס דרך ארץ אויף דעם פערשטויבטען, צוטרייסעלטען "רע-קאָרד-ברעכער".

נאָך א "רעקאָרד־ברעכער".

ניט קיין אויטאָמאָביל, נאָר — א פּליה־מאַשין. הענגט נאָר אויבען, כמעט ביים דאך, און דער עולם פערהרייסט די קעפּ דעם שטאָלענעם פויגעל צו בעטראכטען. דאכט מיר, קאָרטים האָט עס דעם רעקאָרד געבראָכען, פליהענדיג אויף איהם דאָ אין לאנד.

ער הענגט אויבען מיט די פליגעל אויסגעשפּרייט, פער־שטויבט און פעט פון אויל, און אונטען זעהט זיך דער שטאָלע-נער בויך, עס זעהען זיך די מאָטאָר-געדערים... לאנג בלייבט דאָ דער עולם, טאטעס, מאמעס, קינדער און קוקען ארויף; און קינדער צום מיינסטען, זיי שלאָגען דעם רעקאָרד פון קוקען ארויף מיט א פערריסענעם קאָפּ. די עלטערע ווערען מיעד, שלעפּען די קינדער אָן א זייט אוועק. — —

פּאָרד! — — — דער טאטע פון דעם ביליגען לוקסוס; דער וואָס האָט די ענגע גאסען פול געמאכט מיט די אויטאָמאָביל-קארלי־קעס, פערדאָפּעלט די בעוועגונג און יאָגעניש אין דער גרויסער שטאָט און רייסט דעם שטויב אויף די וועגען, וואָס פיהרען פון דאָרף צו דאָרף — ער, פּאָרד, האָט אריינגעבראכט א טומעל און ניט נויטיגע בעוועגונג אויך אהער, אין דעם מאשינערי־פּאלאץ. ער דעמאָנסטרירט דאָ די סיסטעם אין זיינע אויטאָמאָביל־פאבריקען אין דעטראָיט.

אין איין זייט ליגען אָנגעוואָרפען בלויז איינציגע טיילען פון אויטאָמאָביל. שטיקלאך, ברעקלאך; פּאר א ניט-געניט אויג, כמעט ניט צו דערקענען, וואָס עס איז. דערביי א לאנגער, לאנגער ווערק־שטאט, וואָס זיין אויבערשטע טייל בעוועגט זיך אלץ פאָרויס גאנץ לאנגזאם. עטליבע צעהנדליג ארבייטער, גאנץ ריין געקליידעט, יע-דער איינציגער האָט צו זאָגען אויף א טייל מאשין. שנעל ווערט

איין גליעד מיט'ן אַנדערען צונויפגעשרויפט. אָט, דערקענט מען שוין דעם סקעלעט פון אויטאָמאָביל; די אַקסען צוגעפּאַסט, נאָר רעדער אָנצוטאָן דער בעוועגליכער ווערקשטאַט ציהט דעם סקעלעט פאַראויס, וואו אַנדערע אַרבייטער וואַרטען, און יעדער איינציגער לעגט עפּעס צו, גיט אַ קלאַפּ, אויף שנעל אַ שרויף. די רעדער שוין אויף אָנגעטאָן, די קאַרעטע אַרויפגעזעצט, גאַזאָלין אָנגעגאָסען; אויטאָמאַטיש טרייבט מען פאַנאַנדער די רעדער; ביים רודער זיצט שוין אַ שאָפער, און דאָס, וואָס איז מיט איניגע מינוט פריהער בעשטאַנען פון שטיקלאַך אייזען, גלידער, — "אַ פּאָרד־מחבל" — האָט אויפגעלעבט און — מאַרש דורך דעם אָפענעם טויער אויף דרויסען אַרויס, לאָזענדיג נאָך זיך דעם גוט־בעקאַנטען גאַזאָלין־ריח.

ביים עולם רייסט זיך אַרויס אַ צופריעדענער געלעכטער; די גאַנצע זאַך זעהט כמעט אויס, ווי עפּעס אַ קונץ־שטיק געוויזען; מיט אַ צויבער־שטעקעלע אַ מאַך געטאָן — און אַלץ מיט אַנאַנדער!

אָבער דאָס איז אַ לאָקאַלע אויפלעבונג דאָ אין דער קאַלטער אַטמאָספערע. גאָר ניט היימיש פיהלט זיך דאָ דער עולם. אפילו די אַקערבוי מאַשינען, ווען זיי ליגען דאָ אויסגעפּוצטע, רופען זיי ביי דיר קיין גלויבען ניט אַרויס; ס'איז ניט דער ליבער וואונק פון אַן איבערגעגעבענעם ברויט־געבער. ניט די היימישקייט, וואָס עס טראָגט אויף דיר פון דעם אַקער־אייזען, וואָס ליגט ביים זייט פעלד נאָכדעם ווי ער האָט די פריהלינג ערד אויפגעעפענט און געמאַכט איהר גרייט פאַר דער זריעה.

און די ריעזיגע ראָטאַציאָן־מאַשינען, וואָס זיינען אימשטאַנד צעהנדליגער מיילען ווייס פּאַפּיר פערשמירען מיט אַלערליי קאָלירען; שרייב־מאַשינען, דרוק־מאַשינען, מאַשינען אפילו צו פערשניצען בלייפעדערס, מאַשינען צו פערקלעפּען בריף־קאָנווערטען, מאַשינען אויפצועפענען בריעף — — —

ס'ווערט אונהיימליך. פערבענקט זיך נאָך יענער צייט, ווען די איינציגע שרייב־מאַשין איז געווען —

א געַנזענע פעדער — — —

וואַרום, שטעהענדיג צווישען די מאַשינען און מאַשינדלאַך, וואָס האָבען אַזא נאָהענטקייט מיט אונזערע איידעלסטע געפיהלען, מיט אונזער מאַרך און בעוועגונג פון דעם ווייססטען נערוו — קוקענדיג צו דעם אַלעמען, הויבסטו אָן צו גלויבען, אַז די צייט איז ניט ווייט, ווען עס וועט זיין א מאַשין, וואָס וועט פעראייניגען דעם מוח דירעקט מיט דער ראָטאַציאָנס מאַשין, מענשען וועלען ניט בעדאַרפען זיצען און "טינטלען", זיצען און גיסען און דאַן ערשט דרוקען. ס'וועט ווערען איינגאַנצען איבעריג:

איין ברעג פון אַזא עלעקטרישע מאַשינקע וועט מען צושטעלען צום הויבען שטערען פון דענקער און דעם אַנדערען — צו דער ראָטאַציאָנס מאַשין; א דריק ביי א קנאָפּקע, און מיט א געפייף וועט זיך אָנהויבען ציהען די ברייטע לענגטע פאַרשמירט פּאַפּיר; די אויטאָמאַטישע שער וועט פון דער לענגטע שניידען, ווי דער שטייגער, שטיקער — א שטיק — פאַר א סענט, א שטיק פאַר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

"קוילען און מינעראַלען גרובען" — — —

דער פּראָגראַם אונטער דער ערד. מיסטעריעז זעהט אַלץ אויס. איהר בעדאַרפט זיך לאָזען מיט אונטערערדישע וועגען. פינסטער. פון ווייטענס, אין דער טיף, הערען זיך טעמפּע קלעפּ. שוואַרצע אונטערערדישע קאָרידאָרען. פייערלאַך פינקלען. קוילען-ווענט, מענשען איינגעבויגען — אויטאָמאַטען — האַמערען מיט די שפּיציגע האַמערס. די לופט — גוט. נאָך טיפער. אַנדערע מינעראַלען. אָבער ווי פריהער, די לופט אויסגעצייכענט... יעדע קויל איז ממש אויסגעוואַשט, קיין שטויבעלע זאָל חלילה אין די לונגען ניט אַריין....

קופּער, גאָלד-מינען. וועגעלאַך לויפען, פיהרען די רוידע אַרויס. אַלץ אַזוי פיין, אַלץ אַזוי ציכטיג, אַזוי זויבער. ס'ווילט זיך גאָר ניט אַרויסגעהן פון דאַנען. א גאַנצע פאָרשטעלונג פון דעם מינען-לע־

בען...

איינס בלויז האָבען זיי פערפעהלט דאָ צו בעווייזען:

— דעם אויפרייס פון די אונטערערדישע גאזען, אדער ווען די גאלערען הויבען אָן איינצופאלען, וואסער רייסט זיך אריין, פייערען צופלאקערען זיך און די לעבעדיגע דאָרט, די מענשען דאָרט, די ארבייטער דאָרט — ווען דער טויט דער שווארצער רייסט זיך אריין אין די מינען-גרובען — ווען די הילפס־געשרייען און קרעכצען פון אונטען גיסען זיך צוזאמען מיט די יאָמער־געוויינען פון ווייב און קינד אויבען... דאָס האָבען זיי פערפעהלט.

מאשינען, מאשינען, מאשינען — קינדער פון אונזער צייט...

* * *

די שפע פון דער ערד. שפייז פראָדוקטען. —

אין דעם פאלאץ זיינען פערטרעטען אלע שטאטען פון נאָרד אמעריקא. איין שטאט וויל דעם אנדערען איבערשטייגען. איינער קאָקעטירט מיט זיין ברויט, דער אנדערער מיט עפעל און בארנעס. אָבגעקליבענע, אָנגעלאָדענע זאנגען פון ווייץ, קאָרן, גערשטען; געהיט אז קיין קערענדעל זאָל פון זאנג ניט ארויספאלען — כמעט אוננאטירליך גרויס זיינען די זאנגען אין בונטען צונויפגעבונדען און ארויסגעשטעלט הינטער א גלאָז.

אין גרויסע גלעזערנע סלאָיעס — קאָנסערווירטע פרוכטען, גוואלדיג גרויס. ממש ווי פון חומש ארויסגענומען. יעדער פלוים, יעדע בארנע, אפעלסין און איילבערט — קוקסט צו דעם און טראכסט:

— וואקסען טאקי אזעלכע פירות? ס'ווילט זיך זעהען דעם פויער מיט דער טרייער האנט וואָס וויים אזוי גוט ארום די בוימער אומצוגעהן, יעדען צווייג אזוי אויפצופאסען, מאכען דעם בוים אזוי שעהן וואקסען; מאכען די פרוכט אזוי שעהן און בעטעמ'ט.

און מענשען, ווי ביהנען דאָ — פול. מאמעס און קינדער, און מענער — א שטארקער עולם. דאָ, אין דעם בנין, בעווייזען

פערשיידענע פירמעס, ווי אזוי די שפייז־פראָדוקטען ווערען צוגע־גרייט. בעל־הבית׳טעס לעגען דאָ אריין זייער גאנצען געדאנק עפּעס צו לערנען; און מענשען מיט נעזונדע מאָגענס געהען פון אויס־שטעלונג צו אויסשטעלונג און בעטראכטען יעדע זאך טיכטיג.

דאָ מאכט מען אלע גוטע, זיסע, זאכען די אלע נאשערייען, וואָס קיין פאָלק, דאכט מיר, איז אויף דעם ניט אזא בעלן ווי דאָס אמעריקאנישע.

קענדי!

עפּעס אַ קליינינקייט. ס׳ערשטע וואָרט, וואָס דאָס קינד דאָ אין לאנד לערנט צו זאָגען. נאָך איידער דאָס קינד קען ״מאמע־מאַמע״ זאָגען ווייסט עס שוין דעם בעדייט פון דער פעני, פאַר וועלכען מען קאָן ״קענדי״ קויפען. דער סאָלידער ערנסטער אמערי־קאנער טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער ווערט צאַרטער ביים עפּע־נען א שאכטעל ״שאָקאָלאד קענדי״ — — —

דאָ אין פּאַלאַץ מאכט מען קענדי פאַר אייך אין די אויגען און מען גיט צו פערזוכען. יאָ, מען גיט יעדען, ווער עס וויל נאָר. געהען די פערזוכער פון טיש צו טיש, בעלעקען זיך און פערזוכען. אלע זיינען דאָ מבינים. קליין און גרויס זאָגט א מיינונג. דאָ זעהט איהר, פיהלט איהר דאָס לעבעדיגע לעבען.

דאָ בעווייזט מען, ווי אלע פּראָדוקטען ווערען מעכאניש פּער־פּאַקט. קיין מענשען־האַנט, ציכטיג, זויבער:

אין איין זייט — שטיקער בלעך און אין דער אנדערער זייט שיט מען נאנצע קאַווע. און ביז די קאַווע קומט צום בלעך איז די ערשטע שוין צומאַלען אין א רונדער פּושקע. אָנגעשטאָטען, פאַר־קלעפּט, ארומגעוויקעלט און פּארטיג. -- בלויז קליין געלט, און קאָנסט עס מיטנעהמען אהיים — — —

און ווי מען ״מאכט״ געלט בעווייזט מען אויך אויף דער אויסשטעלונג — — —

* * *

דרויסען איז שעהן, ליכטיג און וואַרים. עס בלויט זיך ס׳וואַר־

סער ארום דעם ״גאָלדענעם טויער״.

עס זעהט אויס, אז דער גרעסערער עולם פיהלט זיך בעסער אין הרויסען. עס טראָגען זיך אָבגעריסענע קלאַנגען פון די מוזיק־קאפּעלעס וואָס שפּיעלען אין פערשיידענע פלעצער. גאַנץ ווייט איינע פון אנדערען שפּילען זיי און דאָך דערטראָגט זיך א מוזיק־כוואַליע פון דיכטער און פּויער און רייסט זיך אריין אין דער אוּוערטיור צו טאַנהויזער.

די אויסשטעלונגס-טעריטאָריע שנייט דורך א מיניאַטור אייזענבאַן־ליניע; קינדיש־גרויס אויף קליינע וואַגאַנעלאָך פיהרט מען אום די בעזוכער, פאַר צעהן סענט, פערשטעהט זיך. אָבער דאָס קליינע לאָקאָמאָטיוועל פייפט גרילציג און רויכערט, ווי עפּעס רעכטס; טראָגט זיך דורך מיט גערויש פאַרביי דער מוזיק קאפּעלע און פייפט זיך פאַנאַנדער פּונקט, ווען דאָרט שפּיעלט מען דעם ״פריהמאָרגען״ פון גריג.

א פּאַראַד!

מען פּויקט ערגעץ, טראָמפּייט־סיגנאַל.

א קלאַפּען פון פערדישע טריט דערטראָגט זיך. דער עולם לויפט. א פּאַראַד. דאָס געהערט צום פּראָגראַם פון טאָג. א מיטעל דעם עולם אריבערצוציהען, אדער האָט עס אפשר אויך צו טהאָן מיט דער אויסשטעלונג? ס'איז ניט קיין געוואוינטליכער פּאַראַדען־מאַרש:

די עלטסטע פאַרשטעהער פון לאַנד מאַרשירען רייטענדיג אויף זייערע פאַרשיידענפאַרביגע פערד. אמת'ע אינדיאַנער, דער ״שארית הפליטה״ פון די ״אבות־אבותינו״ פון דעם לאַנד. די גע־זיכטער געפאַרבען, די אַרעמס און הענט טאַטואירט. אָדלער־פע־דערס אין די האָר און מיט אויסגעפלאָכטענע שטייפע צעפּ אויף פאַרענט פערוואָרפען. פאַרשטעהער פון פאַרשיידענע אינדיאַנער שבטים יעדער איינציגער מיט אנדערע שרייענדיגע קאָלירען ס'פּנים אויסגעשמירט. קאַרבאָים און מיידלאָך חנ'דלען זיך פאַר־בייפאַהרענדיג.

אין אן אלטען פארשטויבטען און האלב-צובראכענעם לאנדא, די פענסטער אפען, זיצט א דיקע, שווערע אינדיאנערין, שווער, ווי די ערד אליין, ס'פנים — פאנטאסטיש געפארבען, א פארשטעהערין פון א שבט בעווים, און צוויי הויכע, דארע פערד שלעפען די קא־רעטע. זי קוקט טעמפ ארויס צום עולם וואס האט זיך פערזאמעלט ביים זייט וועג אין א געדיכטער וואנד און קוקט נייגעריג.

ווייסט זי דעם בעדייט פון אט דער אויסשטעלונג? צי ווייסט זי, אז דא האט מען אויסגעשטעלט דאס רייכקייט פון איהר לאנד און — און אפילו איהר ליעד האט מען פון איהר צונעגומען און פערדארבען; איהר שטילע מעלאנכאלישע ליעד וואס איז פער־וואנדעלט געווארען אין דעם בלעכען־קלאנג טעמפען אמעריקאנעם גאסען געזאנג?...

* * *

..."די פערגעניגענס פלעצער!"

טאם-טארראם! א כאאס פון שפיעל־קאסטען מוזיק און מענ־שען־קולות.

א זעהר בכבוד'יגען ארט פערנעמט דער אמיוזמענטס־פלאץ. א גאנצע גאס פאנטאסטישע, סימבאלישע געביידעס. דער גרינ-הארן מיינט, אז דאס איז די אויסשטעלונג; ווארום דאס איז דער אויסדרוק פון בעוועגונג און לעבען דא. די שרייענדיגע לעבעדיגע רעקלאמע דערגרייכט די העכסטע שטופע. פאר יעדען פלאץ, פאר יעדע טיר אן אנדער גרילצענדיגע רעקלאמע.

בעווייזט מען אינדיאנער אינווייניג, — שטעהען די אינדי־אנער אליין פאר'ן טיר און רופען;

בעווייזט מען קריפעלם — איז דער קריפעל אליין דער רו־פער. פאר אמין צירק ליגט א עלעפאנט און שרייט: מא-מע! מא־מע! אזש דעם עולם פערכאפט ביים הארצען. אלץ איז דא אין בעווע-גונג; שרייערס, שטימעס, שוין פון לאנג הייזעריגע, דערמאכען מיט די הענד, וואס זיי קענען ניט דערשרייען. צעהן סענט, א קוואדער; אפילו "ניקעל־פערגעניגענס" אויך פאראן.

דער עסקימאָ-דאָרף!

דאָס הויז — אין געשטאַלט פון אַן אייז-באַרג. ביים טיר — אַן עסקימאָ מיט זיין טאָכטער, געקליידעט אין איבערקעהרטע פעל-צען. האַלטען לאַנגע, לעדערנע בייטשען, אפשר צעהן איילען די לענג, און כוואַשטשען גלאַט אין דער וועלט אריין, ס'הייסט: אזוי טרייבט מען ביי אונז אַן דעם געשפּאַן פון הינט, וואָס שלעפּען דעם שליטען איבער די אייביגע שנייען פעלדער. קיין הינט זיינען ניטאָ, און קיין שניי-פעלדער אויך ניט. זי בעווייזט אַ קונץ: מיט'ן ברעג בייטש קען זי טרעפען אַ פּעני, וואָס מען לעגט אוועק אויף דר'ערד, ווייט פון איהר. נאָך דעם געהען זיי אינוועניג אריין רופענ-דיג דעם עולם — — —

דער האַווייער דאָרף!

עס זיצען פאַר'ן טיר אַ גאַנצע משפחה האַווייער. די פרוי-ען אין קליידלאַך פון שטרויען אויסגעבונדען. די ברוסט ענטבלויזט. זינגען מעלאַנכאָלישע נגונים און צימבלען צו אויף גיטאַרעס. איי-נע רייסט זיך פון אָרט און הויבט אָן טאַנצען, מאַכענדיג גראַציעזע ריטמישע בעוועגונגען מיט דעם גאַנצען קערפער; יעדער גליד בע-זונדער הויבט זיך אָן צו ריהרען און דריקט אויס, דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס... אין דעם געזאַנג און טאַנץ ליגט אַ מין דביקות. באַלד אָבער הערט עס אויף און מען איז מודיע, אַז דעם עיקר בעווייזט מען פאַר צעהן סענט, דאָרט, אינוועניג.

וואונדער איבער וואונדער!

אַ מענש האָט דעם גאַנצען לעבען פערבראַכט אין שטודירען, ווי אזוי אַ פליי אויסצודרעסירען. און ס'איז איהם געלונגען.

● קומט אריין, איהר וועט עס זעהן!... איהר וועט זיך דערוווי-סען פון דער הויכער אינטעליגענץ וואָס די פליי בעזיצט און איהר גרויסע פיזישע קראַפט. צעהן פליי ווערען אין אַ וואָגען איינגע-שפּאַנט, און ווי די בעסטע פערד שלעפּען זיי דעם וואָגען לויט דעם פערלאַנג פון דעם פוהרמאַן!

דער פּראָפעסאָר מיכאַלאָ!

"קומט און זעהט דעם מענשען וואָס האָט זיבעצעהן יאָהר גע־פינסטערט אין דעם וויסטען, קאַלטען סיביר, דערפאַר וואָס אין "יענע טעג"... איז ער געגוג דרייסט געווען צו שטעלען זיך אנט־קעגען דעם צאַר און וואנדערענדיג צוויי טויזענד מייל דורך די סי־בירער שנייען איז איהם געלונגען אהער זיך צו דערקלייבען, קומט אריין אינוועניג! פאַר צעהן סענט בלויז וועט ער אייך ווייזען, ווי אזוי ער האָט די קייטען צוריסען"...

און אינוועניג, דער פּראָפעסאַר אליין, אין מיטעלע יאָהרען. נאָך זיין פּנים און אויסשפּראַך איז ער פון קאָוונער גובערניע, רעדט איינגליש מיט א "שין" און רוסיש מיט א "סאמעך". ער שטעהט אויף א מין ביהנע און בעווייזט א קונץ, ווי אזוי ער לעגט אריין א גאָלדענעם רינגעלע צו איינעם אין קעשענע און געפינט עם ביים צווייטען. פון פּובליקום קלייבט זיך ארויס א יונגערמאַן מיט וואָנ־סעלאָך פון רוסישען סטיל, בלאָס, ווי די קאַלך — ווענדעט זיך פּלוצלונג אין רוסיש:

— ווי לאַנג ביזטו שוין אין אמעריקא?

— צעהן יאָהר.

— טאָ ווי קומסטו צו זיין אין "יענע טעג" אין רוסלאַנד, אויב זיבעצען יאָהר ביזטו געווען אין סיביר?... ווי שעמסטו זיך ניט אויסצוקלערען אזעלכע ליגענס אויף רוסלאַנד?!

דער עולם פערשטעהט ניט די שפּראַך, קוקט פערדעכטיג און פערוואונדערט.

— איהר הערט? — ווענדעט זיך דער פּראָפעסאַר מיכאעלא צום עולם אויף ענגליש — דאָס איז א רוס. ער איז ברוגז וואָס איך דערצעהל דעם אמת אויף זיין לאַנד..

די שטומע בליקען פון עולם פאַלען אויף דעם רוס... דער רוס ווערט צוטומעלט, מאַכט דעם פּראָפעסאַר דעם עכט רוסישען "מי שברך" און געהט ארויס געשווינד, אומקוקענדיג זיך, ער זאָל דאָ ניט כאַפּען קיין "בלויע אויגען"...

מעקסיקא!

א שעהנע מקעסיקאנערין זינגט פאר'ן טיר מעקסיקאנער ליעדער און קלייבט דעם עולם ארום זיך. צוויי יונגען אין סאמעטענע הויזען מיט ליאמפאסען, אין סאמעטענע ענג פערשפילעטע יאקעלאך און אין שטרויענע היט, ווי מילשטיינער גרויס — זיי בעגלייטען אויף גיטארעס. באלד הויבט זיך אן א רעדע פון איינעם אין ענגליש:

— "אונזער לאנד איז אין קריעג. מיר האבען ניט געקענט נעהמען קיין אנטהייל אין דער אויסשטעלונג. אבער דורך די מיה פון גוטע מענשען און פאטריאטען איז אונז געלונגען דא אזעלכעס צו שאפען וואס וועט אייך פערבייטען די אויסשטעלונג. בלויז צעהן סענט איינטרים געלד. גאנץ מעקסיקא וועט איהר אינווענינג זעהן...

"די ריכטיגע מעקסיקא, מיט איהר לעבען און זיטען, איהר פריידען און ליידען. קומט אריין! קומט אריין!"

אינווענינג. אנ'אויסשטעלונג. און אין דער איינענער צייט א טעאטער פארשטעלונג, אין מיט'ן — פלעצער פאר'ן עולם צו זיצען. ביי די זייטען אנ'אויסשטעלונג פון מעקסיקאנער בעווערב. עס זיצען אלטע פרויען, איינגעבויגען ביי פרימיטיווע וועב מאשינען. מיידלאך בלאסע שטיקען, שטיקען אהן אויפהער גרויסע, לאנגע טישטיכער, בעט-צייג און גארדינען. איינער קלעבט אוים פון וואקס פערשיידענע נאציאנאלע פיגורען, דער אנדערער קלעבט אוים פון געפארבטע פעדערלעך, אויף פאסט-קארטלאך, אנגעבלאזענע העגער ביים געשלעג. אויף די ווענד — מאלערייען פון דעם איינענעם כאראקטער; ס'איז א נאציאנאלער שפיעל: יעדער קומט מיט זיין האן און מען וועט זיך ווער וועמען ס'וועט בייקומען. מען לאזט איין האן אנטקעגען דעם אנדערען ארוים. די העגער פיקען זיך אזוי לאנג, ביז איינער דעם אנדערען פיקט די אויגען ארויס...

איינער געהט מיט'ן עולם, און מיט א בעזונדערען פאטאס רעדט ער פון דער מעקסיקאנער קולטור.

נאך דעם, ווי דער עולם האט זיך בעקאנט מיט "מעקסיקא",

בעקומט ער פאר זיין געלט א עסטעטישען גענוס:

דער פארהאנג הויבט זיך אויף. טענץ און מוזיק. די קאפעליע — אויף דער ביהנע אין הינטערגרונד. אין פאדערגרונד — טענץ. דער שפאנישער טאנץ אבער מיט מעהר פייער, מעהר ווילדקייט. "זי" טראגט זיך אנטקעגען "איהם" מיט גאוה, די ברוסט פאראוים און די הענט אונטער די באקעס, די טאליע מיט א פארביגע זוך ארומגעוויקעלט און, ווען "ער" דערנעהענטערט זיך מיט זיין טאנץ, מהוט "זי" א בריק מיט דעם פוס אויסקלאפענדיג מיט די קאסטא-נעטען אין לופט, און ווי א וויכער טראגט זי זיך קאראאד אוועק פון איהם. איין פאר טענצער בייט די אנדערע, אבער אלץ דער אייגענער פייער; די אייגענע ווילדקייט אין די בעוועגונגען און דער אייגענער פונקען-בליק. מען קנאקט מיט די קנאפעל אין דער ביהנע דאבריי ארויסגעבענדיג תאות'דיגע אויסגעשרייען...

"אונזער לאנד איז אין קריעג"....

* * *

"עגיפטען"... "טערקיי". די מערקווירדיגסטע קריפעלס פון דער וועלט. פערד מיט פינף פיס. קעלבער גאר אהן פיס, גענז מיט צוויי קעפ; א מיידעל וואס עסט מיט די פיס... א מענש וואס שלינגט שווערדען; א פערד וואס קען רעדען. א. א. וו. אלעם שרייט, אלעם פילדערט.

דער עולם בעזוכער איז דא גרעסער, ווי אין די אויסשטעלונגס פאלאצען, ווערט נים מיעד און נים טויב פון דעם ווילדען נאקע-טען אויסגעשריי דא...

* * *

און אז די נאכט קומט אן, — צינדען זיך אן עלעקטרישע לעמפלאך אין א מורא'דיגע צאהל. רייסען שטיקערווייז פון דער נאכט. ממש די לופט ציטערט פון דער ליכט. פייער-ווערק-שיסער-רייען. דער לופט פליהער פון דער אויסשטעלונג, ווי דער שטייגער, הויבט זיך אויף אויף זיין פליה-מאשין און בעווייזט קונצען. מיט בענגעל-פייערען און ווייסע רויך-סטענגעס שרייבט ער דעם וועג

וואָס ער מאכט. שרייבט אוים "טויטע שלייפען" פליהענדיג מיט'ן קאָפּ אראָפּ, אָט, אָט אין ים אריין פאלט ער... אָבער ער לאָזט זיך בשלום אראב.

דער רעכטער לעבען הויבט זיך אָן ביינאכט. יעמאָלט ווען מען איז שוין ניט מחויב צו געהן פון פּלאַץ צו פּלאַץ און מיט א כלומר'שדיגען אינטערעס זיך צוקוקען צום פּראָגרעס פון דער מענשהייט...

* * *

אין דעם יאפּאַנישען קאפע הויז בעדיענען שעהנע יאפּאַנעזער־רען.

אין דעם כינעזישען — שעהנע כינעזערען.

די יאפּאַנעזערען אין לאנגע זיידען, געהאפטענע קימאָנעס מיט א ברייטען באנד, גראם ביי דער טאליע ארומגענומען.

די שעהנע כינעזערען — אין בלויע הויזלאך — לאנגע קאפט־לאך און קליינע, קליינע טריט.

ווער עס וויל אויף די שעהנע יאפּאנעזערען קוקען — געהט טיי טרינקען.

ווער עס וויל די שעהנע כינעזערען בעטראכטען — געהט זיך א "טשאאפּסואי" בעשטעלען.

די יאפּאנעזערען ווי די כינעזערען האָבען זיך נאָך ניט אויס־געלערענט, ווי צו שמייכלען צו די געסט. און דעריבער איז די טיי ניט געשמאק; און די טשאאפּסואי האט דעם טעם פון סם־המות...

יא. אויף דער וועלט איז א מלחמה. אויף אלץ קוקט זיך ווי דורך א קרומען שפּיגעל. איך בין געווען אין דעם פּאלאץ פון דער ש ע ה נ ע ר ק ו נ ס ט און נאָך אין אנדערע אבטיילונגען, וויכטיגע און ניט וויכטיגע... ס'ווילט זיך מעהר ניט נאַטירען.

אויף דער וועלט איז א מלחמה, און דער גרעסטער קרבן פון דער מלחמה איז אונזער שכל הישר.

ניט צו מאכען.

רוסלאנד און יאפאן

א מייל פינף און צוואנציג פון לאָס־אנדזשעלעס צופוסען־די בערג, דיכט ביים פאסיפישען ברעג — ציהען זיך צוויי שורות הייזלעך פון ברעטלעך צונויפגעשלאָגען. פאר די הייזלעך און הינ־טער זיי, הויבען, טריקענען זיך פישער־נעצען און וועש, און אויף דר'ערד — הויפענס מיסט.

פארנאכט, אז עס הויבט זיך אָן דער וואסער־צופלוס אין שטי־לען ים, קומען די כוואליעס צופאטשען ביז צו די פלייצעס פון די הייזלעך, נעהמען אוועק די מיסט הינטערן שטוב און ברענגען צו־טראָגען מיסט פון אנדערע געגענדען.

"דער יאפאנישער פישער־דאָרף" הייסט דער פלאץ.

אין אמת'ן אָבער זענען אין דעם דאָרף פערטראָטען קינדער פון צוויי גרויסע פעלקער:

רוסלאנד און יאפאן.

דער יאפאנישער, מעהר ריירעוודיג, האָט די גרעסטע טייל דאָרף אין זיין רשות, די פאָר קרעמלעך, שענקלעך זענען יאפאנישע.

"רוסלאנד" האָט זיך צונעטוליעט ביים ברעג דאָרף. און אין דעם שאָטען פון די הייזלעך שטעהן די בריים־פלייצינע מענער איינגעבוינען און שטעכען אָן שטיקלעך אָקסען־הארץ אויף די אָטשעקלעך פון די מיילען לאנגע שנור־וועטקעס, און ביים זייט די ווייבער וואשען, וואשען אָהן אויפהער וועש.

בלויז די קינדערלעך קלייבען זיך ארוים אביסעל טיפער אין דאָרף אריין, שפילען זיך מיט די יאפאָנישע קינדער, צוזאמען געהט מען צום ברעג אראָב, קלייבען מעער־קעפעלעך און פעריל־מוטער שיסעלעך, וואָס די כוואליעס וואשען און שלייפען.

דער ים לעהרענט אוים מענשען שווייגען.

און אנ'אונבעקאנטער פישער, וואָס רויכערט נאָך א ליולקע דערצו — שווער איז צו ברענגען זיין צונג אין בעוועגונג. זיינע

ווערטער האלט ער אין א זעקעלע בעהאלטען, מיט א שנירעלע פער-בונדען — פונקט ווי דער קארגער זיינע מטבעות. איין ווארט גיט ער ארויס. אויף מעהר — מוזטוווארטען.

דאך זיינען היינט צייטען אנדערע.

נים נאר פיש, גרויסע און קליינע, שווימען דורך דעם גע-דאנק ביים פישער, וואס שטעהט מיט'ן פנים צום ים און צירעוועט זיינע נעצען.

ווייט, ערגעץ ווייט, אין דער אייגענער היים געהען און מלחמות...

און די יאפאנעזער און די רוסען, וואס האבען גאר נים לאנג אזא בלוטיגע מלחמה צווישען זיך געפיהרט — איצטער זענען זיי גוטע פריינד.

— יאפאן איז מיט אונז, ער וועט דעם דייטש בעווייזען.

דעם יאפאנער איז לייכט צו דערקענען. זיינע קרומע שארפע אויגעלאך... און די רוסען —

זייערע ברייטע פלייצעס און בערד האבען מיר דערצעהלט ווער זיי זיינען.

א צעהן פאמיליעס זיינען זיי דא. "מאלאקאנעס". מענשען מיט עפעס אן אונקלארען געפיהל — גוט צו זיין. ווייזט אויס שוין לאנג, אז זיי האבען דא נים בעטראפען א מענשען פון דער פרעמד, וואס זאל רוסיש ריידען. און ווען אין מיטען העלען, הייסען טאג בעווייזט זיך א פארשוין מיט "א גאט העלף" אויף רוסיש — ס'איז אביסעל אונגעוועהנטליך. כמעט פערדעכטיג:

קיין פישער-הענדלער זעהט אויס בין איך נים. אפשר גאר א מענש מיט א געהיימער שליחות: אויסקוקען, אויספארשען, וואס זיי טהוען דא... די עלטערע האבען פון דער ארבייט בלויז א זייטיגען בליק צו מיר געווארפען; מיט שלעסער אויף די מיילער. אויף מיין "גאט העלף" נים געענטפערט. בלויז איינער א איינגערער, אזוי פון א יאהר דרייסיג, האט זיך אליין נים געקענט גובר זיין. ער האט

אָבגעווישט די האנט אָן די הויזען און זי מיר דערלאנגט, און אין דער איינענער צייט געקוקט צו די עלטערע, זעהען וואָס פאר אַן איינדרוק עס מאכט אויף זיי...

— אָנגעקומען איז מען פון דעם קאספישען געגענד.

— איז דאָך פאראן פיש אין קאספישען ים אויך?

דאָס איז אָבער קיין פראגע נים. דער רוסישער פויער, אז ער לאָזט זיך אוועק פון זיין היים איז נים צו זוכען א גרינג לעבען.

מיר איז אויסגעקומען צו בעגעגענען דאָ און דאָרטען רוסישע פויערים, וואָס שלעפען זיך איבער ווייטע ים'ען, פיהרענדיג מיט זיך בערג מיט שמאטעס און קליינע קינדער. געערדט מיט זיי, אויסגעפרעגט —

עפעס אַן אונקלאָרער געפיהל שלעפט אָט די מענשען פון אָרט צו אָרט און פון לאנד צו לאנד. זיי מאכען אויף מיר דעם איינדרוק ווי שטיקער אייז וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון די גרויסע אייז־מאסען און געלאָזט זיך שווימען, און שווימענדיג ווערען זיי צושמאָלצען און פערשוואונדען.

— כאפט זיך עפעס פיש?

— שוואכלעך.

— פאר וואָס?

— עס געהט נים.

— און די יאפאניער?

— דאָס איז א פלינק פאָלק.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט פיש כאפען? דער ים איז דאָך בענוג גרוים פאר אַלעמען?

— יא, אמת, אָבער אנדערע מענשען. האָבען מאָטאָר־שיפלעך, האָבען גענוג נעצען — און מיר זעהסטו — פאָהרען מיט די שנירלעך ארוים. שטעה דעם גאנצען טאָג איינגעבויגען און שטעך אָן די שטיקלעך פלייש אויף די אטשעקלעך.

איך קוק ארוים ווייט צום ים, דאָרט ביים האָריזאָנט שוואַרצען זיך שיפלעך גאנצע שורות; די מאָטאָרס וואַרפען פון זיך רויך־

פלעקען אַרוים און זיי צושפּרייטען זיך און לופטען. דאָס זיינען די יאַפּאַנער־מענער פון דעם דאָרף. פערוואָרפען די נעצען אויף מייד לען —

— לעבט איהר מיט זיי בשלום?

— אַ סמירנע פאָלק, ניטאָ וואָס צו ריידען. נאָר אַ פלינק פאָלק. גאָר אַ פלינק פאָלק. אָט בין איך דאָ שוין באַלד זעקס יאָהר און קען ניט דאָס אַמעריקאַנישען לשון. און זיי — די צונג ווי אויף שרויפען. מען זאָגט פיש איז געשטויגען. פערשטעהט זיך גע־שטויגען. וואָרים שוין באַלד צוויי וואָכען אַז ס'כאַפּט זיך גאָר ניט און אונז צאָהלט מען אַלץ דעם אייגענעם פּרייז. וויפיעל צאָהלט דיין ווייב פאַר אַ פונט אָט אַזעלכע פיש? — ווענדעט ער זיך מיט אַמאָל צו מיר, אָנווייזענדיג אויף אַ שמאָל, לאַנגליך ווייס פישעל וואָס ליגט נעבען איהם.

וואָרום וואָס?

— מען צאָהלט געוויס צו פופצעהן סענט אַ פונט און מיר בעקומען בלויז צו חריי. די יאַפּאַניער נעהמען עס ביי אונז צו...

אַזוי הייסט עס. באַלד זעקס יאָהר אין לאַנד און ווייסט ניט קיינמאָל דעם פּרייז פון זיין אייגענעם פּראָדוקט.

— און וואָס הערט מען עפּעס פון רוסלאַנד, פון דער מלחמה? מען שניידט אונזערע? דער דייטש שניידט. אפשר וועט דער יאַ־פּאַניער קומען צוהילף דורך סיביר. אַ בראַברשער עולם. ער איז דאָך איצטער אויף אונזער זייט.

— קלערט איהר אַמאָל זיך אומקערען צוריק אַ היים?

— ניטאָ וואָס צו מאַכען דאָרט.

— נו, און פיש כאַפּען?

— ווער ווייסט? אָט אַזוי האָט מען זיך אָבגעשלאָגען פון דער היים.

איך האָב זיך געלאָזט געהן טיפער אין דערפעל אַריין. אין די פּאָר קרעמלעך זיצען אָבגעבלאָזענע יאַפּאַנערען און קוקען אַרוים אין דער וועלט אַריין. די מענער זענען אויפ'ן ים. און דער טאָג איז

לאנג און הויס. אין איין הייזעל פיפט און פאפט און עס שלאגט א רויך פון דאך מיט א געשטאנק פון בענזין. אינעווייניג, אינוועניג, אין דער פערשטיקטער לופט זיצט איינגעבויגען א יאפאנער ביי א שלייף־מאשין. ער שלייפט פעריל־מוטער און מעסער־קעפ וואס ליגען אין א גאנצען בארג אויף דר'ערד.

— העללא!

ער גיט עפעס א ברום אונטער דער נאז און רייסט ניט אב די אויגען פון דער ארבייט.

— הויס הייגט, וואס? פרואוו איך מיר ווידער.

ער ברומט ווי פריהער עפעס אונטער דער נאז. איך בעטראכט איהם. און ס'איז שווער אבצושיידען אין געדאנק — איהם פון דער פערבלאטיגטער שלייף מאשין. — במעט אלע פינגער זענען מיט שמאטקעס ארומגעבונדען און וואונדען קוקען ארויס.

א קינד קומט אריין, האלב נאקעט מיט קרומע מאנדעל־אויגעלעך און פערשווירענע גלאטע הערעלעך אויפ'ן שטערן. עהט אויס ווייגט א קינד. עס פרעגט עפעס. ער ברומט אונטער דער נאז און ווענדעט ניט אב די אויגען פון דער ארבייט.

— פערקויף מיר איינעם פון די מעסער־קעפלעך, — ווענד איך מיך צו איהם נאך דעם ווי איך האב איינם אויסגעקליבען פון דעם בארג וואס ליעגט אויף דר'ערד.

— מען קען ניט. ס'איז פרעמדע — ענטפערט ער מיר אין א גאנץ גוטען ענגליש — עס ווערט פעהלען צום צאהל.

דאס איז אלץ וואס כ'האב געקענט הערען פון איהם...

פון ערגעץ קומט זיך צוטראגען אן אויטאמאביל אין ־ערפיל אריין, הויבט אויף דעם שטויב ביז איבער די הייזלעך. אין אויטאמאביל יונגע יאפאנער. איינוואוינער פון דערפעל ווייזט אויס. וואוילעריש שפרינגען זיי ארויס פון זייערע ערטער. רעדען עפעס שנעל. יאפאניש מיט ענגליש געפלאכטען ווערט פון האלז ווי ארויס געשפיגען.

— א פלינק פאלק. זיי וועסטו ניט אבנארען.

ווייסען שוין יאָ דעם פּרייז פון פיש.

— עך, ניט נאָר דעם פּרייז פון פיש ווייסען אָט די לייט, וואָס האָבען זיך דאָ צוגעטוליעט צום ראַנד פון לאַנד...

טייכען

לענדער, וואָס פאַרמאָגען אַסך טייכען האָבען אַ דאָפּעלטען חן. די שטאָט, וואָס דורך איהר שניידט זיך ניט דורך קיין טייך, פעהלט איהר ברייטקייט. אַפילו מענשען, וואָס וואוינען נאָהענט צו אַ טייך, דאכט זיך מיר, קוקען דרייסטער אין דער וועלט אריין. טייכען לעבען זייער שטאַרקען, רוישיגען לעבען און מיט שעהנקייט איז פול אַלץ ארום טייך: אָנהויבענדיג פון גראָז, בוים און פעלד און ענדיגענדיג מיט זונפאַרגאַנג און זונאויפגאַנג...

פאַראַנען אין אידישען אַ רעטעניש וואָס געהט אַזוי ווי אַ שמועס:

— קרומער געפרוירענער, וואוהין געהסטו?

— נאַר דו, געשווירענער, וואָס פרעגסטו? איך בין שעהנער ווינטער אַ געפרוירענער ווי דו זומער אַ געשווירענער...

און דאָס איז אַ שמועס צווישען טייך, שפּעט אין הערבסט, ווען ער האַלט זיך שוין אין גרייטען צום ווינטער, און דאָס אָבגע־שניטענע פעלד וואָס מאַכט חוזק פון טייך; און דער טייך כאָטש, באַלד ווערט ער פאַרפרוירען און דאָך ווייסט ער זיין ווערדע; פאַר־שטעהט ער זיין וויכטיגקייט. און ברייט איז זיין ענטפער.

מען קען ניט זאָגען, אַז אַמעריקאַ פאַרמאָגט זעהר אַ סך טיי־כען. ניט אַזוי פיעל ווי אין איירעפּאַ און ניט אַזוי שעהן זיינען זיי ווי אין דער אַלטער וועלט. אָבער טייכען זיינען עס! יוגענד און לע־בען טראָגען זיי; שטראָמיג זיינען זיי, אַסך שטראָמיגער ווי די טיי־כען פון איירעפּאַ. אין גויעג טראָגען זיך זייערע וואַסערן. עהנליך

צום גאלאפ פון לעבען דא אין לאנד. די וואסערען זייערע, מיט א קליינער אויסנאהמע, זעהען אויס בלאטיג, געלבלעך־גרוילעך. אזוי זיינען כמעט אלע טייכען אין א מ ע ר י ק א, ניט נאר אין די פעראייניגטע שטאטען. דער ל א פ ל א ט א, א ו ר א ג ו ו י י פ א ר א נ א אין ארגענטינא אדער אפילו די קעניגין פון די טייכען, די א מ א ז א נ ע, וואס אין בראזיליען — פון וויטען זילבער־רען זיך זייערע וואסערען, שפיעלט אין זיי אמאל א גרינקייט, אבער פון נאהענטען — בלאטיג, ניט דורכצובליקען מיט די אויגען ביז צום גרונט. ווילט זיך ניט אנשעפען און א טרונק טאן פון טייך, ווי עס טרעפט אין דער אלטער היים. מיר קינדער פון דער אלטער וועלט זיינען געוואוינט געווען צו זעהן אין אונזערע קלארע טייכען די בלויע הימלען, קוקען ווי די בלויע וואסערען ריזלען זיך צווישען גרינע ברעגעס, אריינכאפענדיג די גרינע אבשפיגלונג פון די בוימער וואס ביי די ברעגעס. אבער דער בעגריף, אז א טייך בע־דארף זיין בלוי; אז א טייך איז שעהן ווען ער איז בלוי — לעבט אפילו ביי די קינדער פון דעם לאנד אויך. איך פרעג אמאל א קינד פון דער שולע וואס ער ווייסט פון דער מיסיסיפי, דער שטאלץ פון לאנד:

— האסטו עפעס ליעב די מיסיסיפי?

— אוי, כ'האב ליעב. א גרויסער טייך, א בלויער טייך, אזא בלויער טייך! און מי—סי—סי—פי — שווער ארויסצורייידען, אבער אזוי שעהן ארויסצורייידען!...

די טאלען פון דער מיסיסיפי זיינען פרוכטבאר. און פרוכט־באר זיינען זיי דערפאר וואס די וואסערען כאפען זיך אמאל פון די ברעגעס ארויס, טראגען זיך איבער דער געגענד און מאכען פעט די געגענד. מענשען ווייסען גאנץ גוט פארוואס די ערד אנז דא אזוי פעט און מאכען זיך ניט ווויסענדיג. בויען אויס הייזער גאר נאהענט צו דער פרייער מיסיסיפי, צואקערען די ערד ארום די הייזער, פיהרען זיך איין א בעל־הבתישקייט, פערד, קיה, עופות און קינדער; די ערד גיט איהר שפע ארויס; מען פערגעסט גאר פאר־

וואָס די שפע איז אזוי גרויס, און מיט אמאָל —
— די מיסיסיפי האָט זיך צושפּיעלט!
אלץ פערטראָגען, אלץ אראָפּגעשווענקט.

די מיסיסיפי שניידט דורך די גאנצע ברייט פון די פעראייניגטע שטאטען. און פון וואנען איהר זאָלט ניט אָנקומען, פון מזרח זייט, און וועלען זיך אריבערקלייבען איבער די פעלזענבערג און זיך דערקלייבען צו די ברעגעס פון מערב, מוזט איהר זיך אָן דער מיסיסיפי אָנשלאָגען. ס'איז מיר אויסגעקומען זי צו טרעפען אזוי טיעף אין די ברעגעס בעהאלטען, אזוי אויסגעשעפּט, אזוי אויסגעמאטערט פון געלויף; ס'האָט זיך געדאכט: — צו וואָס אזעלכע לאנגע בריקען, איבער אזא אונשולדיגען שטראָם? און כ'האָב מיך בעגעגענט מיט דער מיסיסיפי אין א צייט און אין א געגענד וואָס שרעק האָט די מיסיסיפי געוואָרפען אויף דער געגענד. מענשען זיינען געלאָפען אין טויט־שרעק, שלעפּענדיג דעם ארויסגעראטעוועטען פערמעגען. ס'וואסער האָט זיך געטראָגען הויך איבער די ברעגעס; ארויס פון די גרעניצען, ארויסגעריסען, זיך פון געפענגעניש, טראָגענדיג מיט זיך הייזער און בוימער אויסגעקערטע מיט די וואָרצלען; טראָגענדיג מיט זיך וועגענער און טויטע קיה, טויטע פערד און לעבעדיגע בהמות, וואָס האָבען געשוואומען און מיט צושראָקענע גרויסע אויגען געקוקט צו די פּאסען לאנד וואָס האָבען דורכגעשווינדעלט פערביי זייערע גרויסע אויגען און די בריקען, די אלמעכטיגע בריקען:

— צו וואָס אזא שוואכע בריק איבער אזא גוואלדיגען שטראָם — האָט זיך ניט ווילענדיג געטראכט ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט מורא האָבענדיג, טאָמער, טאָמער...

פאראנען ערטער, וואו די מיסיסיפּי פערלאנגט ניט, אז מען זאָל איבער איהר בריקען בויען; איהר טיעפקייט מיט שטיינערנע פונדאמענטען, שטיינערנע זיילען דורכשניידען און שטערען איהר געלויף. דאָרטען, אז דער צוג קומט אָן, מוז מען איהם אויף צווייען, אויף דרייען צושניידען און או [illegible] ארויפנעהמען און

געבונדען און הילפלאז דעם אלמעכטיגען צוג איבער'ן טייך ארי־בערנעהמען. און די כוואליעס פון דער מיסיסיפי פאטשען און לא־כען און שפאטען ווען זיי טראגען אויף זיך ווי א שפענדעל דעם פראם מיט דעם געבונדענעם צוג.

און ניט ווענינער ווילד זיינען דער א ה י י א און די מ י ז ו ר י, וואס טראגען זייערע וואסערען צו דער מיסיסיפי. אויף אזוי שטראמיג און אויך אזוי בלאטיג־געלב קייקלען זיך די כוואליעס. אויך זיי פערגינען זיך פון צייט צו צייט א טרייב צו טאן די לעבעדיגע בעשעפענישען, וואס האבען זיך צו נאהענט צו זייערע ברעגעס דערנעהענטערט.

פאראנען דא אסך טייכען אין לאנד, וואס הויבען זיך אן מיט א גרויסען פערנעהם אבער וואס נעהענטער זיי קומען צו זייער ציעל, אלץ קלענער ווערט זייער כח און פלאכער ווערט זייער וואסער און אלץ שוואכער ווערט זייער שטראם. דאס זיינען די מעהרסטע טייכען אין דרום־מערב פון לאנד אויף ד ע ר זייט פון די פעלזען־בערג נאך, און אביסעל שוין אין די בערג, און אויף דער אנדערער זייט בערג. טייכען וואס האבען אויסגעקליבען דורכצושניידען אזעלכע שטאטען ווי קאלאראדא, קענזעס אדער טעקסעס. זיי ברענגען מזל און ברכה צום פויער. אבער צום ים ארויס, אדער צו די גרעסערע טייכען ברענגען זיי זעהר און זעהר ווינציג וואסער. מען בענוצט זיך מיט זייערע וואסערען אנצוטריקענען די טרוקענע פעלדער און די געגענדען וואו ס'רעגענט אזוי ווינציג. מען גראבט אויס גראבענס דארט וואו דער טייך האט זיין בעט הויך, און מען מאכט די וואסער לויפען צו דער נידער, צו אלע פעלדער וואס שפרייטען זיך ארום און ארום. יעדער פויער פערבעט די וואסער צו זיך אויפ'ן פעלד, טרינקט אן זיין פעלד און לאזט עס ווייטער לויפען. און פון פעלד צו פעלד אזוי, ביז א קליינע רעשט, שטויביג און ברודיג, קעהרט זיך אום צוריק צו זיין מאמע־טייך, אין א בריי־טער בעט אריין, וואו פון ביידע זייטען וואקסען ווערבעס איינגע־בויגענע, אבער וואסער ווינציג: בלויז שטיינער ווייסע און זאמד

ווייסער, וואָס טריקענט זיך אנטקעגען דער זון.

פאַראַן אין טעקסעס דער ר ו י ט ע ר ט י י ך. א שטראָמיגער טייך און די וואַסער איז טונקעל־רויט ווי ביער. א מאָדנעם איינדרוק האָט דער טייך אויף מיר געמאַכט ווען כ'האָב איהם צום ערשטען מאָל בעגעגענט אין א גרינער געגענד, דורכשניי־דענדיג קאָרן און ווייץ־פעלדער אין פריהלינג. כ'וואָלט קיינמאָל, דאַכט זיך מיר נים געוואָלט זיך פערטרויען אָט דעם טונקעל־רויטען וואַסער, וואָס שטראָמט מיט אזא ערנסט און מיט אזא בייזער וויכ־טיגקייט. און איבערהויפּט האָט זיך מיר גאָר נים געוואָלט גלויבען, אז אזא טייך קען בעפרוכפּערען א געגענד און קען מאַכען א גע־גענד חשוב'ער. אָבער דאָך געהער ער אויך צו יענע טייכען ביי וועלכע די פּויערים באַרגען אסך וואַסער. גאָר אסך וואַסער זייערע פעלדער צו מאַכען גרינען, צוזאָגענדיג איהם, אז אין ווינטער וועלען זיי גאָט בעטען, רעגענס זאָלען קומען און ממלא זיין איהם פאַר זיין חסד וואָס ער טהוט מיט די פּויערים אין טרוקענעם זומער...

און דער ק א ל א ר א ד אָ, דער גרויסער קאָלאָראַדאָ, וואָס כ'קען גאָרנים גלייכגילטיג טראַכטען פון איהם ווען איך דער־מאָן מיר זיין וועג און דערמאָן מיר אָן די רגע'ס וואָס כ'בין געווען נאָהענט צו איהם. ער האָט אין זיך די אייביגע גרויסקייט און דער־הויבענקייט, וואָס די בערג דאָ אין לאַנד, יענע נאַקעטע פעלזענ־בערג, אדער יענע מורא'דיגע מדבריות דאָ אין לאַנד.

פּאַראַנען גרינע און בלויע בעשיידענע טייכעלעך דאָ און דאָר־טען, אין די בערג צום מיינסטען. אָט ווי דער ג ר י נ ע ר ט י י ך אין קאָלאָראַדאָ און אין יוטאַ, וואָס פון איהם איז עס דער אָנהויב פון גרויסען קאָלאָראַדאָ.

אָבער ליעב און טייער איז מיר איין טייך דאָ אין לאַנד! ער איז צום נאָהענטסטען צו מיין הארצען:

דאָס איז דער שעהנער ה אָ ד ס אָ ן.

ניטאָ דאָ אין לאַנד קיין שעהנערער וואַסער. ניטאָ קיין שעה־נערער טייך. ער איז בלוי און טיעף און זיין וואַסער טראָגט זיך בע־

זאכט. אויך שעהן איז די קאָלומביא און ארעגאָן, רייסט מיט איהר שעהנקייט די נשמה אויף שטיקער — איהר גרינלאך בלויער ברייטער שטראָם צווישען אייביגע בוימער און טונקעלע וועלדער — די קאָלומביא איז אויך לעננער פון האָדסאָן און דאָך איז דער האָדסאָן מיין ליעבלינג טייך צווישען די טייכען פון אמעריקא.

די פארנאכטען ביים האָדסאָן און די בעגינענס ביי זיינע ברעגעס — ס'הארץ ווערט פול מיט יענעם יראת הכבוד וואָס נאָר א ג ר ו י ס ע נעגענד קען אין אייער וועזען ארויסרופען אין צייט פון דער שקיעה און אין דער צייט פון זונאויפגאנג. דער האָדסאָן איילט זיך נים. ער האָט צייט אויפצונעהמען אין זיין טיעפעניש די שאָטענס פון די גרינע בערגלעך, און בעבוימערטע פעלזען, גרינע אין זומער און גאָלדענע אין הערבסט, וואָס בויגען זיך איבער זיין טיעפעניש. מיט אזא ווירדע האלט ער אויף זיך אמעריקא'ס גרויע קריעגס-שיפען, די שטאָלענע ערנסטע געסט, וואָס קומען אָן אמאָל פון זייער רייזע איבער די גרויסע ימ'ען, וואָס וואשען די ברעגעס פון אייגענע און פרעמדע ווייטע לענדער. און אהער, אין האָדסאָן אריין, קומען זיי א וויזיט אָבצושטאטען דער גרעסטער שטאָט פון לאנד: ניו יאָרק; אסך מעשיות, אסך סודות זיינען פערבאָרגען ביי די ברעגעס פון האָדסאָן. אז איהר לאָזט זיך זומער ארויף מיט'ן וואסער, קוקען צו אייך ארוים לעגענדעס פון אלע פערבאָרגענע ווינקעלאך. עפּעס דאכט זיך דיר, אז די וואָרצלען פון אמעריקאנער פאָלק פערלויפען אזש ביז צום האָדסאָן, פון וואנען זיי ציהען זייער יניקה. זיצענדיג ביי די ברעגעס פון האָדסאָן קענט איהר נים טראכטען קיין לייכטזיניגע מחשבות, ווי דאָרט ביי די ברעגעס פון דער מי—םי—סי—פּי...

א מייל זעקס פון האָדסאָן, כמעט ביים צופוסענס פון די קעצקיל־בערג, איז פאראן אנ'אלט הויז, געמויערט פון רויהע שטיינער. עס איז געמויערט געוואָרען מיט אריבער צוויי הונדערט יאָהר צוריק. דער אלטער ו ו א ן ד י י ז ע ן פּ א ל א ץ אזוי הייסט דער בנין; האָט אמאָל געדיענט פאר א פעסטונג אנטקעגען

די אינדיאַנער. ס'געהערט היינט צו א פאַרמער, וואָס האָט זיינע פעלדער ארום הויז. מיר איז דאָרט אויסגעקומען צו וואוינען א זו-מער, אין א צימער אויף'ן צווייטען שטאָק. יעדער מאָל, ליגענדיג אויף מיין געלעגער אין אווענט, איידער כ'בין איינגעשלאָפען האָ-בען די בליקען ניט ווילענדיג פערבלאָנדזשעט צום פאָלאָפּ. צו די ניט געפּאַרבטע און ניט געקאַלכטע באַלקענס און ברעטער. כ'גע-דענק ניט, אז כ'זאָל האָבען ערגעץ וואו געזעהען אזעלכע שווערע באַלקען אין א שטוב און אזעלכע ברייטע ברעטער. און וואָס ניט האָבען מיר יענע באַלקענס און יענע ברעטער דערצעהלט... אמע-ריקאַ'ס יוגענד האָט זיך מיר אַנגעהויבען אויסצומאָלען פאַר מיינע אויגען, און כ'האָב געזעהען די מלחמות וואָס האָבען זיך אַבגע-שפּילט ארום און ארום צווישען די ווייסע און אינדיאַנער. דאָס שלאַכט-פעלד ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער, אזש ביז צום האָדסאָן דערגרייכט עס שוין. און צו מיר הויבט זיך אָן צו דער-טראָגען דער שטילער איינגעהאַלטענער געמורמעל פון האָדסאָן; איך זעה די אינדיאַנער אין זייערע פלינקע קאַנוס איילען אהער איילען אהין און פיילען פון בויגענס טראָגען זיך איבער דער ברייט פון האָדסאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך נעהענטער איז מיר דער האָדסאָן צום הארצען ווייל קיין טייך אין לאַנד דאָ האָט ניט אויפגענומען אזוי פיעל געסט פון אַלע וועלטען אין דער אַלטער וועלט, וואָס זיינען אהער געקומען אין פערשיידענע ציימען צו ווערען אמעריקאַ'ס קינדער. שורות, שורות שיפען האָבען זיך געצויגען פון אַלע עקען וועלט צום בלויען האָדסאָן און פון די שיפען זיינען געסט ארויסגעקומען ווער מיט פערוויינטע אויגען און ווער מיט מונטערע בליקען, אָבער ביי אַלע-מען האָט ס'הארץ שטאַרק געקלאַפּט; שטאַרק ווי קיין מאָל, און דער בלויער האָדסאָן האָט דעם קלאַפּען פון די צושראָקענע הערצער פערנומען. און אפשר דעם האָדסאָנ'ס טיעפע, ערנסטע, רוהיגע בלויקייט האָט זייער געמיט בערוהיגט...

און נאָך נאָהענטער איז מיר דער האָדסאָן צום הארצען, ווען

איך טראכט אז ביי זיינע ברעגעס ליגט די שטאט נ י ו־י א ר ק וואו אנדערהאלבען מיליאן פון די קינדער פון אונזער פאלק האבען זייער חיים...

אויף די חורבות

קוקסט אויף די גרויסע וועלטען, וואס ווערען דא אין איילע־גיש אויפגעבויט, און די וועלטען, וואס ווערען אין נאך מעהר איי־לעניש חרוב און אבגעווישט פון לעבען; ווילסט אמאל זיך פער־טיפען אין לעבען פון אט די אלע וואס זיינען אהער אנגעקומען איינציגווייז אין פערשיידענע צייטען, פון פערשיידענע לענדער, פון פערשיידענע ראסען און וואס איצטער שטעלען זיי מיט זיך פאר — ס'אמעריקאנער פאלק — יעמאלט הויבט אן אלץ צו שווינדלען פאר די אויגען; די בילדער בייטען זיך ווי אין א קא-ליידיסקאפ. איין בילד בלויז זעהט זיך קלאר ארויס פון דעם כאאס:

— ווי דער ערשטער אריבערגעקומענער דור געהט פון דער וועלט אוועק. געהט אוועק און לאזט כמעט קיין שפור ניט הינטער זיך.

און דאס ל ע ב ע ד י גע פאלק איז קינדיש־סענטימענ־טאל, כאטש די גרעסטע בריקען פון דער וועלט האט מען דא אין לאנד געבויט: די שנעלסטע באהנען לויפען דא און עלעקטרי איז געווארען פאר'ן פאלק דאס אייגענע, וואס זאלץ און וואסער. די אלע גרויסע ערשיינונגען דא אין לאנד, אנהויבענדיג מיט די פופציג שטאקיגע מויערען און ענדיגענדיג מיט'ן קלייבען א פרעזידענט — איז דערווייל בלויז א קינדערשער אזארט, אבער ניט קיין סימן פון א גרויס לעבען. דער גרעסטער וואונדער דא אין לאנד, די גרעסטע ערשיינונג דא אין לאנד איז פארלויפיג דאס, וואס:

— די פעאייניגטע שטאטען פון אמעריקא צעהלען שוין הונ-

דערט מיליאָן מענשען!

און גרויס איז דער כישוף פון לאַנד, וואָס האָט די מחנות אַהער געקענט אַריבערבריינגען פון דער פּרעמד; קינדער מיט פּער־שיידענע לשונות, פון זיי אַראָבציהען זייערע היימישע קליידער און אויפ'ן נאַקעטען לייב אויסברענען די חתימה א מ ע ר י ק א.

ווייל דער וואָס האָט איינמאָל געטרונקען וואַסער פון אַמע־ריקא'ס קוואַל, דער וועט שוין דאָ פּערבלייבען אַ אייביגער פּרייער־קנעכט צום לאַנד. און טאָמער וועט ער אַמעריקא פּערלאָזען, וועט איהם, וואו ער זאָל ניט זיין, אַ בענקעניש טאָמשען זיין האַרץ זיין גאַנצען לעבען.

קוקט אָן די מענשען, וואָס זיינען ביי זיך אין דער אַלטער היים געוואָרינט געווען, אַז אפילו אַ טרונק וואַסער זאָל מען זיי צום מויל דערלאַנגען און דאָ שלעפּען זיי שטיינער, ברעכען דעם רוקען פון פריה ביז נאַכט אבי דאָ צו לעבען. אין די מאַסען קומען זיי און מיט אַ טעמפּעקייט, מיט אַ בלינדקייט זאָגען זיי זיך אָב פון אַלץ וואָס ביי זיי איז געווען היילינ און טייער — פאַר אַ פּשוט'ען שווע־רען, גרויען טאָג אין אַמעריקאַ. בלינדערהייד ווירבלען זיך די ערש־טע אַריבערגעקומענע אונטער די הינע הימלען.

ביז נאָך אין מיטען פון לעצטען יאָהרהונדערט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די ווייסע ראַסע דאָ אין לאַנד לעבט מיט די אויסגעבלייכטע טראַדיציעס אַריבערגעבראַכטע פון דער אַלטער היים. ס'איז געלעגט געוואָרען אַ פונדאַמענט פאַר אַ ליטעראַטור לויט די בעסטערע מוסטערען פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור: עס איז דער שפּיגעל פון דאָס לעבען אין יענע צייטען. כאָטש די נאַקעטקייט פון דער נשמה הויבט זיך שוין אָן צו מערקען; איהר זעהט שוין אַ גאָט־זוכעניש און גאַרניט־זוכעניש. בלויז מיט אַרי־בער אכציג יאָהר צוריק האָט זיך דאָך בעוויזען דאָ אַ מלאך צו אַ פּשוט'ען בשר-ודם מיט אַזאַ ה י י נ ט י ג ע ן נאָמען ווי ד ז ש א ז ע ף ס מ י ד ט און איהם ענטפּלעקט די יסודות פון אַ נייער אמונה. וואָלט דער נביא סמידט ניט אָבגעטאָן אַזאַ

נארישקייט און ערלויבען דעם מאן צו האבען עטליכע ווייבער, ווער ווייסט — אפשר וואלט מען איהם מיט זיינע חסידים פיט גע־רודפט אזוי און ניט נאר י ו ט א וואלט געווען בעזעצט מיט מארמאנען נאר אפילו דער שטאט אילינאאיס וואלט מארמאניש געווען. אבער י ו ט א אליין איז געגוג. געהט זעהט ווי דער מדבר דארט האט אנגעהויבען צו גרינען דורך דעם נייעם גלויבען. אפילו דעם ירדן און ים המלח האט דער נביא דארט ענטדעקט. אפילו לוחות האט ער דארט געפונען....

דאס איז א קלייניגקייט, פאר יענע קליינע, קליינע צייטען.

איצטער בעדארף עפעס גרויסעס געשעהן. מיט א נאטירליכען אדער אונגאטירליכען וועג — אלץ איינס:

— א פאלק בעדארף נאך אמאל געבוירען ווערען. געבוירען ווערען גרויס און ליכטיג, שעהן און עהרליך.

רעליגיאן אין איהרע אלטע פארמען ווערט זיך אויס. פאראן דא אין לאנד קלויסטערס; פאראן אידישע טעמפלען, דער קלויס־טער ווערט פערוואנדעלט אין א פאליטישען קלוב און דער טעמ־פעל אפילו דאס אויך ניט. קינדערלאזע קהילות. די טאטעס קומען, די קינדער ניט. עס טרעפט, אז קריסטען קומען אין אידישע טעמ־פעל הערען דעם ראביים א דרשה, און ווידער א איד געהט זונטאג אין קלויסטער צו הערען דעם פריסטערס א דרשה...

ס'הייסט ניט חלילה, אז קריסטען ווערען שוין אידען און אי־דען — קריסטען.

רופט עס ניט אן קיין טא־ל ע ר א נ ץ. ניטא קיין טאלע־ראנץ צווישען רעליגיאנען. פשוט: ס'הארץ איז לעדיג. די נשמה נאקעט. דער ג ר י נ ע ר אין זיינע יום-טוב־טעג, אויב דער בהלה-טייוועל האט איהם אבגעלאזען, ווייסט ניט וואס צו טאן מיט דער נשמה זיינער. ס'הארץ איז לעדיג, אזוי לעדיג, אז אפילו די בענקשאפט נאך דער אלטער היים שפירט זיך דארט אונהיימליך.

"טיים איז מאני". צייט איז געלט!

ס'איז דאך די ארבייט פון טייוועל געווען דעם גרינעם פאר

זיין לעבען אזא שילד ארויסהענגען. און — "אין גאד ווי טראסט",
אויף גאָט פערטרויען מיר זיך — האָט מען אויף די גאָלדענע און
זילבערנע מטבעות אויסגעקריצט. אויף א מענשען פרעגט מען נים:
ווער איז ער?
נאָר:
— וויפיעל איז ער ווערטה?
ג א ר נ י ט איז ער ווערטה מיט זיין לעבען, וואָס טראָגט
פאר'ן טויער א שילד: ט י י ם א י ז מ אָ נ י!

אפשר נאָך דער צוואנציגסטער יאָהרהונדערט וועט זיין פאר אמעריקא די האַרנע וואו ס'פאָלק וועט אינאיינעם מיט זיין גאָלד ווערען צושמאָלצען און איבערגעשמידט. גרויס וועט זיין דער פייער, אזש דאָס גאָלד וועט אין פייער פון מענשענס אדערען ארויסרינען און פערניכטעט ווערען, און בלויז דאָס, וואָס איז ווערט צו טראָגען דעם נאָמען מענש וועט בלייבען.

וואָלטען די פעראייניגטע שטאטען פערבליבען מיט אזא קליי־נער בעפעלקערונג ווי ארגענטינא, וואָלטען זיי האָבען אן אייגענעם פנים. זיינען אָבער מיליאָניגע פערשידענפארביגע מחנות אָנגעקו־מען און זייערעביידלעך דאָ אויפגעשטעלט, א לאגער געמאכט אויף יענע טראַדיציאָנעלע גערטנער און גרינע פעלדער פון די ערשטע. אלץ איז צוטרעטפעלט און צוטראָטען. אן אָבשפּיגלונג פון דעם ל א נ ע ר איז די איצטיגע ליטעראטור פון אמעריקא, איהר מו־זיק און אפילו אין איהרע טענץ.

אז מען פאָהרט דורך'ן לאנד לענג און ברייט, בעטראכסט דו סטעפּעס, בערג און מדבריות, צובליהטע גערטנער און איבער זיי ליכטיגע הימלען; בעטראכט די טייכען, די אזיערעס און די ים'ען וואָס וואשען דאָס לאנד כמעט פון אלע זייטען; קוקסט צו דער ליכטיגער גרויסער וועלט וואָס הויבט זיך אָן אהינטער דעם ל א־נ ע ר, אהינטער דער גרויסער שטאָט, און שפּעטער קוקסטו אריין אין דער פריש צאפּעלדיגער ליטעראטור, וואו דער מענש מיט זיין לעבען געהט פערביי אייערע אויגען, וואו דער מענש דער היינטי־

גער מיט זיין ווילען מאַלט זיך אויס פאר איך — יעמאָלט קומט דיר אויפ׳ן געדאַנק, אַז אפשר איז דאָס אויך א כשוף און ניט מעהר. אפשר גרינגען גאָר דאָ קיין פעלדער ניט און דורך זיי שניידען זיך קיין טייכען ניט דורך; ניטאָ קיין ליכטיגע הימלען און ניטאָ קיין צובליהטע גערטנער — אמעריקאס ערד גרינט ניט — זי איז מיט אַספּאַלט אויסגעפּלאַסטערט!... א חלום — און ניט מעהר...

כ׳בין אמאָל אין ניו יאָרק דורכגעגאַנגען נעבען א פערציג שטאָקיגען מויער און געזעהען ווי צווישען וואַנט פון וואָלקענקראַצער און אספאַלט שפּראָצט א גרינער גראָז ארויס:

— צווייַ קינדער אמעריקאַ׳ס!

און אין לעבען ווי אין דער ליטעראַטור געוועלטיגט ס׳ערשטע אָבער ניט דאָס צווייטע.

עמערסאָן מיט זיין גאַנצער פילאָזאָפיע און מיט זיין גרויס פּאָעטיש האַרץ, מיט זיין דערבליקען אין מענשען די גאַנצע ליכטיגע וועלט וואָס איז אמעריקאַניש געווען אין זיינע טעג איז היינט ניט מעהר אמעריקאַניש. לאָנגפעלאָו מיט זיין ליכטיג האַרץ און מיט זיין ליעבע צום קלענסטען פליגעלע און גראָזעלע, וועלדער און טייכען, מיט זיין בעוואונדערען יעדען פאַרנאַכט און זונאויפגאַנג — ער איז פאר היינטיגען דור ווי אן אָפּקלאַנג פון אַלטע צייטען. כאָטש ער ווערט פיעל געלעזען, אָבער הייאַ־וואַטאַ׳ס פּאַסטען, די וועלט און מענשען צו בעגליקען איז ניט דער אידעאַל פון דער היינטיגער אמעריקא און עוואַנזשעלינס גרויסע בענקשאַפט צום געליעבטען פון איהר האַרצען איז ניט דער אידעאַל פון דער היינטיגער יוגענד. און וואַלט וויטמאַן מיט זיין ברייט האַרץ, מיט זיין פלאַנצען חבר׳שאַפט צווישען די בערג מיט די מענשען, צווישען מענש און מענש, מענש און גראָז — ס׳איז ניט דער אידעאַל פון דעם היינט. דער היינט פערנעהמט זיך מיט צושטערען און חרוב מאַכען. אין געלט מאַכען האַלט זיך יע־

דער איינציגער אין זיין איינגענעם ווינקעל, אליין בעזונדער, אָבער אלע אינאיינעם האלטען זיך האנט ביי האנט אין צושטערען, צו-טרעטען די אלטע וועלטען.

קענט איהר ניט אריינקוקען טיעף אין לעבען אריין טאָ קוקט אין דער ליטעראטור אריין וועט איהר די צושטערונגס-ארבייט דערזעהען. איז צו וויט און צו ברייט די אלגעמיינע ליטעראטור, טאָ קוקט אריין אין דער אידישער ליטעראטור ט'איהר זעהן ווי בלויז גראָזען וואקסען אויף חורבות. אין חורבות זיינען פערוואנ-דעלט געוואָרען בנינים פון דורות. איבער די חורבות שטופט א אידישער פערדלשר זיין וועגעלע מיט פערפוילטע עפעל...

און אמעריקא'ס מוזיק פון ה י י נ ט י ג ע ן טאָג. אמעריקא'ס געזאנג פון היינטיגען טאָג. אמעריקא'ס טענץ אין דער איצטיגער צייט — דערמאָנט עס ניט אין א וועלט-אונטערגאנג?

מען זאָגט: דאָס אמעריקאנער פאָלק איז נ י ט מוזי-קאליש.

— ניט אמת!

דאָ איז אין דער מוזיק גליך ווי אין דער ליטעראטור. א פונדאמענט געלעגט געוואָרען פאר א בעשיידענער קלאסישער מו-זיק, וואָס דעם אינדיאנערס ליעד איז פאר'ן גרונט טאָן גענומען געוואָרען. דעם נעגערס, און אפילו דעם האוויערס מעלאנכאָלישע מעלאָדיע און האלבע טענער איז אריינגעפלאָכטען געוואָרען. אינ'ם טאנץ האָט מען דעם אינדיאנער'ס, נעגערס תנועה פאר א מוסטער גענומען...

אָבער די מיליאָנען-מאסען, וואָס האָבען אהער אריינגע-שטראָמט — וואָס האָבען זיי מיט דעם צו טאָן אין דער רגע ווען אין לעבען נעהט אָן אזא צושטערונג? יעמאָלט ווען זיי טאנצען אויף זייערע אייגענע חורבות?

די שעהנע אפערא-הייזער אין ניו יאָרק צי אין שיקאגא, וואו די בעסטע זינגער פון דער וועלט און בעסטע מוזיקאנטען פון דער וועלט שפיעלען און זינגען די גרויסע מעלאָדיען פון דער אלטער

וועלט; מאכען אויפלעבען גרויסע הארמאנישע וועלטען פון וועל־כע אזוי פיעל דורות בליקען ארוים — דאס געהער דעם אלטען דור. דאס שעהנסטע וואס דער אלטער דור, טאטע-מאמע האָ-בען בעשטעלט פאר זייער שטארבען. מיט דער גרויסער מוזיק פון דער אלטער וועלט בעגלייט מען דעם אלטען דור אויפ'ן עולם האמת... די יונגענד בעטייליגט זיך ניט אין יענער לויה. די יוגענד זינגט ניט אין יענעם גרויסען כאָר.

זאָגט ניט, אז דער יונגער דור איז נ י ט מוזיקאליש.

ווארום ווי איז עס נאָר מעגליך אזא זאך, אז קינדער געבוי-רענע פון אזעלכע מוזיקאלישע טאטע מאמע דאָ, ווי אידען און איטאליענער — דער ערשטער דור, וואס עסט נאך מיט טאטע־מאמע ביי איין טיש, לעבט אונטער איין דאך מיט זיין טאטע מאמע, אז אָט די קינדער זיינען נ י ט מוזיקאליש. ווי איז עס מעגליך?

איהר אָבער הערט זיך צו צו זייער געזאנג, צו זייער ליעד און איהר וועט דערקענען דעם אָבקלאנג פון דעם כאַאָסדיגען לע־בען פון די גרויסע מאסען. ס'איז ניט קיין געזאנג, איהר הערט ווי די אלטע מוזיקאלישע פארמען, מעלאָדיען ווערען צוטרעטען. די גאס זינגט ניט נאָר פילדערט, רייסט זיך פון האלז ארויס. הערט דער גאס זינגען דעם ר ע ג-ט י י ם, אידען און איטאליענער-יוגענד זינגט עס, און איהר הערט א וועלט-אונטערגאנג, א מוזי־קאלישע וועלט, אינאיינעם מיט א לעבען, וואס שפיגעלט זיך אָב אין דער מוזיק.

די ליעדער בעגלייט אמאָל דעם טאנץ, און צוזאמען קומט עס אוים אזוי אומגעלומפערט, אזוי אָהן טאקט, אָהן ריטם. דער יונגער נער דור טאנצט זיין כאָאָס-טאנץ. און דער ריטם פון צושטערונג איז דער ריטם פון זיין ג ע ז א נ ג; דער טאקט פון זיינע טענץ...

דער ערשטער דור שטארבט מיטנעהמענדיג מיט זיך אין קבר אריין זיין איינענע שפראך, ליעבע טראדיציעס. דער צווייטער דור

וואקסט אוים שטארק און געזונד און מיט פעסטע מוסקלען, גע־שפייזטע פון טאטע־מאמע׳ס אונטערגאנג — אויך ער וועט און־טערגעהן. ער מיט זיינע טענץ און געפילדער וועט אבטרעטען דעם וועג פאר יענעם דור וואס וועט זיין גרויסע, ליכטיגע ליעד אויפ־זינגען, נאך וועלכער ס׳בענקען אזוי אמעריקא׳ס בערג, אמעריקא׳ס טייכען, פעלדער און וועלדער.

אמעריקא וועט זיך שוין צום אלטען ניט אומקערען. מיט דער שנעלקייט פון שטורם-ווינד געהט זי אוועק פון אלטען. גיכער צו גלויבען, אז די בעניימטע אייראפא וועט זיך לאזען אויף דעם וועג פון דער איצטיגער אמעריקא; וועט אויך איהרע אדערען פאר דעם גאלד-שטראם עפענען.

און זאלען פעלקער און נאציאנען ניט האפען, אז אויף אמע־ריקא׳ס ערד וועט נאך יעדעם פאלק אויפבליהען בעזונדער מיט זיין אייגענער שפראך. אפשר וועלען צייטען קומען ווען א גע־לייטערטעס יודענטום וועט בליהען אונטער אמעריקא׳ס הימלען. זיינען נאך ניט געבוירען געווארען די לייטערער. איצטער איז די ממשלה פון די צושטערער אין אונזער גאס.

ס׳האט יעדעס פאלק, יעדע ראסע פון די אלע אלטע וועל־טען, א שטיק הארץ פון זיך אבגעריסען, א שטיק לעבען פון זיך אבגעריסען, טייערע, ליעבע קינדער פון זיך אבגעריסען און א מתנה געשיקט דער יונגער, ליכטיגער אמעריקא צו בעשאפען א פאלק פאר דער יונגער ליכטיגער אמעריקא. און אזוי ווערט דאס פאלק בעשאפען. רוי און אהן פארמען זעהט עס אוים, אבער ווער נאך ווי מיר אידען ווייסען אזוי גוט, אז ניט איין טאג ווערט א פאלק געבוירען!

ווער נאך ווי מיר אידען ווייסען אזוי גוט, אז הונדערטער יאהרען אין לעבען פון א פאלק איז אפטמאל צו איין נישטיגען טאג פון איין מענשען ניט געגליכען; און אז יעמאלט ווען מען האט שוין אידען פון שפאניען געטריבען האט ערשט אמעריקא איהר נאמען בעקומען....

— ווער זיינען אט די אלע, וואס שטעהן פון ווייטען און קור־קען צו דער צושטערונג און דריקען אוים זייער טרויער? אט מא־קי מיר אלע, וואס ווילען דעם היימישען פעקעל פון זיך ניט אראבווארפען, שטעהענדיג שטענדיג ווי אויפ'ן וועג, גרייט צוריק אין דער אלטער ועלט זיך אומצוקערען, צוריק אין דער שטיל זיך אומקערען צו דער אלטער היים?...

— דאס זיינען די, וואס זיינען מיטגעפאהרען אין וועג אריין צו בעגלייטען די קינדער פון זייער פאלק, די מתנה פאר דער יונגער אמעריקא, בעגלייטען די וואס וועלען שוין דא בלייבען. און צו שווער איז פון אייגען בלוט זיך צו שיידען.

און אזוי שטעהן מיר און קוקען ווי א ו נ ז ע ר ע שעה־נע וועלטען ווערען צובראכען, פאלקס־חלומות ווערען צוריסען...

צייטענווייז דאכט זיך אז אט באלד ווערט ס'הארץ צוריסען פאר צער, און צייטענווייז שפרינגט ס'הארץ פאר שמחה זעהענ־דיג ווי א גרויס פאלק ווערט בעשאפען, ווי א גרויס, ליכטיג לעבען קומט פון צווישען חורבות ארויס...